STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10270

# ALEF IZ AN ODLER

Izo Shapira

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איזאַק שאַפּירא

# אלעף איז אַן אָדלער



איזאָ שאפּירא

צייכענונג פון איזיו שערף

איזאָ שאַפּירא

# אַלעף איז אַן אָדלער

ראָמאַן

פאַרלאַג קריטעריאָן
בוקאַרעשט, 1979

גראפיקער: סערדזשיו דינסולעסקו

# דעם לייענער א פאָרוואָרט

נישט יעדער קאָן זאָגן, אז מע לעבט-דערלעבט מען.

גיין זענען זיי געגאנגען א סך, א המון, ווייל דער געראנגל איז געווען צווישן ליכט און פינצטער, צווישן לעבן און טויט, צווישן אויפגייענדיקער זון און געדיכטער כמארע. דער נאַציזם האָט געדראָט די וועלט.

דער נאציאָנאלער מאסשטאב האָט זיך פארוואנדלט אין אן אינטערנאציאָנאלן. אזוי זענען געבוירן געוואָרן אין שפאניע די אינטערנאציאָנאלע בריגאדעס. פון זון געברענטע ערד האָט איינגעזאפט און פארברידערט צוויי-און-פופציק-פעלקער-בלוט.

די לעבנגעבליבענע האָבן געוואנדערט צווישן שטעבל-דראָט, שטורעם און נאכט, איבער דרייהונדערט זעכציק מע-רידיאנען, צווישן זיי — אויך אלעף און די אנדערע.

ווען אין היימלאנד האָט געפלאקערט דער פאָלקס-קאמף קעגן פאשיזם, קעגן די פארשאָלטענע נאצים, האָבן זיך אויך זיי דערשלאָגן אהיים, ווער פון פראנקרייך, ווער פון דייטשלאנד, ווער פון הייסן דרום — אזש פון די סאהארע-גרענעצן, ווער פון קאלטן צפון.

אין דער היימישער נאטור האָבן זיך אין קאמף פארוועבט חלום און לעגענדע, מעשהלעך וועגן גרויע וועווריקלעך,

זוענן בערן און מאלינעס, שוועמלעך און שרעטעלעך, ווענן יונגער ליבע פון אלטע פאסטוכער.

אחוץ דעם — סעקווענצן פון חלום, ליידן און האפע־נונגען פון די לעבנגעבליבענע, פון די וואס קאנען זאגן:

אז מע לעבט־דערלעבט מען...

ח. ג.

ערשטער טייל

# רעגנבויגנס אין פרילינג

# 1

די רעגנבויגנס פֿון פֿרילינג פֿארטרייבן דעם נעפּל אין וואַלד.
פּארטיזאנער זענען אויסגעוואַקסן אין וואַלד. אָבער נישט תּמיד איז דער וואַלד דאָס זיכערסטע באַהעלטעניש.

אין א שיינעם פרימאָרגן, די זון איז קוים ארויסגעקראָכן אויפֿן בארג, האָבן ביקסן אויפֿגעבליצט און געהילכט פֿון אַלע זייטן.

שטיי !... שטיי... !

ס'איז קיינער נישט געבליבן שטיין, מע האָט געראַטעוועט, וואָס מע האָט געקאָנט — אין ערשטער ריי דאָס געווער.

אין דער שיסעריי איז אומגעקומען אנדרו...

א פלאַקסהאָריקער ווי א פינגער, וואָס רופֿט זיך אנדרו. אפשר איז עס זיין אייגענער נאָמען, אָדער אַן אויסגעלייגענער ? — אין וואַלד קאָנטראָלירט מען נישט די אידענטיטעט.

פֿון פאַך איז אנדרו היינט א ראַדיאָ-טעכניקער, האָט ער אויפֿגעהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיטן ווייטן צענטער.

איצט איז אנדרו פֿאַרזונקען אין תּהום.

די שיסעריי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען אים געזוכט — און נישט געפֿונען.

— וויקו איז גערעכט, מען איז צו לאַנג געזעסן אויף דעמזעלבן אָרט. מע האָט זיך געלאָזט וואוילגיין — גאָר נישט ווייט איז די באַן-ליניע, די צוגן מיט די נאַפֿט-ציסטערנס. פֿאַר זיי זענען צוגע-גרייט די ספּעציעלע מינעס צום אויפֿרייסן די ציסטערנעס — כּדי די דייטשן זאָלן נישט האָבן מיט וואָס צו הייצן זייערע טאַנקען.

צוליב פראוויאנט און לעבנסמיטל דארף מען אויך נישט ווייט פארן פון דאנען.

אנדרו איז יעדן פרימארגן ארויפגעקראכן דעם שפּיץ בארג און געקוקט מיטן צעגטער. ער האט געהערט, אז מע דארף שוין בייטן די באזע...

סע זענען שוין אוועק איבער צוויי חדשים, דאכט זיך, און מע זוכט נאך אלץ א ניי מקום-מיקלט און מע קאן זיך נישט אנטשליסן, צו פארלאזן די נוטע, אלטע באזע — ווי א נוטע, איינגעגעוווינטע היים.

אנדרו איז נישט דער ערשטער קרבן אין דער אקציע, אין דער מיסיע.

ביים אריבערגיין די פראנט-ליניע איז סערדזשיו שטענדיק געלאפן פארויס. פלינק ווי א הערשל, זוכנדיק א נישט באוואכטע סטעשקע — האט א פארבלאנדזשעטע קויל דורכגעלעכערט זיין יונגע ברוסט...

...אנדרו איז געווען אין דער היים א לערער. זיין קלארע, אפענע צורה האט געשטראלט מיט גוטסקייט און ליטיזעלקייט. זיין ברייט געבויטע, מאסיווע ברוסט — א שוץ קעגן אלדאם בייז.

קינדער האבן זיך דערפרייט, אז זיי האבן אים דערזען. ער האט זיי אויפגעהויבן און געדרייט אין דער לופט אין א רינגל-ראד.

ער איז בטבע געווען א שווייגנדיקער. אפשר אויך דערפאר — ווייל ער האט די לאנדשפראך נישט פארשטאנען.

ס'האט זיך צו אים אמאל צוגעטשעפעט א גלח אין א סקיט. דער גלח האט נאך קיינמאל נישט געזען אזא פלאקסווייסן סאלדאט אין אזא אוניפארם.

נאש האט דעם גלח פארדעדט די ציין, אז די מלחמה, די צרות האבן אנדרון ווייס געמאכט, דערצו האט ער איצט אויך צייןווייטיק. ער קאן נישט רעדן...

— איך זעט נישט, ווי די באק איז אים געשוואלן?

דער גלח האט פארדעכטיק געשמייכלט — קיין ווייסע ראבן האט ער אין זיין לעבן נאך קיינמאל נישט געזען, אויך נישט קיין ווייסע ציגיינער...

וויכו האָט ווידער געטראַכט, אַז ביים צענטער איז מען נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק. ס'איז צו ריזיקאַליש צו קלעטערן מיט דעם בלאָנדן אַנדרו אויף די קאַרפּאַטן-בערג...

פּאַרפּאַלן — אומזיסט וואַרטן איצט די שולקינדער אויף זייער לערער, וואָס פּלעגט זיי דרייען אין קאַרוסעל...

## 2

ווען מע האָט אַרויסגערופן די גרופּע אינטערברינאַדיסטן, האָט קיינער פון זיי נישט געוואוסט, צו וואָס און צו ווען?

נאָך אַ לאַנגער נסיעה, ווי נאָר זיי זענען אַראָפּ פון צוג, האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין אַ וועלדל מיט באַהאַלטענע ווילעס.

די ווילעס, צעוואָרפן איבערן וועלדל, זענען נישט העכער פון די יונגע ביימער, וואָס זענען נישט לאַנג דאָ פאַרפלאַנצט געוואָרן.

אַ קינדערלאַנד איז דאָס וועלדל. יונגע שפּראָצונגען, קלעטער-בלעטער, קרייזלען זיך אויף צאַרטע יאָדלעס, קלעטערן איבער די דעכלעך פון די ווילעס, אַרום די שטאַכעטן פון באַלקאָנען און טע-ראַסעס. אייניקע ווילעס זענען אויס ווי שטעלעכלעך, וואוהין עס פאַר-בלאָנדזשען קראָליקלעך, וואָס וואויווען אינאיינעם מיט די קינדער פון וועלדל.

נאָך זייער יאָרנלאַנגנען נע-ונד, אין די לאַנגערן און מדבריות, אין היצן און פרעסט, האָט דאָס פרילינגדיקע וועלדל אַרומגענומען די אינטערברינאַדיסטן מיט זיין זאַפטיקער פרישקייט, מיט זיינע שפּילעוודיקע פאַרבן, וואָס דערקוויקן דאָס אויג.

דאָס שפּרודלענדיקע וואַסער נישט ווייט פון וועלדל שיצט די קינדער, זיי זאָלן נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

דאָס קינדער-לאַנד פאַרלאָזט מיט זיין בישוף די אָפּגעהאַר-טעוועטע יאַטן, טוליעט זיי צו זיך מיט זיין היימישער וואַרעמקייט.

פריער איז דאָס וועלדל געווען אַ דאַטשע אויף אָפּרו, אין דער צייט פון מלחמה האָט מען עס פאַרוואַנדלט אין „פּאַרטיזאַנער-וועלדל".

דאָרטן האָבן זיך געטראָפן אינטערבריגאַדיסטן פון פאַרשיידענע נאַציעס.

מען האָט זיי אויסגעהערט, אויסגעפרעגט, צי גאָכן שפּאַנישן בירגער־קריג, נאָך אַזוי פיל יאָרן לאַנגער, זענען זיי נישט מיד גע־וואָרן? איז זייער קאַמפּס־גייסט נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן?

מאַגדאַ האָט באַלד איינגעזען, אַז די שפּאַניע־קעמפער זענען באַהערשט פון איין געדאַנק, פון איין וואונטש, ווייטער צו קעמפן מיט אַלע כוחות ביז צום ענדגילטיקן נצחון.

מאַגדאַ, אַ חנעוודיקע, ענערגישע חברטע האָט געזאָרגט דער־פאַר, אַז די גרופּע אינטערבריגאַדיסטן זאָלן גיך קומען צו די כוחות. זי האָט זיך באַמיט אויפצוהייטערן זייערע געמיטער, וואָס זענען שטאַרק מיטגענומען פון לאַנגדויערנדיקע שטראַפּאַצן, פון עקספּלאָזיווע איבערלעבונגען און מלחמה־וואונדן.

זי האָט צו יעדן געשמייכלט מיט גוט־ברודערשאַפט.

זי האָט די אינטערבריגאַדיסטן אַרומגעפירט איבעראַל און זיי געוויזן די רחבותדיקע גאַסן און מאָנומענטן. גלייכצייטיק האָט זי יעדן באַזונדערס צוגעגרייט פאַר זיין וויכטיקער אַנטשיידונג אין ווייַ־טערדיקן קאַמף.

היינט — מאָרגן דאַרפן אַראָפּקומען הויכע עפּאָלעטן. אַז דער שעף וועט אַ פרעג טון, דאַרף שוין זיין קלאָר ביי יעטוועדן, וואָס ער האָט בדעה אויף להבא.

פינף יאָטן זענען געווען גרייט און אַנטשלאָסן צו גיין אַהין, וואו מע דאַרף זיי האָבן.

מאַגדאַ האָט קיינעם נישט צוגעאיילט, פאַרקערט, זי פלעגט ראָטן יעדן איינעם, אַז ער דאַרף זיך גוט באַטראַכטן:

— ביסט, דאַכט זיך, שוין מיד? זעסט אויס קרענקלעך? וואָס פעלט דיר? מיט די נערוון, ווי האַלסטו? פסיכיש ליידסטו נישט פון דעפּרעסיעס?

— אַז מען איז אַנטשלאָסן, האָט מען נישט אויף אַזעלכע פראַגעס וואָס צו ענטפערן.

— אויב אזוי, דערציילט זשע פון דעם און פון יענעם... ווער האָט געקאָנט חלומען, אז מיר וועלן זיך דאָ טרעפן?

— מיר האָבן געמיינט, אז מע האָט שוין אין אונדז פארגעסן שמייכלט אלעף מיט אן איראָנישן ביטול...

— וואָס הייסט פארגעסן? מיר האָבן אייך נאָכגעשפירט, טריט ביי טריט, אויף אלע אייערע וועגן.

וויקו איז זיך באוואוסט, אז דאָס איז ניכער זיין פארדינסט. ווייל ער האָט געשריבן אין צענטער, דערפאר האָט מען זיי אהער גערופן.

נאָך איז גוט אויפגעלייגט:

— פטור געוואָרן די קוילן-גריבער — וואו ער איז פאר-שווארצט געוואָרן.

נאָשן האָט מען נישט קיין סך געפרעגט. מע האָט גלייך דער-קענט אויף זיין צורה, אז ער איז גרייט.

מיט יורין איז עפּעס אנדערש. ער זעט אים אומאנטשלאָסן און איז גאָרנישט נייגעריק צו וויסן, וואָס עס קאָן געשען. מע האָט דעם איינדרוק, אז עס איז אים כמעט גלייכגילטיק: — איר ווילט אזוי — זאָל זיין אזוי. איר האָט אונדז גערופן, זענען מיר געקומען. וואוהין איר פירט אונדז, אהין גייען מיר. מיר זענען ארומגעפאָרן פון דרום קיין צפון, פון מערב קיין מזרח...

דאָ זענען מיר שוין צום דריטן מאָל. לעבן איז באוועגונג, על אחת כמה וכמה-מלחמה.

מלחמה איז א קארוסעל. און דאָך וויל זיך וויסן און פאר-שטיין...

— קאָנסט פרעגן, נאָר איך בין נישט זיכער, צו מע וועט דיר ענטפערן אויף דיינע קשיות...

— פארוואָס, צוואָס פירט מען אונדז אין קארוסעל?

— דערויף איז נישטאָ קיין ענטפער...

— גם זו לטובה, גוט איז דאָס, וואָס מע האָט אונדז אין זינען, ביטער איז, ווען מען פארגעסט אין דיר. דעמאָלט מעג מען שוין קדיש זאָגן, אויסגעשפילט די קאָמעדיע...

— ווייסט, נאש, וואָס מאַנדרא האָט מיך געפרעגט: צי איך וויל נישט גיין מיט דער גרופּע דייטשע פּאַרטיזאַנער?

צוערשט האָט זי מיך באַדויערט, וואָס איך זע אויס מיד און דערשלאָגן. דערנאָך — אויב שוין יאָ ווייטער גיין, איז אפשר גלייכער גיין מיט די דייטשע פּאַרטיזאַנער. איך קען די שפּראַך, דאָס לאַנד, די מענטשן. מע וועט אונדז דאָרט פּאַראַשוטירן אויף א זיכער פּלאַץ...

— הער נאָר, הער — איך בין שוין איינמאָל אַריינגעפאַלן מיט די דייטשן, זאָל איך ווידער איבערחזרן די שפּיל. — ניין, זאָג איך איר, איך וויל בלייבן אינאיינעם מיט מיינע פריינד. מיט זיי האָב איך געבלוטיקט אין די שפּאַנישע טראַנשייען, אינאיינעם געלעגן אין לאַגער, אינאיינעם געהונגערט, אינאיינעם געחלומט... פון דעם וועלדל זיך לאָזן ווייטער אין וועג אַריין, איז נאָר אינאיינעם מיט מיינע פריינד.

— איך גלויב, וויל מע האָט צו דיר מער צוטרוי, שלאָגט מען דיר פאָר א וויכטיקערע מיסיע, צו זיין מיט די דייטשע פּאַראַשוטיסטן — פּאַרטיזאַנער, — פּאַסקענט וויקו און פאַרענטפערט אַלץ.

— א דאַנק פאַר דעם צוטרוי. ס'איז מיר נישט צום האַרצן.

## 3

פרילינג 1944.

— דער קריג הענגט נאָך אין דער לופטן. דער דייטש האָט נאָך נישט געבראָכן דעם קאָפּ. זיינע הענט און פיס זענען שוין געלאָמט, ער קאָן מער נישט גיין פאָרויס. אויף צוריק שלעפּט ער זיך ווי אויף שטאָלצן. מע דאַרף אים וואָס גיכער אָפּהאַקן דעם קאָפּ, און אין ד'רערד אַריין...

דער שעף שמייכלט צו אונדז מיט א פול, ראָזעווע פּנים. דער פרילינג פאַרבט זיינע באַקן.

דאָס פּאַרטיזאַנער-וועלדל גרינט און שפּראָצט. אַלץ וואַקסט זייער גערדיכט און קליידט זיך מיט זאַטע פאַרבן. די פייגעלעך צוווי-

טשערן סודותדיק. טיר און פענצטער זענען אָפן: א פרישער ווינט שושקעט דורך די צווייגן פון בלעטער־באלדאכין.

יורי און נאש זעצן זיך אויפן גראָז־טעפיך. ס'איז פייכטלעך, דאָך איז אָנגענעם זיך אויסצושטרעקן אין דער גאנצער לענג אויפן הויכן גראָז.

דער רויעך פון ציגארעט צעבלאָזט די חלומות. אונטער פאר־מאכטע אויגן־לעפּלעך בייטן זיך די בילדער אָן אויפהער.

— כ'האָב געמיינט, זאָגט נאש, מיר וועלן שוין פארענדיקן די מלחמה ביים ים...

— ס'איז אָבער דאָרט צו היים געווען. ס'האָט ממש געברענט אויף דיר דאָס לייב.

— האָבן מיר געטראכט, מע דארף עפּעס טון. לאָמיר גיין העלפן אויסלאָדן די לאסט־שיפן...

האָט דווקא עקספּלאָדירט די שיף. עס האָט געדונערט און גע־בליצט. מיילן־ווייט, אויף צענדליקער קילאָמעטער, האָבן די פלאמען איינגעשלונגען די פינצטערע נאכט.

ס'איז אראָפּגעקומען א קאָמיסיע צו אונטערזוכן און אויסגעפי־פינען די שולדיקע, די סיבה פון דער עקספּלאָזיע. דער פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע האָט אין דער גרעסטער היץ נישט אויסגעטאָן דעם לעדערנעם מאנטל און דעם לעדערנעם קאשקעט. אפשר איז דאָס א שוץ־מיטל קעגן היץ, אָדער עס געהערט צו דער פּראָפעסיע...

דריימאָל א טאָג, אין דער גרויסער היץ, מארשירן די אינ־טערבריגאדיסטן צום רעסטאָראן. מע פארבייסט געזאלצענע הערינג מיט זויערן באָרשט, מיט פלוימען־קאָמפּאָט.

צוריק אין מאטראָסן־קלוב שטרעקט מען זיך אוים אויף דער פּאָדלאָגע, זיך אָפּצוקילן.

ווי לאנג איז דער שיעור זיך אויסצורוען?

האָבן די יאַטן נאָך אמאָל געשיקט א בקשה צום צענטער, אז מען איז גרייט צו קעמפן אויפן פראָנט און נישט זיך וואלגערן אין די היצן, ביים ים.

...די שיפן זענען איבערגעפולט. די צונן זענען אָנגעשטאָפּט. די וואָס קומען מיט דער באַן, פאָרן ווייטער מיט דער שיף און פאַרקערט.

דאַרף מען צומאָל וואָכן־לאַנג וואַרטן אויף אַ פּלאַץ. די פּאַ־סאַזשירן וואַלגערן זיך אין דרויסן אויף די זאַכן, אויף די פּעקלעך. ווען מע וואָלט געמענט צענעמען די באַלגס באַוול, וואָס ליגן אָנגע־וואָרפן הויפן־ווייז ביי די ברעגעס פון ים, וואָלטן די פּאַסאַזשירן נישט געשלאָפן אויף נאַקעטע שטיינער.

דערווייל איז נישט אַהין און נישט אַהער. נישט אויפן פראָנט און נישט אויף אַרבעט.

מיכל האָט געפונען אַ באַשעפטיקונג. סע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַרויסהעלפן דער בוכהאַלטעריע און דער אַדמיניסטראַציע. דער־נאָך האָט אים די בוכהאַלטערין איינגעלאַדן צו זיך. פּירמע ער שוין אַ טאָפּלטע בוכהאַלטונג. ווייניקער אין דער אַדמיניסטראַציע, מער ביי איר אין שטוב.

וויקו איז געגאַנגען צום דענטיסט, זען ווי מען אַרבעט דאָ אין דער טעכנישער לאַבאָראַטאָריע. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט דער יונגער אַסיסטענטקע, וואָס לערנט זיך דאָס פאַך. ער העלפט איר. אַזוי ווערט די אַרבעט אַלץ גרינגער און אָנגענעמער.

אַ מענטש קוקט אַרום אויף ליבע אַ גאַנץ לעבן. אַ שטראַל פון ליבע וועקט געפילן פון גליק, נעמט אַרום מיט נייער האָפענונג...

## 4

אין וועלדל האָט זיך שוין פאָרמירט די גרופּע פּאַרטיזאַנער.

זיי האָבן שוין אַן אינסטרוקטאָר, אַן אינזשינער, אַ קאַפּיטאַן, וואָס פאַרברענגט מיט זיי יעדן אין דער פרי.

נאָכמיטאָג האָבן זיי אַ פּריוואַט פּראָגראַם. דאָ געוועלטיקט מאַנדראַ. זי געשטאַלטיקט דעם אויפהאַלט אין וועלדל וואָס אָנגענעמער און פרייַלעכער, די יאָטן זאָלן זיך דאָ וואָס בעסער פילן און פאַרווייַלן.

זי פירט זיי אין שטאָט, אין מוזייען, אויף עקספּאָזיציעס, אין טעאַ-טער. מיט אַלע אירע באַציונגען קאָן זי נישט באַקומען אַ בילעט אין דער אָפּערע.

מע פירט די יאַטן אויך אין באָד אַריין. מע נימט דערביי אַכטונג, וואָס אָפּטער צו דעסאינפיציִרן די קליידער.

גלייך ביי זייער אָנקום, איידער וואָס-ווען, איז מען מיט זיי געגאַנגען פון וואָקזאַל דירעקט אין באָד אַריין. אַלע וועש וואַרפט מען אַוועק און מע באַקומט פרישע אויפן אָרט. די קליידער ווערן גערייניקט, בעת מען איז אין שוויץ. ווער סע קען נישט דעם סיס-טעם און נעמט נישט אַרויס דעם לעדערנעם גאַרטל פון די הויזן, געפינט ער אים דערנאָך פאַרשרפּעט.

די קעסט איז געווען גאַרנישט ווי געווינטלעך. נישט קיין שוואַרץ, קלעביק ברויט, נאָר ווייסע חלה.

קיין שום מאַנגל נישט פון פלייש און זיסקייטן. אַזוי אַז דאָס וועלדל איז געווען פאַר אַלעמען אַ געזונטע פּאַפּראַווקע.

די פּאַרטיזאַנישע אינסטרוקציע איז אין גאַנצן באַשטאַנען פון אַ שפּאַציר אַרום וואַלד, מיט אַ געמיטלעכן שמועס.

ס'איז נישט קיין גרויסע תורה צוצוקלעבן מינעס צו נאַפט-ציסטערנעס. מע דאַרף נאָר זען, מע זאָל דיך נישט כאַפּן. די מילי-טערישע אוניפאָרם שאַפט דעם איינדרוק, און דו ביסט אויך אַ וואַך פון די צונג.

אַזוי האָבן פּאַרטיזאַנער שפּעטער אַראָפּגעקלעטערט פון די בערג און געזאָרגט דערפאַר, אַז דער פּעטראָל זאָל נישט אַריינפאַלן אין די נאַציִשע הענט און די ציסטערנעס זאָלן עקספּלאָדירן, איי-דער זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

די מינעס זענען איינגעשטעלט לויט אַ זייגער און עקספּלאָדירן צו דער געוואונטשענער מינוט. די מיסיע איז געלונגען דערמאָלט, ווען דער פּאַרטיזאַנער איבערצייגט זיך, אַז די עקספּלאָזיע איז פאָר-געקומען צו דער באַשטימטער צייט, זעענדיק ווי גרויס דער שאָדן איז.

אָבער אויך אין דער מיליטערישער אוניפֿאָרם איז נישט לייכט ארומצופֿאָרן אין מלחמה-צייט.

פאר יעדער מיסיע האָט מען אויסגעשטעלט א מיליטערישע דערלויבעניש מיט א שטעמפּל.

דאָס איז געווען מיכלס אויפּטו.

מע האָט געקלעטערט ביינאכט איבער בערג און אָפּגרונטן, כדי זיך דערנענטערן צום טאָל. ארויפקלעטערנדיק דעם בארג האָט זיי דורכגעווייקט א שלאַקס-רעגן.

אויפן שפּיץ-בארג האָט געשטראַלט די זון. דאָס שוץ-הייזל איז געווען פארשלאָסן. האָט מען עס איינגעבראָכן. קיין לעבעדיק נפש ארום און ארום.

אויסגעטאָן די נאַסע קליידער און זיך אויסגעשטרעקט אויף די פּריטשעס, האָט מען זיך באטראכט, אז אויף אזא אופן, בייטאָג זיך באהאלטן אין געדיכטעניש פון וואלד און ביינאכט קלעטערן איבער בערג, וועט מען אפשר אָנקומען צום ציל, ערשט נאָך דער מלחמה.

גאנצע צוויי וואָכן האָט עס געדויערט, ביז מען האָט זיך דער-שלאָגן צום בארג.

מע מוז ארוים אויף דער ליכטיקער שיין, כדי וואָס גיכער אָנצוקומען אין טאָל.

מיט אן אויסווייז קאָן מען גיך דערגיין — צוערשט אויף פּליטן, דערנאָך אויף דער באַן, ביז צו די נאַפּט-סאָנדעס.

דערצו דארף מען אָבער האָבן א פּאַפּיר, א מארשרוט, א דער-לויבעניש. אויב נישט, פאלט מען, חלילה, אריין אין די לאַפּעס פון שונא.

— זעט, האָט טריומפירט מיכל. מיט אָט דער מטבע און מיט אָט דעם כעמישן בלייפעדל מאך איך אן אמתדיקן שטעמפּל און מיט א געשטעמפּלטן מארשרוט, קאָנען מיר זיך פריי באוועגן...

## 5

דער אינסטרוקטאָר פונעם פּארטיזאנער-ווערדל האָט נישט גע-טראכט צום מאַרשרוט און נישט צום שטעמפּל.

דאָס איז צום ערשטן מאָל א גרופּע פּאַרטיזאַנער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דאָזיקן לאַנד.

דער אינסטרוקטאָר איז געווען אַן אָנגענעמער פּלוידערער. ער איז געווען איינגעליבט אין מאָלער לעוויטאַן, אין שרייבער טשע־כאָוו.

— לעוויטאַנס בילדער זענען א הימען פון רוסישן סטעפּ, וואו עס זינגט יעדעס גרעזל, פון יעדן וואסערל קוואַלט די רוסישע נשמה...

— טשעכאָווס פּיעסן שפּיגלען אָפּ די דערהויבנקייט פון רוסישן כאַראַקטער, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער האַמעטנער ווירקלעכקייט.

— איר זעט, זעצט פאָר דער קאַפּיטאַן זיין אינסטרוקציע, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע געבאָט: כאַפּט מען אייך און איר קאָנט נישט אַרויס פון דער קלעם, איז „תמות נפשי עם פּלישתים“, רייסט איר אויף דעם גראַנאַט, וואָס איר האַלט שטענדיק אין דער ברוסט־קע־שענע און קומט אום אינאיינעם מיט די פּלישתים. לעבעדיקערהייט טאָרן זיי אייך נישט באַקומען אין זייערע הענט.

— יעדער פּאַרטיזאַנער האָט א הייליקע מיסיע, צו פאַרניכטן און דערשטיקן די פאַשיסטישע ווילדע חיות, ביז אין זייער הייל.

...נאָך צוויי וואָכן אינסטרוקציע איז די גרופּע פּאַרטיזאַנער אַריינגעפּאָרן אין שטאָט.

אין א זייטיקן קוואַרטאַל, אויפן אויבערשטן עטאַזש פון א גרויסן סקלאַד, געפינט זיך א פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדע. זי האַלט פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס און פאַרזאָרגט זיי, דורך פּאַראַ־שוטן, מיט אַמוניציע און מעדיקאַמענטן.

אַן עלטערער מאַן מיט א לענגלעך, שטאַרק געקאָרטשעט פּנים, די הענט טיף פאַרגראָבן אין די קעשענעס פון א לעדער־מאַנטל, זיצט אויף קעסטלעך, פאַרקראָכן ערגעץ אין א ווינקל.

— נו, קינדער, טוט זיך איבער. איר דאַרפט אויסזען ווי ליי־טישע סאָלדאַטן. ווײַלט זיך אויס דאָס פּאַסיקסטע און בעסטע פונעם בעסטן.

אָבער די שטיוול, דוכט זיך, זענען איטאַליעניש... און די מאַ-שין-ביקסן זענען יאַפּאַניש...

— ס'שאַדט נישט. אין אַזאַ לאַנגער מלחמה האָט זיך אַפילו דאָס בלוט אויך אויסגעמישט... אַז מ'כאַפּט אייך, איז שוין אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ שיך איר טראָגט און מיט וואָס פאַר אַ ביקסן איר שיסט.

— לאָמיר בעסער זען, ווי עס האַלט מיט אייער אָריענטאַציע...

— זאָגט נאָר, וואו איז קאָלמאַס?

— אין נריכנלאַנד.

— ס'הויבט זיך נישט אָן. און וואו איז בעלעשט?

— אין רומעניע.

— אויך נישט געטראָפן. איצט פרעגט איר, זאָגט דער שעף.

— וואו איז די גאַס ראַמעגנוויל?

— ע-ע, אין פּאַריז. אַז מען קריכט ארויף די אַלטע גאַס פּאַ-בור די טאַמפּל ביז צום העכסטן פּונקט, פאַרנעמט זיך דאָרטן די זייטן-גאַס, די ראַמעגנוויל. דאָרט קריכט מען אויך אַראָפּ צו דער טיפסטער מעטראָ-סטאַציע, אַן אויסגעצייכנטער שוץ-קעלער. קלאָשאַרן שלאָפן ביינאַכט אויף די טרעפּ פון מעטראָ. נאָך איין סטאַציע דער-גרייכט מען די פּעריפעריע פון פּאַריז, פּאָרט לילאַ.

— אויסגעצייכנט... זאָגט חבר, שעף, וואו איז מאַנגאַליאַ?

— אין מאַנגאַליאַ עסט מען פעטן קעבאַב און מען פאַר-טרינקט אַ גאָלדענעם מורפאַטלאַר. דער שעף האָט אַלע שטעט און פּאָרטן פון דער ערד אין זיין קעשענע. אַ לעבעדיקער אַטלאַס. ער דערציילט ווייטער:

— אין מאַרסיי האָט מען דערהרגעט אונדזער דיפּלאָמאַט. מען האָט מיך אַהינגעשיקט אויספאָרשן דעם ענין.

איך האָב זיך דערוואוסט, וועמענס אַרבעט ס'איז. אין אַ פרעמד לאַנד איז אָבער שווער אויסצורייכערן אַ נעסט פון טעראָריסטן.

אין אַן אָוונט האָב איך שפּאַצירט מיט אַ פרוי אויפן קיי פון אַלטן פּאָרט.

די טעראָריסטן האָבן מיר נאָכגעשפּירט.

פאר מיר איז געווען דער רוצח. ווען ער האָט זיך אויסגע־דרייט צו מיר, בין איך אראָפּגעשפּרונגען אין א לאָדקע.

איך בין פארשוואונדן צווישן די אומצאָליקע שיפלעך און זיך אריינגעכאפּט צווישן קרימינעלע, וואָס מע האָט זיי אָפּגעפירט אויף דער פיראטן־אינדזל.

די פרוי האָט עס געמאָלדן דעם קאָנסול און אזוי איז מיר געלונגען זיך צו ראטעווען, נאָך לאנגע באמיונגען.

עס קלינגט ווי א ראָמאן פון וויקטאָר הוגאָ.

די אינטערבריגנאדיסטן האָרכן פארכאפּט און געשפּאנט.

— נו, וואָס ווארט איר, יאַטן, טוט אָן די שיך...

ס׳איז דאָך איטאליענישע שיך.

— זאָל זיין איטאליענישע. דער מיליטער־וואָגן ווארט אויף אייך.

אין די רוקזעק איז אלץ פארפּאקט: מינעס, אמוניציע, ראדיאָ־אפּאראטן. זייט פאָרזיכטיק...

# 6

מע האָט געווארט ביז חצות.

עס שלאָגט די שעה פון טורעם.

די פארטיזאנער שטייגן ארײַן אין א מיליטער־מאשין מיט פלאכטעס, וואָס פארדעקן זיי, ווי אין א בויד.

זיי קענען דעם וועג.

אויף די וועגן האָבן זיי זיך געטרייסלט, ווי אין פיבער, אין א טראנספּאָרט פון שפּאנישע אינטערבריגאדיסטן.

אין יאָר 1943 זענען זיי אָפּגעזעסן, ביז אין ווינטער ארײַן, ביים ים, אין א היץ, אז מען האָט נישט געקאָנט באפּן דעם אָטעם.

דערנאָך האָט מען זיי איבערגעפירט צום פראָנט, פון א טראָ־פּישער היץ צום פראָסט.

די נסיעה האָט געדויערט א היפּש שטיקל צייט. אין די לאַסט-וואַגאָנען האָט זיך אַלץ מער אריינגעריסן דער פראָסט.

ביי יעדער באַן-סטאַציע, ביי יעדן אָפּשטעל, וואו נאָר דער צוג האָט זיך אָפּגערוט — דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַסטמאַטיש געקרעכצט — האָט מען זיך אַראָפּגעכאַפּט, זוכן א ביסל האָלץ, כּדי זיך צו דערוואַרעמען ביים פייער אין וואַגאָן, צי לעבן וואַגאָן. מע האָט נישט געשאַנעוועט קיין פּלייט, קיין קעסטלעך — ס'זאָל נאָר ברענען און וואַרעמען.

דער צוג האָט זיך צומאָל פאַרהאַלטן אויף א גאַנצן מעת-לעת, אפילו מער. טאָמער איז געווען א געראָמער וואָקזאַל, האָט מען גע-קאָנט איבערוואַרטן אויף דער באַן-סטאַציע.

צומיינסט זענען אָבער די וואָקזאַלן געווען צעשטערט פון די פאַשיסטן, וואָס מע האָט זיי, פון דאָ, נישט לאַנג פאַרטריבן — האָט מען זיך איינקוואַרטירט, וואו ס'זאָל נישט זיין, פּריוואַט. מע האָט זיך געטיילט מיט דער שטוב, מיטן עסן, מיטן שלאָף. מע איז גע-לעגן איינס אויפן אַנדערע.

אָנגעקומען לעבן פראָגנט, איז מען צוגעטיילט געוואָרן צו א פראָנט-שול, אין א דיוויזיע פון ארטילעריע.

דער פראָסט האָט געבראַכט, אז מע האָט נישט געקאָנט איינ-שטיין אויף איין אָרט. און דאָך האָט מען זיך יעדן אינדערפרי אין דרויסן געוואַשן ביז צום גאַרטל.

די פּראַקטישע לעקציעס האָט מען איבערגעגעבן אויפן פראָסט. מען איז מער ארומגעלאָפן ארום די קאַנאָנען, איידער געלערנט ווי-אַזוי אומצוגיין מיט זיי.

די אָפיצירן וואָס האָבן זיי געגעבן די פּראַקטישע לעקציעס — זענען געווען אָפּגעהאַרטעוועט, צוגעוואוינט צו דעם.

איינעם א סערזשאַנט האָט זיך אויך צוגעגעסן דער פראָסט, האָט ער פאַרשיכורט דאָס געצעלטס פון דער ארטילעריע-גרופּע מיט א פרייליכער קריגס-אַלמנה. מע האָט אים אָפּגעפונען און געשטעלט פאַר א מיליטער-געריכט. די חברה האָבן צו אים געהאַלטן — א

פרייליכער יאט — און האָבן זייער באַדויערט זיין שלימזל. שולדיק איז געווען דער פּראָסט.

ס'איז געווען א האָפּערדיקע צייט. די פאשיסטן האָבן געבראָכן האלדז און נאקן. מע האָט זיי צעבערעקלט פון אלע זייטן. נאָך א שטויס און נאָך א שטופּ, און די חיה וועט ליגן אויסגעשטרעקט.

אין אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט די קאָמפּאניע מאַרשירן מיט פרייליכע געזאנגען. דער קאָמאנדיר פון דער דיוויזיע איז געווען זייער צופרידן מיט דער קאָמפּאניע, וואָס האָט טאָג ווי נאכט ערגסט געלערנט די הלכות ארטילעריע.

א גאנצן טאָג האָט מען געמאכט ארטילעריסטישע אינסטרוקציעס. אין דער פרי, אין דרויסן, נאכמיטאָג, אין דער קאזארמע.

איין זאך האָט דעם קאָמאנדיר פון דער דיוויזיע נישט געפעלן:

— איר זינגט צו שיין, מיט צופיל געפיל. נישט אזוי זינגט א סאָלדאט.

— דער מאַרש דאַרף קלאַפּן ווי א האַמער אויף דער קאָוואדלע.

— דער ריטעם טראָגט זיך מיט איין איינציקן געדאנק: שטענדיק פאָרויס, נאָר פאָרויס. א ריטעם וואָס לאָזט נישט גיין צוריק, וואָס ווייסט נישט פון קיין אָפּהאַלט.

די קאָמפּאניע האָט זיך אנגעלאָדן מיט מער אימפּעט, היליכער געזונגען און שטורמיש מאַרשירט פאַרן קאָמאנדיר אויפן הויכן פערד.

דער קאָמאנדיר האָט געשמייכלט א צופרידענער:

— זעט איר, דאָס איז עפּעס אנדערש.

אזוי וועלן מיר צעקלאַפּן די פאשיסטן...

— אין א פּאָר טעג ארום קומט פאַר דער עקזאמען. עס פעלן קאַדערס, קאָמאנדירן פאַר ארטילעריע. איך האָף, אז איר וועט אויסהאלטן דעם עקזאמען און ארויס אויפן פראָנט און צעשמעטערן די בעסטיעס·

דער וועג אהיים איז נישט זייער ווייט.

עס וויל זיך שוין אהיים.

עס בענקט זיך.

די אויגן פון די אינטערבריגאַדיסטן לייכטן פון פרייד און גליק.

זיי גייען באַפרייען זייער לאַנד.

עס וויל זיך שוין אהיים...

עס ציט דיך צום אָרט וואו דו ביסט געבוירן, צו דער שטוב, וואו דו ביסט אויפגעוואַקסן, וואו דו האָסט זיך געשפּילט...

שוין לאַנג אַוועק פון דער היים.

שוין צייט זיך ווידער פילן, ווי אַמאָל, אין קרייז פון דער משפחה, פון פריינד, פון שכנים...

...נאָר איידער וואָס-ווען, איז השיבנו נאַזאַד.

עס איז אַראָפּגעקומען אַ באַפעל, אַז די אינטערבריגאַדיסטן דאַרפן פאַרלאָזן דעם פראָנט.

פאַרוואָס? פאַרוואָס?

קיינער ווייסט נישט. דער, וואָס ווייסט, זאָגט נישט.

דערויף האָט מען געוואַרט חדשים-לאַנג אין די היצן, זיך אָפּגע-האַרטעוועט אין דרייסיק גראַדיקן פראָסט, די הענט האָבן זיך אַזש צוגעקלעפּט צו די קאַנאָנען-רערן.

אין געזאַנג האָבן זיי שוין געהאַט פאַרטױבט דעם חלל מיט אַ האָפערדיקן פאָרויסמאַרש...

און איצט, נאַ דיר אַזוינס — ווידער אויף צוריק.

מע געזעגנט זיך האַרציק — טרויעריק.

דער קאָלאָנעל באַדויערט, וואָס די אַרטילעריסטן זיינע פאָרן אַוועק.

— אַ שאָד, זאָגט ער צו זיי זייער פאָטערלעך, אַזעלכע האַרציקע
— האַרציקע יאַטן און גוטע אַרטילעריסטן...

דער קאָלאָנעל באַגלייט די אינטערבריגאַדיסטן צו דער באַן:

— מיר וועלן זיך נאָך זען... מיר וועלן זיכער זיך נאָך זען...

# 7

דער קאַפּיטאַן פון עשעלאָן, אַ הויכער יאַט, באַזעצט די אינ-טערבריגאַדיסטן אין וואַגאָן מיט דרייגאָרנדיקע בעטלעך.

דער צוג הוידעט זיך האָדראָנק-טראָנק, שטעלט זיך אָפּ, מע נעמט א הייסן קיפּיאַטאָק פאר טיי.

די רעדער פארדרייען די נעכט מיט די טעג, מע פארט אָן א שיעור מעת-לעתן. מע ווייסט נישט, וואו מע האַלט...

איין זאך איז קלאָר: מע הוידעט זיך אויף צוריק — פון מערב קיין מזרח...

אָנגעקומען ווידער אין צענטער, איז די ערשטע זאך, וואָס דו דארפסט טון, נעמען א שוויץ-באָד, טאקע אין וואָקזאַל. דערנאָך — פּלאַץ איז פאראן אין די גרעסטע ווארט-זאַלן — כאַפּסטו אריין א פּושקע קאָנסערוון און שטרעקסט זיך אויס אויפן אויסגעשפּרייטן מאַנטל, וואָס דעקט דיך אויך צו... מאָרפעוס און גאָט זענען דיינע היטער.

פון דאַנען גייען צוגן אין אַלע ריכטונגען.

נאָר מע דארף ווארטן. נישט געאיילט זיך. פון ווארטן, קיינמאָל נישט זאָרג — ווערט א סאָלדאַט.

יורי האָט זיך אָראָפּגעכאַפּט פארנאַכט אין שטאָט אריין און אויפגעזוכט דאָס יידישע טעאַטער.

דער זאַל איז געווען פולגעפּאַקט, אָבער עס האָט געזשומעט דער עולם. מע האָט זיך אריינגערעדט אין אויער און געשושקעט.

וואָס פאר סודות דערציילט מען זיך?

נאָר פּשוט, די עלטערע דערקלערן פאר די יינגערע, וואָס האָבן שוין פארלערנט דאָס מאמע-לשון, וואָס מע רעדט זיך דאָרט אויף דער בינע.

...שטערן בלאָנדזשען אזוי לאַנג, ביז זיי פארבלאָנדזשען.

...וואָס האָצמאַך האָט זיך געוואונטשן, האָט דערגרייכט ראַפּאַ-לעסקו, און איז געוואָרן א שטערן אויף די יידישע ברעטלעך.

אויף דער שוועל פון גאָלדענעם לאַנד האָט האָצמאַך אויסגע-הויכט זיין נשמה. האָצמאַך האָט געוואָלט פארנארן די וועלט, איז ער אַליין געבליבן צום נאַר.

דער גאַט געבענטשטער אַקטיאָר בנימין זוסקין האָט אויפגעצי־טערט די איידעלסטע סטרונעס, די דינסטע געפילן פון א מענטשלע־כער נשמה.

ווער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן פון דעם תמימותדיקן, האַרציקן סענדערל, די „יידענע״?

ווער האָט נאָך געקאָנט אזוי קונציק פליען און שפרינגען אי־בער דעכער, ווי זיין „בישופמאכעריו״, וואָס פארלאָקט מירעלען אין לאבירינט פון כישוף?

בנימין זוסקין צינדט אָן א פונק אין הארצן, שטראַלט ער א גאַנץ לעבן...

— וויאַזוי האָסטו געוואַגט ארומצובלאָנקען אליין ביינאַכט אין א פרעמדער שטאָט, פרעגט נאָש באַזאָרגט.

— אויפן צענטער־פלאַץ האָט מיך טאַקע א פאַטראָל געוואָלט ארעסטירן: אָן קיין שום אויסווייזן? ווער בין איך? וואו וואוין איך?

— איך וואוין אויפן וואָקזאַל, האָב איך זיי דערקלערט.

— וואוהין פאָרסטו?

— איך ווייס וואוהין? א סאָלדאַט פרעגט מען נישט, וואוהין ער פאָרט...

— נו, זאָל זיין, געגאַנגען... נאָר א צווייט מאָל, אָן א דער־לויבעניש, זאָלסטו נישט וואגן דאָ שפּאַצירן צו גיין. אָן א זאַפּיסקע פון קאָמאַנדיר זאָל איך דיר מער נישט זען דאָ...

— מיר זענען שוין געווען אומרואיק פון דיינעטוועגן.

— וויאַזוי זאָל איך אייך איבערגעבן, ווי דער גאַנצער זאַל האָט געפּאָכעט מיט דער נשמה, ווען האַמאַך גייט אויס...?

אין טעאַטער פאַרגעסט מען אין אלץ, אָן אנדערע וועלט.

— האַמאַך לעשט זיך אויס, זיינע ליפּן פלאַטערן ווי א פלי־גענדע פון א טויב. דאָס קעפּל גיט זיך א דריי און פאַלט אויף א זייט — אויסגעהויכט די נשמה...

יורי האָט געזען אין בערלין, מיט יאָרן צוריק, שלמה מי־כאָעלסן און בנימין זוסקינען, די גאונים פון יידישן טעאַטער. די

מלחמה האָט אים איצט געבראַכט צו פירן אהער, האָט ער נאָך א מאָל זוכה געווען, זיי צו זען...

דערנאָך... זאָגט אברהם גאָלדפאַדען, איז „פיניטא לא קאָמע-דיא“.

איבערן פאַרהאַנג הענגען געבראָכענע פלינל...

## 8

די שטאָט איז ווייס.

א געדיכטער שניי באַדעקט די דעכער און ביימער.

א ווייסער טעפּעך צעשפּרייט זיך איבער אַלץ און אַלעמען.

גאַסן-קערערינס קערן, אָן אויפהער, אוועק די ווייסקייט. נאָר מע העלפט נישט. דער שניי באַדעקט אויך זיי. און דער פראָסט צוויקט די איינגעהילטע נעז.

א פאַרדרייטער קלימאַט. וואָס ווייטער צו מזרח צו ווערט דער פראָסט מילדער.

ביים ים-ברעג איז לייכטער צו דערטראָגן דעם ווינטער, איידער אין טאָל, וואו עס פייפט און יאָגט א צאָרנדיקע קעלט.

דער עשעלאָן איז איינקוואַרטירט געוואָרן אין גרעסטן און בעסטן האָטעל. מע באַקומט פּאַיאָקן מיט גענוג ברויט, אפילו אויך קאַוויאַר און שאָקאָלאַד. דאָס האָבן די אינטערבריגאַדיסטן באַקומען אדאַנק זייער גוטן שם.

ווי לאַנג קאָן מען לעבן פון א גוטן נאָמען?

האָבן זיך די אינטערבריגאַריסטן געמאָלדן צו דער אַרבעט.

אין דעם אויסגעצווייגענעם פּליין האָט מע צעשפּרייט די אינטער-בריגאַדיסטן אויף פאַרשיידענע אַרבעטספּלעצער, אין מינעס, אין וואַר-שטאַטן.

א שווערע צייט, נאָר מע טאָר זיך נישט באַקלאָגן.

...שאָפערקעס, אָנגעטאָן אין פופייקעס, אין וואַטענע קליידער, טרייבן צען-טאָניקע לאַסט-וועגענער איבער שליאַכן.

יורי איז פארבליבן אין טעאטער.

אפערע און באלעט צונויפגעשטעלט פון פארשידענע אנסאמבלען שפילן אויך אין דעמזעלבן בנין.

„וועלף און שאף“ פון אסטראווסקי גרייט צו דאם טעאטער.

פאר יורין האט די דירעקציע פון טעאטער באשטימט א שעקספיר-ספעקטאקל.

יורי באמיט זיך וואס גיכער זיך איינצופילן אין דעם טעאטער. טאג און נאכט זיצט ער אין טעאטער און שעפט נחת פון די אויסגעצייכנטע קאמעדיאנטן — א סך זענען פון דער הויפטשטאט.

זייער בארואקטער-שפיל פינקלט מיט ניואנסן, מיט רייפע קאלירן, א שפע פון שאטירונגען, אן אוצר פון טעאטער-קונסט.

ווען יורי טראכט צו די אנדערע אינטערברינגאדיסטן, פארגייט אים דאם געלעבטער אין דער וועלט פון אילוזיעס.

זיין חבר געלמאן שלעפט וועגעלעך מיט קוילן, וואס אן אנדערער צעהאקט.

די מינעס האבן נעהאט זייער פרימיטיווע אינסטאלאציעס. אלץ איז געמאן געווארן מיט די הענט און מיט זייער אלטע מכשירים.

זעמלערן האט מען אוועקגעשיקט ערגעץ אין א העק, לערנען דארט מיט די קינדער דייטש, זיי זאלן זיך קאנען בעסער אפרעכענען מיט די רוצחים.

זעמלערס קורצזיכטיקייט האט זיך פארשטארקט. די ברילן זענען קאליע געווארן.

וואו נעמט מען דארט אנדערע ברילן?

האט ער אלץ מער דעם קאפ איינגעבויגן איבער דער דייטשער שריפט.

אן איבערגעבויגענעם און צעבראכענעם האט מען אים דארט, שפעטער, מקבר געווען.

וויסו איז נאך ווייטער דערגאנגען אין אייזיקן ראיאן.

וואס האט ער שוין געקאנט אויפטון דארטן?

אז ער האט נישט געהאט, צומאל, א צוועגל ביי דער האנט — מיט די פינגער האט ער באדארפט ארויסשלעפן ציין, וואס זענען

נישט מער נעווען צום ראטעווען, צו היילן האָט ער במילא נישט נעהאט מיט וואָס.

יורי האָט נעליטן פון א פורונקל, וואָס פלעגט זיך איבערציען פון איין אָרט אויפן אנדערן, אָן שום בושה...

אמאָל, אין די לאנער־יאָרן, האָט זיך יורי נעוואונטשן רק — אביסל אויך קראנק צו זיין, כדי זוכה צו זיין צו שלאָפן אויף א בעטל, און נישט ווי תמיד אויף הארטע ברעטער.

און איצט, ווען זיין וואונטש איז מקוים נעווארן, וואָס ער איז אביסל קראנק, פאסט עס אים ווידער נישט.

קיין שלעכטס זאָל מען זיך קיינמאָל נישט ווינטשן.

יעדער האָט געהאט זיין פעקל קרענק אין לאנער.

אלעף איז נעלעגן אויף פלעק־טיפוס.

נאש איז אָפנעקומען מיט סקאָרבוט.

ער האָט זיך געהיילט מיט א האלבער לימענע א טאָג אָדער מיט איין וויטאמין־פיל.

וויקו האָט זיך נעראנגלט מיט זיינע בויך־קאָליקן.

מיכלען האָט פארפאָלגט אַן אויערן־אנטצינדונג, וואָס וויל בשום אופן ניט אָפטרעטן.

דאָ זענען אלע נעזונט נעוואָרן און ארבעטן.

מיכל איז א טויזנט־קינסטלער, וואָס מע דארף, וואָס מע וויל — קאָן ער:

דארף מען א שלאָסער — איז ער א שלאָסער. א מעכאניקער — אוודאי. טישלערייַ — איז ער א נעבוירענער סטאָליער.

האָט אים יורי רעקאָמענדירט אין טעאטער אלס מאשיניסט און בינע־ארבעטער.

האָט ער אינאיינעם מיט יורין שוין נעוואוינט אין ארטיסטן־היים און מיט ווייטיק נעטראכט צו די אנדערע אינטערברינאדיסטן, וואָס ארבעטן ערגעץ ווייט, הינטער די הרי חושך...

נאָר נישט צו פארזינדיקן. אז מע דערמאָנט זיך אין די לאַ־נערן פון דרום־פראנקרייך און אפריקע, איז עס נישט צו פארגלייכן...

## 9

טעג גייען זיך. נעכט קאטשען זיך.

די יאטן פרואוון צוגעוואוינען זיך צו דער נייער סביבה.

פארוואס האט מען אפגעצויגן פון פראנט די אינטערבריגאדיסטן ?

— יש אומרים, מע וויל זיי שאנעווען, צוגרייטן פאר שפעטער...

— אנדערע מיינען, אין געראנגל מיט אזויפיל שונאים, קאן מען נישט תמיד האבן צוטרוי אפילו צו אייגענע, בפרט נאך...

— און אפשר איז שוין פשוט געגוג, מע דארף נישט מער קיין סאלדאטן. די ארמיי האט קאמפלעטע דיוויזיעס. און מע האלט שוין ביי נעילה...

— אדער גאר עפעס אנדערש ?

— ס׳בלייבט א סוד...

— דער צענטער איז ווייט און דא ווייסט מען נישט, וואס דארט אויבן ווערט אלץ צוגעטראכט...

— ווי לאנג וועט מען נאך דא זיין ?

— ווער קאן דערראטן דאס רעטעניש ?

## 10

די פיאניסטין פון טעאטער איז א היגע, זי איז דא געבוירן.

איר פאטער איז פארשיקט געווארן אויף צען יאר, איז ער שוין דא פארבליבן א גאנץ לעבן.

איר מאן איז אין דער ארמיי. שרייבט ער איר לאנגע בריוו איבער די אויסטערלישע אייראפעער. ער פארטראכט נישט זייער קלי־מאט, די ווייכע ווארעמקייט זייערע, עס בענקט זיך אים נאך די פרעסט און ווינטן.

אויף דער מזרח־וואנט הענגט א פאטאגראפיע פון איר טאטן. ער זעט אוים ווי א פויער.

געוועזן איז ער א לאסט-טרעגער אין פארט. האט ער אזוי לאנג געטראגן זעק און פעק, ביז מע האט אים געבאפט מיט א פעקל.

ער האט געהאט א רויטע געקרייזלטע באָרד און האט געהערט צו די רויטע בונטאָווטשיקעס.

האט מען אים דערפאר פארשיקט. איז ער אָפּגעזעסן א צייט און איז געוואָרן אן איינגעזעסענער. דא האט ער חתונה געהאט און זיך אויסגעבויט א הילצערנע שטוב.

זיין פרנסה? ער האט געטעסעט האָלץ. ער איז אויסגעריסן געוואָרן, רייסנדיק די ווילדע וואָרצלען פון דיביימער.

אזוי מיט דער צייט האט ער זיך דא שוין איינגעוואָרצלט.

די משפחה פון דער פיאניסטין איז שוין אן אמתדיקע היימישע, אן אָפּשטאמיקע פון די אמאָליקע, אהער פארשיקטע.

א גרויסן טייל פון די ארטיסטן און שרייבער האט דא פאר-באפט די מלחמה מיט פארשיידענע מיסיעס, זענען זיי שוין אויך דא פארבליבן.

דעם טעאטער האט מען צוגעטיילט א פלאץ פאר פלאנצן קאר-טאפל, דורך קאָלעקטיווער ארבעט.

די פיאניסטין האט זיך איר אייגענעם גארטן פאר דער שטוב.

עפעס אנדערש ווי קארטאָפליעס באקומט זיך דא נישט.

דער ווינטער האלט אָן. די פרעסט זענען נאך צו דערטראָגן, אויב סע בראָט נישט א ווינט מיט א זאווערוכע.

דער ווינטער 1944 איז געווען גאָר א מילדער.

די פרעסט האָבן זיך געטראָגן קיין מערב און געהאָלפן יאָגן די פאשיסטן.

אין דער שטוב פון דער פיאניסטין טרעפט מען כלערליי פאר-שוינען, פון איבעראל. ארטיסטן, מוזיקער און גלאט אזוי טעאטער-פאָלק. מע פילט זיך דא, ווי אין אייגענע משפחה.

עס קומט אויך אהין רות, א פּאָליטישע אקטיוויסטין, וואָס שטאמט פון דייטשלאנד.

פריער האט זי אקטיווירט אין דייטשלאנד, דערנאָך דא. איצט האט מען איר און דער טאכטער צוגעוויזן א קווארטיר איבער-

צוואוינטערן בעת דער מלחמה און אפשר אויך שפּעטער, נאָך דער מלחמה... ווער קאָן וויסן?

פאַרשיידענע מזלות האָבן דאָ געקרייצט זייערע וועגן.

זינגערס האָט מען געהערט אין דער אָפּערע פון א סך שטעט. א באַרימטער טענאָר פון אָדעס, א באוואוסטער באַס פון דניעפּראָ-פּעטראָווסק, א חזן פון ווארשע, וואָס האָט ביי דער פּיאַניסטין אויך געזונגען יידישע פאָלקס-לידער. אין דער אָפּערע האָט ער געזונגען נאָר אין כאָר.

דאָס טעאַטער האָט יורין נאָך מער געפעלן ווי די אָפּערע. דאָ האָבן קאָנצערטירט וואַגיקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון די גרעסטע שטעט.

א טייל פון זיי זענען געשיקט געוואָרן אויף א קאָמאַנדיראָווקע. איז אויסגעבראָכן די מלחמה, זענען זיי שוין דאָ פאַרבליבן.

אין דער שטאָט-ביבליאָטעק האָט זיך יורי באַקענט מיט א שיינער ביבליאָטעקאַרין, האָט זי אים אַרויסגעהאָלפן מיט ווערטער-ביכער.

יורי ווערט אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט.

ער דאַרף א סך דעריאָגן.

ער וויל וואָס מער אויסברייטערן זיינע היימישע שפּראַך-קענטע-נישן, כדי בעסער צו פאַרשטיין דאָס לעבן דאָ, זיך לייכטער באַקע-נען מיט קאָלעגן, מיט זייער קינסטלערישן סטיל, בכלל מיט דער שעפערישער אַרבעט און, אַזוי אַרום, פאַרפונדעווען זיין טעאַטער-טעטיקייט.

יורי האָט זיך דעמאָלט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס די קאַפּ-ריזן פון גורל שפּינען אויס פאַר אים...

## 11

די יאַטן האָבן געאַרבעט און געוואַרט מיט א סך האָפענונג, ס'זאָל זיך ענדיקן צום גוטן.

ס'איז אפריל 1944.

דער ווינטער ציט זיך שוין צוריק. דער שניי זעצט זיך, ווערט איינגעשרומפן.

ריטשקעלעך וואסער באווייזן זיך, דערשראָקענע, פון אונטערן שניי און פארדעקן זיך דאָס נאסע פנים מיט אייזיקע הייטלעך.

א גרופע אינטערבריגאדיסטן האָט דאָ נישט באוויזן לאנג צו ברייען.

דער גרעסערער טייל איז דאָ ווייטער פארבליבן.

די גרופע אינטערבריגאדיסטן האָט מען איינגעלאדן אין שטאָט-קאָמיטעט און מע האָט זיי געשיקט אין דער הויפטשטאָט און זיי מיט-געגעבן, אחוץ דעם רייזע-קוויטל, א טעלעפאָן-נומער, שהי-פּהי...

אלץ איז אזוי גיך און ראפטעם געשען, אז די גרופע האָט אפילו נישט באוויזן זיך צו געזעגענען פון די נייע פריינד און אלטע חברים.

זיי האָבן זיך ארייגעזעצט אין ערשטן צוג און — וויאָ, פער-דעלעך...

דער דירעקטער צוג איז געווען איבערגעפולט, האָט די גרופע זיך געמוזט לענגער הוידען אויף זייטיקע רעלסן.

פון איין שטאָט צו דער אנדערער פאָרט דער צוג בערך א מעת-לעת און שטעלט זיך אָפּ אויף א סטאציע א שעה-צוויי. באקומט מען עפעס ווארעמס, מען עפנט א פושקע קאָנסערוון און — מע פאָרט ווייטער, ווייל די גרופע האָט קיין צייט נישט. מע ווארט אויף זייער טע-לעפאָן אין דער הויפטשטאָט.

בטבע האָט דאָ א זעלנער צייט, פאָרט ער נישט מיטן צוג, ווייל ס'איז אומעגלעך ארויפצוקלעטערן, פאָרט ער — צופוס.

פרעגט מען אים: — ווהין גייסטו?

שמייכלט דער זעלנער: — וואָס הייסט ווהין? ווהין קאָן גיין א זעלנער? איך גיי אויפן פראָנט, ברודערצע...

דער פראָנט איז דאָך אָבער זייער ווייט פון דאנען...

— נו, איז וואָס? כ'וועל נאָך קומען צו דער צייט.

...ווער זאָגט אָפּ א נאַכטלעגער פאַר א זעלנער אין צייט פון מלחמה?

אויסגערוט שפּאַנט ווייטער דער זעלנער.

עסט אונטערוועגנס, וואָס עס לאָזט זיך, ווען עס לאָזט זיך...
אין א קאַנטינע, אין א מיליטערישער קיך און שפּאַנט ווייטער און ווייטער, ביז אויפן פראָנט.

נאָר נישט געאיילט.

...וואָס לאַנגזאַמער דו גייסט — אַלץ גיכער קומסטו אָן...

## 12

...זענען זיי אָנגעקומען. נאָך א לאַנגער נסיעה, פון א ווייטער געגנט אין צענטער, און האָבן גלייך טעלעפאָגירט.

נאָך צוויי וואָכן זענען זיי ווייטער געפאָרן, דאָסמאָל — אָן א טעלעפאָן-נומער.

זיי ווערן באַגלייט פון א קאַפּיטאַן, וואָס האָט גוט געקענט די וועגן, וואָס פירן צום פראָנט. ער האָט אַלץ נויטיקע געוואוסט, וואו און וויאַזוי מע דאַרף אַריבערגיין די פראָנט-ליניע.

זיי פאָרן און פאָרן — ביז אין קיינעמלאַנד.

פון דאָרט דאַרפן זיי זיך דורכשלאָגן אין שונאס לאַנד.

די וועגן פון צענטער קיין מערב זענען פאַרשטאָפּט.

עס ציט זיך איבער די וועגן א לאַנגע קייט פון כלי-זין, טאַנקען, קאַנאָנען...

ביינאַכט שלינגט זיי איין די פינצטערניש.

בייטאָג פאַרדעקט זיי א באַלדאַכין פון צווייגן און בלעטער, שוץ פאַר דער אוויאַציע פון שונא.

אין קיינעמלאַנד איז קיינער נישטאָ. אַרום און אַרום איז אַלץ עוואַקואירט, פאַרלאָזן.

אין א גאָרטן־אַלעע מיט קליינע ווילעס, האָט זיך אָפּגעשטעלט די מאשין פון פארטיזאנער.

אין די שטיבער איז אַן איבערקערעניש — כאָדאָראָם. מען איז אוועק אין איילעניש...

די פּארטיזאנער שפאצירן איבערן גאָרטן פון א דירה, באוואונדערן די ביימער, די בלומען, וואָס פרייען זיך און חנדלען זיך מיט דער זון.

— די עפּל און פלאָמען זענען נאָך גרין און זויער, באדויערט נאָש. צו זיסע פרוכטן דארף מען אהערקומען זומער־צייט. אפשר צוריקוועגס, אַן אנדער מאָל, שפּעטער... אז מע וועט דערלעבן...

מע עפנט טיר און פענצטער. מע שטרעקט זיך אויס אויף די סאָפעס, אויף די מאטראצן.

די מעבל זענען אויסגעטאָקט, זיי גלאַנצן מיט שטרייפן פון מעש און שימערירנדיקע קרישטאָלן.

א שופלעדל מיט בריוו ליגט אין מיטן צימער.

יורי זעצט זיך אראָפּ אויפן טעפּעך.

— א, איר ווייסט, דאָ האָט געוואוינט א פּראָפעסאָר. זעט נאָר, זעט, וויפל ליבע־בריוו ער האָט באקומען...

— איז דאָס אָבער געווען א דאָן־זשואַן.

וויפל געבראָכענע הערצער...

— אָט דער בריוו פון ליזעטע איז גאָר אגרעסיוו. זי שרייבט: איך וועל דיר אויסדראפּען די אויגן, אויב דו וועסט מיך פאררעטן מיט לוציי...

די פּארטיזאנער האָבן זיך אמוזירט מיט די בריוו פון ליבעס־אוועגטורעס.

ס'האָט זיך אויפגעבלעטערט פאר זיי אַן אנדערע וועלט.

בילדער פון אמאָל שוועבן פארביי.

עס דערוועקן זיך זכרונות.

אילוזיעס קלעטערן ארויף אויפן לייטער פון זכרון.

ערגעצוואו אויבן, הינטער די וואָלקן, באהאלט זיך א חלום, וואָס קוקט ארויס פון זיין באהעלטעניש און פארשווינדט...

...מיכל געזעגנט זיך מיט זיין מאמען:

— וואָס טויג עס דיר, קינד מיינס, ס'איז דיר נמאס געוואָרן דאָס לעבן, נייסטו ווערן א רוצח, שיסן אויף מענטשן, וואָס דו ווייסט זיי נישט, וואָס דו קענסט זיי נישט?...

— לאָז זיי, די שפאניער, קעמפן און אויסקעמפן זייער קאמף. ס'איז זייער עסק...

— ווילסט אוועקפאָרן, מילא, זאָל זיין, פאָר בעסער צו דיין פעטער, אין לאנד פון מילך און האָניק. וועסטו דאָרט אויסטריקענען זומפן און פלאנצן, אויף זייער אָרט, אָראנזשן-גערטנער...

מיכל קוקט זיך ארום:

ליידיקע גאסן, פארלאָזטע שטיבער, אַן אויסגעראַבעוועט שטעטל.

יידן האָט מען געטריבן אין דעפּאָרטאציע.

וויפל זענען אונטערוועגנס אומגעקומען? אַן א זכר, אָן א קבר.

קראנקע און שוואכע ארייננעוואָרפן אין טייך.

אין די לאגערן איז דער רעשט אין הונגער און עלנט אויסגעגאנגען.

אלעף ווערט אומרואיק, טרויעריק.

שוין לאנג נישט געהערט קיין ידיעה פון זיין פרוי. נאָר וויאזוי שרייבן, אז זי ווייסט נישט, וואו ער געפינט זיך?

...א געדאנק מאטערט אים: צוואָס האָט אים א חבר געגעבן אנצוהערן, אז זיין פרוי האָט אים פארביטן?

צו וואָס האָט ער דאָס באדארפט וויסן?...

דער חבר האָט אים געראָטן:

— אנטלויף פון לאגער, אלעף. גנבע זיך ביינאכט ארום צווישן די דראָטן. דער וועכטער פון לאגער וועט צומאכן אַן אויג, איך זאָרג שוין דערפאר, — זע, וואָס עס טוט זיך דאָרטן...

— דיין פלאץ אין לאגער וועסטו נישט פארלירן. ער וואַרט אויף דיר — טאמער מע כאפט דיך...

נאָר זי וויל נישט וואַרטן...

...יורי לייענט ווייטער די געפונענע ליבע-בריוו. ניין, זיי באַ־רירן נישט זיין געמיט. פון די בריוו רעדט א ברוטאַלער אינסטינקט, א ווילדער באַגער ראַנגלט זיך מיט מורא און אייפערזוכט...

ער שפירט, ווי עס ציטערט די האַנט ביי ליזעטן, ווען זי שרייבט אים:

— פעטער, איך שעם זיך פאר זיך אַליין. איך האָב פאַרלוירן יעדע שפּור פון ווערדע און פרויען-שטאָלץ. איך פאַל צו דיינע פיס, שטויס מיך נישט אָפּ...

יורי לייגט אוועק די בריוולעך, הערט אויף צו לייענען, קוקט ארויס דורכן פענצטער...

— נאַש, איך וואָלט בעסער א שפּאַציר טון. קום, נאַש, לאָמיר זען, ווער ס'איז דאָ נאָך פאַרבליבן.

מיין שוואָגער האָט, דאָ, אין שטעטל געהאַט א פריינטל, א גלעזער. אפשר קאָן מען זיך עפּעס דערוויסן פון זיינעטוועגן...

— מיר זענען דאָך ערשט אדורכגעפאָרן. מע זעט נישט דאָ קיין לעבעדיק נפש.

אַלץ איז פאַרשלעפּט געוואָרן.

דאָס שטעטל איז אויסגעליידיקט. אפילו די פייגעלעך פון די ביימער זענען אוועקגעפלויגן.

— עס דרייען זיך נאָר ארום מיליטערישע פּאַטרולן.

— מיר טאָרן נישט אוועקגיין פון דאַנען. דער קאַפּיטאַן קאָן יעדן מאָמענט צוריק קומען, הייסן, מיר זאָלן ווייטער פאָרן...

וויקו פיבערט מיט פּאַרטיזאַנישקייט:

— זאָל שוין וואָס גיכער אָנהייבן די אקציע...

ער שפּאַרט זיך אָן אין בוים, נעמט ארום די צווייגן, גלייך ער בעט זיך ביי זיי טרייסט.

אז ער איז אומרואיק, פייפט ער.

זוכט ער א פּאַסיק שטיקל האָלץ, א צווייגל.

מיטן פייפל פייפט ער אויף אַלץ אין דער וועלט — אפילו אויף זיך אַליין...

...אויף זיין ערשטער פרוי איז ער ברוגז. ער האָט זי אפילו פיינט.

זי האָט זיך צו אים, אין אָנהויב, נעלאשטשעט ווי א סעצעלע.

זי האָט אים נעשענקט א ייננעלע מיט נאָלדענע לעקעלעך פון א ליאלקע.

האָט ער נעהאט צו איר טענות, אז דאָס קעצעלע איז אים נישט נעטריי. שכנים האָבן עס אים אָפּנעטראָגן.

אים איז יאָ דערלויבט צו קריכן איבער פרעמדע פּלויטן, אין יענעמס גאָרטן.

נאָר זי מוז אָפּהיטן די דלת אמות.

ער איז נאָך מער אין צאָרן אויף איר, ווייל זי האָט אים פאר־פרעמדט דאָס קינד, זאָגט ער.

זיין צווייטע פרוי איז נישט ברונעט און מיניאָניש ווי די ער־שטע — זי איז בלאָנד, הויך און קרעפטיק. איז דאָך גוט, וואָס זי איז אנדערש. ארט אים אָבער, וואָס זי האָט מיטנעבראכט א מיי־דעלע פון איר ערשטן מאן.

דאָס מיידעלע וואוינט נישט מיט דער מאמען, זי איז ביי דער באָבען און באזוכט די מאמע, ווען וויקו איז נישט אין דער היים.

— זי גיט צופיל אוועק דעם קינד, איר משפּחה. זי איז צו פארשווענדעריש, האלט ער.

האָט ער ווידער נעפונען אן אנדערע — און ער באקלאָגט זיך, אז ער האָט נישט קיין מזל צו קיין פרויען...

סע ווייזט אויס, אז וויקו האָט זיך לייכט אָפּנעטרייסלט פון זיינע נעפילן. אָבער אין דער אמתן, האָט ער דערפון שטארק געליטן.

ער האָט נישט פארטראָגן קיין התבודדות, קיין אָפּזונדערונג. ער האָט תמיד נעלעכצט נאָך חברשאפט און פריינדשאפט.

ער האָט פאר א פרוי אלץ נעטאָן, אלץ אוועקנעגעבן מיט הארץ און נשמה — ביז סע האָט זיך אים אויסנעוויזן, אז די פרוי איז אים נישט אויפריכטיק איבערנעגעבן, זי האלט נישט צו אים, זי האָט אנדערע מחשבות.

דער חשד נעמט זיך אויך פון א קאָמפּלעקס פון מינדערווער־טיקייט, וואָס א פרוי פארזעט צומאָל...

עס גריבלט זיך א קידער-ווידער צווישן דעם שיין און זיין אָפּשיין...

דאָס באַדויערן גראָבט דערנאָך טיף אין האַרצן... ער איז אויפ־געבראַכט, וואָס ער ווערט אַנדערש איינגעשאַצט אין זיין היים, ווי ער איז עס בכלל געוואוינט. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און אַנטשלאָסנקייט אין קאַמף, אין יעדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אָבער זיין פאַמיליע־לעבן פאַרשטייט ער נישט איינצואָרדענען...

— פּרוּוּון האָבן ביי דיר קיין היים נישט, מוסרט אים נאַש. דו פירסט זיך אויף מיט זיי ווי אַ סאַטראַפּ.

— איך מיין, אַז איך טו אַלץ פאַר זיי, נאָר כ׳האָב קיין מזל נישט.

— דו שפּילסט זיך מיטן מזל. מע דאַרף אויסמיידן די גאַריש־קייטן און נישט צושפּיצן די פּראָבלעמען...

— ס׳איז נישט די רעכטע צייט דערפאַר...

— איך האַלט נישט פון דער פילאָזאָפיע, וואָס מיינט, אַז ליבע און סעקסואַליטעט באַשטימען אַלץ. אַ צופאַל קאָן אַלץ איבערקערן.

— אין געראַנגל צווישן פאַרשיידענע מאָמענטן, גיי, זיי אַ חכם און וויים אין פאָרויס, וואָס עס וועט זיך דערפון אַרויסשיילן. סע קאָן צומאָל אַ נישט וויכטיקער פאַקטאָר ווערן אַ הויפּט־סיבה.

— איך פאַרשטיי, אויב סע פאַלט איינעם אַ ציגל אויפן קאָפּ, קאָן עס זיין פאַטאַל... דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די ציגל באַ־שטימען דעם גורל פון מענטשן...

— אוודאי אַלץ אויסטייטשן און אַרויפציִען אויף איין לייסט איז נישט שייך.

— אַלץ בייט זיך מיט דער צייט — קומט, און פאַרגייט.

— הכל הבל... פאַרזוך בעסער אַ פלאָם.

אַ דאַנק, פון גרינע פלאָמען ווערט מיר אייליק אין מויל און פון דיין פילאָזאָפיע ווערט מיר זויער אויף דער נשמה...

## 13

הײַנט־מאָרגן, נאָר אין גיכן, וועלן די פאַרטיזאַנער אַריבער־שלייכן אַ פראָנטליניע, וואָס ציט זיך איבער בערג און טאָלן און ווערט נאָר ערטערווייז באַוואַכט.

דאָ הערשט קיינער. ס'איז קיינעמלאַנד.

די פאַרלאָזטע נעגנט געהערט, אין גאַנצן, צו די ווילדע חיות, צו די פירפיסיקע.

מער אין דרום-מערב גרייט זיך אָן אַנטשיידנדיקע שלאַכט.

דעמאָלט, וועט דער שונא דעם צפונדיקן ווינקל, די שיינע בערג, סיי־ווי־סיי מוזן פאַרלאָזן.

נאָר דערווייל האַלט עס נאָך נישט דערביי.

דער קאַפּיטאַן איז אַוועק צום שטאַב. די פּאַרטיזאַנער ווייסן נישט, וואו און ווי אַזוי זיי וועלן זיך אַריבערפּעקלען אויף יענער זייט פראָנט, אין האַרצן פון שונא.

...עס שפּינען זיך האָפעדדיקע פעדים צום געגאַרטן נצחון.

נאָך די שווערע קאַמפן פון שפּאַנישן בירגער-קריג זענען די אינטערבריגאַדיסטן אַרויסגעצויגן געוואָרן פון גערანגל.

די נישט-אינטערוועניץ האָט זיי פאַרשפּאַרט אין לאַגערן און פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די פאַשיסטן.

נאָכן פראַנקאָ-זיג האָבן זיך די דייטשן פאַרמאָסטן איינצונעמען די וועלט.

קנאַפּע דריי יאָר האָט די שפּאַנישע רעפּובליק העלדיש אויסגעהאַלטן.

פאַרלאָזנדיק שפּאַניע האָבן די אינטערבריגאַדיסטן אויסגעשטאַנען די אכזריותדיקע לאַגערן אין פראַנקרייך און אַפריקע.

— איצט דאַרף מען דערשטיקן די בעסטיע אין איר הייל.

די אינטערבריגאַדיסטן קעמפן איצט אום דעם לעצטן קאַמף.

— דער סוף קרוינט דעם אָנהויב.

...די זון רויטלט זיך אויפן שלעפעריקן האָריזאָנט. אָט-אָט פאַרשווינדט זי הינטערן באַרג. זי שפּילט זיך אין באַהעלטעניש מיט דער בלייכער לבנה פון יענער זייט.

מיד פון אַ לאַנגן וועג, האָט זיך יעדער לאַנגזאַם צוריקגעצויגן אין זיין ווינקעלע און זיך אויסגעשטרעקט אויף אַ ווייכן געלעגער.

נאש הייבט אָן ברומען דאָס שפּאַנישע ליד: „קאַרמעלאַ מיאַ“, זיין באַליבטע ראָמאַנס.

אַלע האַלטן אים אונטער, נאָר נישט אין אוניסאָן. איינער איילט זיך, איינער בלייבט צוריק — ביז „קאַרמעלאַ“ ווערט אַנט־שווינדן...

דאָס ליד שוועבט ווייטער אין יורים חלום און פירט אים צוריק אויפן עבראָ־פראָנט. מיט „קאַרמעלאַ מיאַ“ איז ער אַריבערגעשוואומען.

...יורי איז אַריבערגעשוואומען דעם עבראָ. די פראַנקיסטן אַנ־טלויפן. די טעלמאַן־בריגאַדע פאַריאָגט זיי, יאָגט זיי נאָך, ווייט־ווייט, ביז צום פאַרנעפּלטן באַרג...

יורי כאַפּט זיך אויף אין אַ לאַזאַרעט פון פאַרוואונדעטע, וואו זיין חלום האָט איבערגעבראָכן...

# 14

צומאָרגנס זענען די פּאַרטיזאַנער ווידער אַרויף אויף דער מאַשין.

אונטער דער בויד האָבן זיי נישט געקאָנט באַוואונדערן דעם פּרילינגס־פּייזאַזש.

זיי האָבן געפילט דעם ריח פון שפּראָצונג, וואָס דערפרישט דעם אָטעם.

באַלד זענען זיי אַראָפּגעשטיגן אין אַן אַנדער שטעטל, זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ברייטער גאַס, וואָס קוקט אַריין אין אַן אָפענער שטוב.

אַ הון אַנטלויפט אין זיג־זאַג, אַן איבערגעשראָקענע, און פליט אַריבער אַ פּלויט.

— לאָזט זי פליען — זאָגט נאַש, איר זעט נישט, די קיך איז פול מיט עסנוואַרג. דאָס געבראָטנס אויף דער פּליטע איז נישט אָנ־גערירט. דער בעל־הבית האָט נישט באַוויזן אָפּצועסן.

נאָר סע גלוסט זיך קיינעם נישט עפּעס צו נעמען.

פאַרלאָזטע שטיבער זענען אַבלדיק.

דער סופֿיט הענגט טרויעריק איבער פּוסטע ווענט, וואָס קלאָגן נאָכן בעל-הבית.

די טירן בליבען, גלייך זיי וואָלטן ארויסבאגלייט א בר-מינן...

די גרופּע וואַרט שוין קוים ארויסצוגיין אין וואַלד.

א קלויסטער איז דאָ אויפגעבויט ווי א קאַטעדראַל. דער דאַך גליצערט און פינקלט אויף דער זון. ער שיצט די רושטאָוואַניעס פון נישט פארענדיקטע ווענט.

— אונדזער חבר שרייער, וואָס איז געפאלן אין שפּאַניע, איז פון דער אָרטשאַפט.

— זיינע עלטערן זענען מסתמא פארשיקט. ווער ווייסט, צי זיי לעבן נאָך...?

אן עשעלאָן אויסשפּירער היט די שטאָט. דאָ הויבט זיך אָן דאָס קיינעמלאַנד. ס'איז דער לעצטער מיליטערישער פּאָסטן.

די שטאָט איז עוואַקואירט. יידן האָט מען נאָך פריער פאר- יאָגט...

...עס יאָווען זיך פון אלע זייטן יונגע סאָלדאַטן, ווי אראָפּגע- פאלן פונעם הימל. לעבעדיק-פרייליך, גיבן זיי א יעדן די האַנט. הענט שאָקלען זיך מיטן גאַנצן כוח. די יאָטן רופן ארוים צומרוי, יונגע האָפענונגען, אויסגעטראָגן פון זעכצן-יעריקע.

די שטוב פולט זיך אָן מיט אימפּעט:

— מאָרגן באַגלייטן מיר אייך, זאָגן די אויסשפּירער. מיר קע- נען דאָ יעדן שטעג און וועג. דער פראָנט איז א שטילער. דאָ שיסט מען נאָר אוים לאנגווייל — אָדער מע האָט מורא פאר דער אייגענער שטילקייט: מע קאָן זיך דערשרעקן פארן שאָרך פון א בלאַט, וואָס פאלט פון בוים...

אין דער לעצטער נאַכט, פארן אריבערגיין דעם פראָנט, אויף יענער זייט, אין שונאס לאַנד — האָט קיינער פון דער גרופּע נישט צוגעמאַכט קיין אויג.

געוואַכט האָבן איבער זיי די אויסשפּירער. זיי האָבן געהיט די פּאַרטיזאַנער, זיי זאָלן זיין אויסגערוט, גרייט פאר די נסיונות, וואָס זיי דאַרפן באַשטיין אין שונאס לאַנד...

א נייער אָנהויב.

א פריש קאפיטל געשיכטע פון א גרופע פארטיזאנער, פאר־קליידט ווי סאָלדאטן, וואָס דארפן דערניין אין טאָל, כדי צו מינירן די צונג, וואָס פירן פעטראָל פאר דייטשלאנד.

די לעצטע נאכט אויף דער זייט פון פראָנט האָט אויפגערו־דערט, אָנגעשפאנט יעדן איינעם:

וואָס דערוואַרט זיי פון הינט אָן און ווייטער? וויאזוי קאָן מען זיך אויסהיטן, וויאזוי זיך ארויסדרייען פון פאסטקעס און דער־לאנגען קלעפ די פאשיסטן?

— מע לאָזט זיך אין וועג אריין, טענהעט גאש, אין א פרעמ־דער וועלט, שאדט נישט, ווען מע קאָן האָבן א פארבינדונג, א היי־מישן אדרעס, עפעס א באציונג...

— ס'איז גוט, אז מען קען עמעצן... אפילו א טעלעפאָן־נומער, קאָן אויך צוניץ קומען. נאָר די יאטן האָט מען נאָך אמאָל אָנגע־זאָגט, פארן אריבערגיין דעם פראָנט, זיי זאָלן, חס וחלילה, נישט האָבן קיין שום משא־ומתן מיט די אָרטיקע.

## 15

...יורי טראַכט צו זיינע נאָענטע און איינענע...

ס'איז נישט צום ערשטן מאָל, וואָס ער רופט זיי ארויס.

ער האָט זיך שוין אמאָל נעהאט אויסגעטאָן פון זיין גוף — ווען די קויל האָט אים געטראָפן אין נוואדאלאכארא — און האָט שוין געגלויבט, זיין נשמה טראָגט זיך אוועק איבער די וואָלקנס...

זי האָט זיך אָבער נישט אוועקגעטראָגן...

איצט וויל יורי זיך נאָכאמאָל מיט זיי געזעגענען אָדער אפשר נאָר באגעגענען — זיך געזעגענען... זיך באגעגענען...

עס פארמישן זיך די צייטן...

ער געדענקט נישט, וואָס פריער און וואָס שפעטער...

בילדער רעפלעקטירן פריער, וואָס קאָן געשען שפעטער...

די צייט האָט קיין מאָס נישט אין דער אייביקייט.

פאַראַן אַ צייט, ווען מע גערענקט מער גאָרנישט, וואָס פריער און וואָס שפּעטער...

יורי אַמפּערט זיך מיט דער צייט, מיט דער אייביקייט.

ער וויל פאַרגעדענקען אַלץ, איידער ער לאָזט זיך אַרויס אין אַ געפערלעכן וועג.

ער רופט אַרויס די אייגענע און איז זיי מודיע, אַז עס קאָן געשען, ער זאָל זיי אָפּשטאַטן אַ פריינדשאַפטלעכן וויזיט. ס׳איז זייער לייכט מענלעך, אַז ער וועט זיי אומדערוואַרט באַזוכן.

זיי זאָלן זיין גרייט אים אויפצונעמען.

...די באַגעגעניש איז אַ יום-טובדיקע.

ס׳איז פּריטיק צו-נאַכטס. די מאַמע האַלט ביים ליכט בענטשן.

זי בענטשט די קינדער, זיי זאָלן נישט וויסן פון קיין שלעכטס, די עלטערן זאָלן פון זיי קיין צרות נישט האָבן...

זמירות קייקלען זיך אַראָפּ פון די אַלטע ווענט.

שבת-צו-נאַכט מאַכט דער טאַטע הבדלה, בעט זיך אויס אַ גוטע וואָך, אַ פולע וואָך, מיט פּרנסה אין אַלע קעשענעס...

יורי זעט, ווי עס שטייען אויסגעשטעלט ביים טויער פון יענער וועלט, זיין טאַטע-מאַמע, זיינע ברידער. אַלע שמייכלען צו אים, ווינטשן אים: אין אַ גוטער שעה...

— שוין צייט אַהיימצוקומען צו די אייגענע, נאָך אַזויפיל יאָרן פון וואַנדערן אין אַ וועלט פון הוריות און גישטיקייטן.

כאָטש זיי וואַרפן אים גאָרנישט פאָר, וואָס ער האָט זיי נישט תמיד געפּאָלגט אינעם לעבן — דאָך קלינגט אים אין די אויערן די בעטנדיקע ווערטער פון דער מאַמען:

— זון מיינער, לויף נישט אין פייער אריין, פון פייער אנטלויפט מען...

— מאַמע, פייער דאַרף מען לעשן, אויב נישט, קאָן עס נאָך, חלילה, ביז צו אייך דערגיין... ביז אין זיבעטן הימל...

# 16

יורי האָט נאָך יאָרן פון נע-ונד, אויפן וועג פון אפריקע קיין אזיע, באגעגנט זיין מאמען.

ער האָט זי געזען צום לעצטן מאָל. פארעלטערט, אָבער אומ-פארענדערט. עס גלאנצן ארום אירע שווארצע האָר פון אונטערן שטערן-טיכל.

די מאמע גלעט צארט זיין פנים, זיינע הענט:

— דו ביסט עס, מיין קינד?

זי גלייבט נישט אירע טריבע אויגן.

— וויפל צייט איז שוין אוועק? דער טאטע איז שוין נישטאָ. ס'איז איר סקוטשנע אליין. איך בעט זיך ביי אים, ער זאָל מיך שוין נעמען צו זיך.

— וואָס רעדסטו, מאמע? ביסט דאָך אין איינעם מיט די קינדער און אייניקלעך...

— קינדער לעבן זיך באזונדער און עלטערן בלייבן אליין...

— דו מוזט טאקע ווייטער וואנדערן? בלייב דאָ, רו זיך אָפּ...

— ערשט נאָך דער מלחמה וועט יעדער האָבן זיין רו...

— דאָס מזל האָט מיך אהערגעבראכט, כדי מיר זאָלן זיך זען... אָבער איך קאָן דאָ נישט בלייבן.

די מאמע קלייבט אָפּ א בינטל טרויבן און לייגט זיי יורין אין מויל אריין:

— עס, מיין קינד...

דער מאמעס טרערן פארזיסן די טרויבן...

# 17

די פעג לויפט פאָרויס און צוריק...

צוריק געקומען פון דער מלחמה איז יורין אויסגעקומען צו שפּא-צירן אויף דער זעלבער גאס, וואו די הון איז פאר שרעק געלאָפן

אין א זיג-זאג, וואו א חזירל איז געשפרונגען פון איין הויף אין אנ-דערן, וואו דאָס געבראָטנס אויף דער פּליטע איז געבליבן אומ-באריט...

יורי איז שטיין געבליבן פאר דעם הויף. וואו מע דאַרף איצט בעטן א דערלויבעניש אויף אריינצוגיין.

די טרעפּ, דוכט זיך יוריָן, זענען ברייטער געוואָרן. דער סאַ-לאָן איז אויסגעשטאַט מיט פּאָליצעס פול מיט ביכער. צייטונגען און צייטשריפטן ליגן אויפן טיש.

דאָס הויז איז נישט מער צו דערקענען. היינט איז דאָ א ביבליאָטעק מיט א לייען-זאַל.

פּארטיזאנער האָבן דאָ אמאָל גענעכטיקט. צום לעצטן מאָל אין א שטוב, איידער זיי זענען ארוים אין וואלד.

דאָס ווייסן נישט די יונגע לייענער פון דער ביבליאָטעק. זיי וואונדערט, וואָס א נישט היגער קוקט זיך ארום אין אלע ווינקעלעך, גלייך ער האָט דאָ עפּעס פארגעסן, אָדער פארלוירן.

— וועמען זוכט ער דאָ?

יורי הערט נישט זייער פראגע.

...ער זעט פאר זיך די יונגע אויסשפּירער, וואָס רינגלען אים ארום, יאָגן זיך ווי הירשעלעך אין וואלד, ארויף און אראָפּ די בערג...

...אקעגן, אין די נייע פערד-שטאלן, הערט זיך דאָס הירזשען פון יונגע לאָשיקלעך, וואָס האָבן אריינגעבראכט א ניי לעבן אין דער שטילער גאס...

# 18

נאָך איידער די זון איז אפּירגעקראָכן פון הינטער די ביימער, איז די גרופּע פארטיזאנער, באגלייט און אָנגעפירט פון אויסשפּירער, ארויסגעגאנגען פון דער שטאָט.

דאָ איז ווילקאָוו.

האָרט, הינטער די בערג איז בענקאָוו.

דאָ זענען אונדזעריקע.

דאָרט זענען די דייטשן, אויף יענער זייט פון די בערג.

מען איז געגאַנגען אַ פּאָר שעה, לענג-אויס אַ וואַסערל, וואָס גלאַנצט ווי קרישטאָל און מורמלט אַ מאָרגן-געבעט.

אויפן גאַנצן וועג קיין לעבעדיק נפש נישט באַגעגנט.

— זע נאָר, אויבן אויפן באַרג יאָגט פאַרביי אַ חיה, אַ פוקס, דאַכט זיך.

דער פוקס שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף די מענטשן מיט חשד:

— ווער זענען זיי? זיי זענען אַראָפּגעפאַלן פון הימל?...

— וואָס זוכן דאָ די דאָזיקע סאָלדאַטן...? אַ נאָווענע... שוין לאַנג נישט געזען זיי, נישט אויף דער זייט, און נישט אויף יענער זייט פראָנט...

דער פוקס דרייט זיך אויס און לויפט צוריק, ס'איז אים עפּעס נישט כשר...

— אפשר גאָר האָט ער מורא?

— וואָס פאַר אַ מורא? ער לויפט צוריק צו די דייטשן. ער וועט אונדז נאָך אויסגעבן... ווער קאָן וויסן...

— אַנדרו שמייכלט: — אויך דער פוקס האָט מורא פאַר אונדז... ער האָט איינגעצויגן זיין וויידל...

אַלעף נעמט זיך צו דער ביקס, וויל אים נאָכשיסן...

וויקו כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט:

— וואָס טוסטו? ביסט אַראָפּ פון זינען? דער שאָס קאָן אונדז נאָך פאַרראַטן...

...די זון שטייגט אימפּעטיק אויף העכער. זי שוויצט פון אָנשטרענג, ווישט זיך דעם שטערן, פאַרדעקט זיך די צורה.

אָט קאָן קומען אַ רעגן.

די וואָלקנס לאָזן זיך שווער אַראָפּ, אַלץ נידעריקער קייקלען זיי זיך...

פון אונטער די ביימער קאַטשען זיך אַרויס ווייסע שעפעלעך.

אַ נעפּל נעמט אַרום דעם גאַנצן וואַלד.

דער קלויסטער, נישט ווייט, פאר די אויגן, איז האלב פאר־דעקט אין נעפל.

פון די וואנט־מאלערייען קוקן טריב אראפ רויטע און בלויע היטלער, טשאקאס, טורבאנען...

דער נעפל פארוואנדלט זיי אין קעפ פון חיות, פון פוקסן, צי נאר פון בערן...

זייערע אויגן גליצערן און פינקלען מיט שארפע ציין, וואס פארצוקן אין זייער טיפן שלונד די ווייסע שפעלעך.

— די אויסשפירער ברענגען ארויס א באגרעבער פון צווינטער, הינטערן קלויסטער.

איינגאנצן שווארץ אנגעטאן. מיט א דערשראקן פנים, זעט ער אויס, ווי פון א קבר ארויסגעצויגן.

מע דינגט זיך מיט אים.

דער קברן פאכעט מיט די הענט, ווייזט, וואוהין מע דארף גיין... ער וויל זיך ארויסדרייען. נאר מע העלפט נישט. ער וועט שוין מוחל זיין פאר דער טירחה און זיך מטריח זיין אויסגעפינען די בעסטע סטעטשקע, א זיכערע שפור, אריבערצושמוגלען דעם פראנט.

דער באגרעבער איז א שווערער פארשוין. עס איז פאר אים נישט לייכט, זיך דורכצושטופן דורך א געפלעכט פון צווייגן און וואָרצלען. ער וואלט זיך ליבער אומגעקערט, ווען מע לאזט אים...

אלעפן איז איינגעפאלן, דעם באגרעבער אנצוטון זיין רוקזאק מיט אמוניציע אויף די פלייצעס, כדי ער זאל נישט קאנען לייכט פארשווינדן.

אויף יעדן פאל האט זיך אלעף דערוויל אויסגעגלייכט דעם רוקן און איז געלאפן, צום קאפאראל פון די אויסשפירער. איצט שפאנט ער פארויס, לעבן קאפאראל, אין דער ערשטער ליניע..

— וויבאלד מען איז ארויס פון נעדיכטעניש אויף א גלייכער סטעטשקע, הייבט פלוצים אן צו שיסן א מאשינביקס.

אלע זענען צוריקגעלאפן אין געדיכטעניש.

נאר איינער פון די אויסשפירער האט געפעלט. פון די פינף הירשעלעך, דאס יינגסטע, וואס איז תמיד פארויסגעשפרונגען, ווי אויף א יונגנטלעכער עקסקורסיע...

די שיסערייִ האָט אויפגעהערט.

— לאָמיר צוואַרטן, זאָגט דער קאַפּאָראַל. אין וואַלד וואַגן נישט די פאַשיסטן אַריינצושטעקן זייער פאַרשיווע מאָרדע.

מע האָרכט אָנגעשטרענגט, איינגעבויגן...

קיין שאָרך ניט... אפילו די פייגעלעך זענען פאַר שרעק אַנט-שוויגן געוואָרן.

נאָר דער ווינט פייפט שטיל אַ וואָלעכישע דוינע...

אַלע קוקן זיך איבער. יעדער זוכט אַ טרייסט, אַ דערמוטיקונג אין די אויגן פון זיין חבר.

די אויסשפּירער האָבן געגעבן דעם ערשטן קרבן אויף דעם גע-וואַגטן וועג.

די פאַרטיזאַנער פילן זיך מיטשולדיק.

— דער קרבן איז געפאַלן, ווייל מע איז צו ווייט פאַרגאַנגען...

— די אויסשפּירער האָבן באַדאַרפט זיך פריער אומקערן.

— אַזוי לאַנג מע גייט, גייט מען. איצט איז אָבער גענוג...

די פאַרטיזאַנער ווילן זיך שוין אַליין אַרויסדרייען. זיי ווילן זיך אָריענטירן מיטן קאָמפּאַס. סע וועט זיי פירן דער אינסטינקט...

אויך דער מאָך פון דיביימער ווייזט, וואו די זון באַהאַלט זיך, וואו ס'איז מערב און וואו ס'איז צפון.

...ס'הערט זיך אַ קורצער קנאַל — דער לעצטער.

די אויסשפּירער קוקן זיך אַרום, זוכן, האָפן, וואַרטן אויף קאָרנעלן.

— לעבט ער נאָך? האָט ער זיך באַהאַלטן?

— ניין, ער איז אַנידערגעפאַלן. ס'איז קלאָר, מע קאָן אים איצט נישט זוכן, ווייל אַלע זענען דאָ אין סכנה. מע מוז אָפּוואַרטן. אַ טאָג, צוויי, די גרופּע זאָל זיך דערווייטערן...

די פאַרטיזאַנער האָבן זיך איבערגעקוקט און באַשלאָסן: זיי האָבן וואַרעם אַרומגענומען די אויסשפּירער און זיך געזעגנט.

...צום מיינסטן האָט זיך געאײלט דער קברן. ער האָט אראָפּ־געלײנט דעם רוקזאק און אָפּגעאָטעמט. ווען ער קאָן, וואָלט ער געפֿלויגן צוריק צום צווינטער.

— דער אָנהויב איז נישט פֿרײלעך, רייסט איבער מיכל די פֿארשטארצטקייט. אז מע האקט האָלץ, פֿאלן שפּענער.

— שפּענער... א שפּענדל פֿון 18 יאָר מיט איבערגעהאקטע יאָרן.

— אין צייט פֿון מלחמה ציילן נישט די יאָרן...

— מלחמה־צייט איז פֿארלוירענע יאָרן פֿאר דער גאנצער וועלט.

— יאָרן ציילן נישט, נאָר מעשים רעכענען זיך אין דער געשיכטע — האָט נאָך באטאָנט בקול רם...

...די פּארטיזאנער האָבן נאָך אמאָל ארומגענומען די אויסשפּירער. טרערן האָבן געשטיקט. דאָך שטראָלן זייערע אויגן מיט מוט.

— עס קאָן נישט אנדערש זיין. די אויסשפּירער דארפֿן זיך אומקערן. זייער איינהייט וועט שוין זיין באזאָרגט.

אין דער געדיכטעניש פֿון וואלד פּילן זיך די פּארטיזאנער באַוואָרנט און געשיצט.

זיי ווארטן אָפּ די פֿינצטערניש. דערנאָך האָבן זיי זיך ארומגענגבעט, אונטערן נאכטיקן שוץ, איבער די טונקעלע בערג און וועלדער...

## 19

אין בענקאָוו זענען איצט כמעט פֿארלאָזט די מינעס פֿון אייזן, קופּער און אנדערע מעטאלן.

בענקאָוו איז נישט ווייט. ביז אהין דארף מען צוויי נעכט קלע־טערן איבער די בערג.

פֿון דאָרט וועט מען ווייטער זען. אפשר שאפֿט זיך א פֿארבינדונג...

אין ווידערום א מניעה: דער צענטער פֿארווערט אָנצוקניפּן באַ־ציונגען. מע דארף זיין וואכזאם.

אין צייט פֿון מלחמה קאָן מען זיך פֿארלאָזן נאָר אויף איין זאך: אויף געווער...

— זאָלסט פאַרטרויען נאָר דעם כּלי-זין. דאָס איז דיין שוץ, וואָס וועט דיך נישט פאַרראָטן. מע דאַרף נישט אין גאַנצן אויס-מיידן די ציוויליסטן, אָבער אויך נישט האָבן מיט זיי קיין צו ענגן משא-ומתן.

— דער וואַלד איז אייער היים און אייער פריינד. איר קענט קיינעם נישט און ווייסט פון קיינעם נישט.

— לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון בענקשאַפט, פון אווענטורעס. איר קאָנט דערביי לייכט פאַרשפּילן אייער לעבן.

— מיר, דאָ, וואַכן איבער אייך. יעדן מאָרגן וואַרטן מיר אויף אייער רוף.

— אין אַ סכּנה, אַז איר קאָנט זיך מער נישט ראַטעווען, ווייסט איר, וואָס איר האָט צו טון... געגנוג איין גראַנאַט, און איר פאַלט נישט אַריין אין די הענט פון שונא אַ לעבעדיקער. אַ פּאַרטי-זאַנער קאָן זיך אַנדערש נישט אָפּראַטעווען פון חוזק און פּיין...

...אַרום און אַרום קרייזלען זיך בערגלעך און בערג און שטייגן אַלץ העכער און העכער.

דורך אַ בינאָקל איז בענקאָוו נאָענט, פאַר די אויגן...

גיין דאַרף מען נאָר ביינאַכט, כּדי זיך אויסהיטן פון אומגע-ריכטע באַגעגענישן, פון פאַשיסטישע מאַשינביקסן, וואָס לאָקערן פון אַלע זייטן, באַהאַלטן הינטער קוסטעס און סקאַלעס.

אַלעף קלעטערט אַרויף אויף אַ פעלדז און קוקט זיך אַרום:

איצט זענען מיר אַליין, ווי אין אַ פּאַסטקע, אַרומגערינגלט פון חיות...

וויקו איז אומגעדולדיק:

— לאַנג טאָרן מיר דאָ נישט בלייבן. די פאַשיסטן קאָנען אונדז אויפשפּילן אַ טאַנץ און אַריינציען אין אַ שיסעריי... אַזאַ האָרעס מוזן מיר אומבאַדינגט פאַרמיידן. סע קאָן שלעכט ענדיקן.

— מיר מוזן אָנקומען וואָס גיכער אין טאָל, צו די צוגן, וואָס קייקלען זיך מיט פּעטראָל... וואָס בליצן מיט בלויע פלאַמען...

— שאָטנס צעשפּרייטן זיך צווישן די ביימער, שלענגלען זיך דורך די צווייגן און פאַרשווינדן אין דער טונקלקייט...

# 20

דער פּלאַן פון אַלעפּן זיך דורכצוראַנגלען איבער די בערג, זיך פאַרייניקן מיט די אַנדערע פּאַרטיזאַנער אין שכנות, און בילדן אַ שטאַרקע קאָמפּאַניע — ליגט זיך נישט אויפן שכל הישר.

דער צענטער האָט דאָס נישט פאַרויסגעזען. בכלל פירט עס אַראָפּ פונעם גלייכן וועג און פונעם באַשטימטן ציל.

די גרופּע האָט באַשלאָסן זיך נישט אָוועקצולאָזן אויף זייטיקע, ריזיקאַלישע וועגן און נישט אויפגעבן דעם סטראַטעגישן פּלאַן...

לויט דער מאַפּע איז דער וועג קיין בענקאָוו נישט קיין שווערער. די בערג כוואַליען זיך פּאַמעלעך פון איין שפּיץ אויפן אַנדערן.

דאָס אומאָנגענעמסטע איז, וואָס עס רעגנט יעדע נאַכט. די לבנה איז באַהאַלטן. מע זעט נישט קיין סטעטשקע, קיין שום שפּור.

אויסגעטרעטענע וועגן און שטעגן זענען סיי ווי געפערלעך פאַר פּאַרטיזאַנער.

אַ שטעג קען פאַרפירן צו אַ כאַטע, צו אַ הייזקע, צו אַ נעסט פון די שונאים — איז שוין גלייכער צו קלעטערן איבער משופּעדיקע בערג... מע גליטשט זיך טאַקע אויס, מע פאַלט... דאָך מע גייט ווייטער. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ס'ע טאָגט...

...ווער ווייסט, אפשר איז מען שוין אַריבער דעם פראָנט? אייגנטלעך, איז עס דאָך נישט קיין פראָנט... גאָר פאָרט, ערשט אויף יענער זייט פון דער שיידליניע, מעג מע זיך פילן היימיש און זיכער אין דער היימישער אוניפאָרם.

כאָטש, די אוניפאָרם איז נישט אינגאַנצן היימיש, דער גאַרטל איז אַן אונגערישער, די שיך זענען איטאַליענישע... ווייס איך וואָס, נאָך אַזויפיל יאָרן פון מלחמה, ווער גיט אַכטונג אויף אַזעלכע קלײניקייטן?

די מאַשינביקס איז אַ רוסישע — נו, איז וואָס? בעת די קאַמפן בייטן זיך די פּאָזיציעס, מע גייט פאָרויס און צוריק, פאַרלאָזט מען מאַטעריאַל, מאַכט מען געפאַנגענע.

אלץ לאָזט זיך דערקלערן און פאַרענטפערן... ס'איז אפילו העלדישער צו פאַרכאַפּן און באַניצן דאָס געווער פון שונא קעגן שונא גופא... ניין? נישט אזוי?

— לאָז אָפּ די קשיות... וועמען פרעגסטו? העכסטנס די פייגל, וואָס זינגען אזוי אומעטיק, ווייל ס'ע רעגנט. זיי האָבן ליב די זון...

דער עיקר — מע דאַרף ווייטער גיין און העכער קלעטערן...

אָבער פון עסן, בלויז קאָנסערוון, קומט נישט צו קיין כוח. אחוץ דעם האָבן זיי זיך שוין אויבעט אויסגעמאָפּעט, אין איינעם מיט די כוחות...

און ג״י, קריך גאַנצע נעכט איבער פאַררעגנטע בערג.

שוין צייט, ערגעץ וואו געפינען אַן אָנשפּאַר, אַן אָנלען...

# 21

אין א פרדגאַכט האָבן זיך די פאַרטיזאַנער אַנגעשטויסן אין אַן אַרבעטער. ער איז געקומען אין וואַלד נאָך האָלץ. ער וואוינט דאָ נאָענט אין א שטיבל לעבן וואַלד. ער אַרבעט אין די מינעס. סוף וואָך קומט ער אהיים.

פאַרוואונדערט לייגט דער שאַכטיאָר אַראָפּ דאָס בינטל האָלץ פון דער פּלייצע און קוקט זיך אַרום:

— איר גייט צו אונדז, צו די מינעס? שוין לאַנג נישט באַ-געגנט קיין היימישע זעלנער. פון צייט צו צייט קומט פאַרביי א דייַ-טשער פּאַטראָל. זיי נישטערן איבעראַל אַרום. זיי ראַבעווען אַלץ אוועק.

מע האָט גלייך געקאָנט פאַרשטיין פון שאַכטיאָרס רייד, אַז ס'איז אים אָנגעזאָליעט אויף דער נשמה. ער לאַדט איין די חברה אין זיין שטוב.

— מיר האָבן עס אייליק, זאָגט וויקו. מיר דאַרפן וואָס גיכער אָנקומען קיין בענקאָוו. מיר ווילן זיך נאָך אומקערן אהער.

...גאָש רוימט איין דעם אַרבעטער א סוד אין אויער. דער שאַכ-טיאָר האָט פאַרשטאַנען. ער ברענגט גלייך אַרוים א פּאַטשייל מיט קעז:

— ברויט האָבן מיר נישט, ליידער... מיר ווינטשן אייך גליק און דערפאָלג...

— קומט אריין, זאָגט זיין פרוי, איך וועל אייך אָפּקאָכן א מא־מעליגע, איר וועט טרינקען אביסל בראָנפן.

דאָס פאָרפאָלק האָט שטארק געוואָלט פארהאלטן די גרופּע סאָל־דאטן. פּשוט, אוים נייגיר... סאָלדאטן וויסן מער צו דערציילן פון דער מלחמה. דאָ איז מען אָפּגעשיידט פון דער וועלט, גלייך מע לעבט אויף אן אנדערן פּלאנעט.

אָבער די חברה לאָזט זיך נישט איבעררעדן. א מאמעליגע, אביסל בראָנפן, אווארעמע שטוב זענען אוודאי זייער פארלאָקנדיק. דאָך, מע טאָר זיך נישט פארהאלטן לעבן א שליאך. ס'קאָן דאָ אָנ־פאָרן דער גיט־גוטער...

די חברה לאָזט זיך איבערן פעלד, שפּרייזט אריבער די באן־רעלסן און קומט אָן צו א וואסער.

דאָס וואסער איז נישט טיף, אָבער רעשיק. עס שלעפּט מיט זיך גרויסע, שפּיציקע שטיינער. שווער צו שפּאנען איבער זיי.

דאָס וואסער יאָגט זיך אראָפּ פון די בערג מיט א שנעלקייט, אז מע דארף זיך היטן, מע זאָל נישט אומפאלן, מע האלט זיך ביי די הענט.

אויף יענער זייט וואסער טונקלט שוין. פון דער וויטנס הערט זיך א גערויש. די פּארטיזאנער קלעטערן גיך ארויף אויפן בארג.

אויפן שפּיץ בארג איז שטילער פון שטיל. עס הערט זיך נאָר דאָס פייקל, וואָס קלאַפּט אין הארצן.

אויפן שפּיץ בארג פילן זיך די פּארטיזאנער שטארק און מעכ־טיק ווי ריזן. צו זיי געהערן די בערג און אלץ ארום: די וועלדער, די חיות, די פייגל, דער גאנצער רומל.

— אז ער וועט ארוים א לעבעדיקער פון דעם רומל, טראכט יורי, ווערט ער אן אלפּיניסט, א בארג־תושב...

— א וואזשנער רעוואָלוציאָנער — ער וויל איבערקערן וועלטן, כדי צו קלעטערן אויף די בערג...

וואָס העכער, ווערט די לופט אלץ ריינער, דינער, פיינער, דורכ־זיכטיקער.

אויבן, אין די הייכן, ווערט אויך דער מענטש אײדעלער, הימלישער...

מע ווארפט אראָפּ דעם שטויב פון דער נשמה...

דער האָריזאָנט ווײַטערט זיך, ברייטערט זיך אויס. דער בליק פארלירט זיך אין דער בלויער פאנאָראמע פון ספּיראלישע הייכן און טיפע אָפּגרונטן...

נאַש האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין. עס דרייט זיך אים דער קאָפּ אויפן שפּיץ בארג. עס שווינדלט אים פאר די אויגן.

עס ציט אים, עס וויל זיך אים אראָפּקייקלען פון בארג. ער באפּט אָן יוריין, שלעפּט אים צו זיך:

— וואָס דארף מען דאָ לאנג ברייען? לאָמיר גיין.

— אײַל זיך נישט, נאַש, פּאַוואָליע, וועסט אָנקומען צו דער צײַט, א בארג — און נאָך א בארג, ארויף, אראָפּ, ביז די זון וועט אויפגיין. איצט גייען מיר אראָפּ.

כדי מע זאָל זיך נישט פארלירן אין דער פינצטער, חזרט יעדער איבער אן אות פונעם אלף-בית: א, ב, ג, ד, ה... יעדער האָט זיך זײַן אות.

פון דעם אלף-בית האָט זיך געשאפן דער פּארטיזאנער-הימן:

„אלף איז אן אָדלער —\
מיט גוטס פאר „בית" צאָלט ער.\
די „דלת" העלפט דעם „גימל"\
ארויפקריכן אין הימל.\
די "היי" בעט ביים „וואָוו":\
— שיק מיך פארן „תּוו".

## 22

יעדן פארנאכט האָבן זיך די פּארטיזאנער אָפּגעשטעלט אויף א שפּיץ בארג און געזונגען זייער הימן שטילערהייט.

אומגעדולדיק האָבן זיי אָנגעהויבן ציילן די פארנאכטן — ס'איז די צײַט פון ציילן ספירה.

אין דריטן בין-השמשות האָבן זיי דערזען אַקעגן, אויף א בערגל, אַן איינגעצאַמט הויז מיט א פירעקעדיקן פּלויט. א שפּיציקער שינדל-דאַך קלעטערט אַרויף אין דער מיט, צו א הויכן טורעם.

דער בנין האָט אויסגעזען ווי א פעסטונג. פון דעם טורעם קאָן מען אויסשפּירן דעם שונא און זיך פאַרטיידיקן.

די פּאַרטיזאַנער גייען איינגעמען די פעסטונג. זיי האָבן זיך א פּאָר מאָל אַרומגעדרייט אין קרייז... ס׳איז שטיל פון אַלע זייטן — האָבן זיי אויפגעעפנט דעם טויער און זענען אַריינגעגאַנגען. דער הונט אויף דער קייט ליגט זיך רואיק און כאַפּט אַלע מאָל א גנבישן קוק צו די אומבאַקאַנטע געסט. יורי און אַנדרו זענען געבליבן אין דרויסן. זיי האַלטן די וואַך אַרום הויז, ס׳זאָל חס וחלילה, גאָרנישט פּאַסירן...

אַנדרוס אויסזען קאָן דערוועקן א חשד. כדי צו פאַרמיידן יעט-ווערן פאַרדאַכט, איז בעסער ער זאָל נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע.

סע דויערט נישט לאַנג, ברענגט נאָש אַרויס עפּעס עסן פאַר דער וואַך און פאַרזיכערט זיי, אז ס׳איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג. אין דעם הויז וואוינט אַן אַלט פּאָרפאָלק:

— דריי זין — ווער ווייסט אויף וואָס פאַר א פראָנט זיי זענען... אָדער, חס וחלילה, אויף יענער וועלט... צוויי טעכטער האָבן זיך אַרויסגעצויגן אוים מורא פאַר די רוצחישע באַנדעס.

— ניין, דער פויער גלייבט נישט, אז די רוסן וועלן דערגיין ביז צו זיין בערגל. ס׳איז א צו ווייטער מהלך.

אַלמאַי האָט מען זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן זיך היטן פאַר פּאַרטיזאַנער, דעזערטירן. וויבאַלד ער האָט א חשד, זאָל ער תיכף מעלדן דעם זשאַנדאַר-פּאָסטן...

— אויב די מלחמה דויערט נאך לאנג, וועט ער מיט זיין אל-טיטשקער אויך אוועק פון דאנען.

— דערווייל קאן מען נאך צוזשיפען. סע גלוסט זיך נישט איבערלאזן א ווירטשאפט, א קו מיט א קעלבל, ערשט געבוירן, מיט שאף און עופות, נישט צו פארזינדיקן...

— מיט דער קו האט פאסירט א גרויס אומגליק...

— די קו איז פארקראכן טיפער אין וואלד, איז זי איבערגע-פאלן א בער און האט איר ארויסגעריסן א שטיק לייב. דער בער-נארדינער הונט האט זי אפרגעראטעוועט.

— מע דארף היילן די קו. ס'איז אויף איר א גאטס רחמנות, קלאגט זיך דער פויער.

— איך האב צוגעלייגט שארפן קעז אויפן בויך, וואס זאל איר ארויסציען דאס פיבער.

— די קו קאן נישט גיין. איך קאן זי נישט טראגן אויף די פלייצעס צום וועטערינאר.

— איך בין געוועזן אין שטאט, בעטן דעם וועטערינאר, ער זאל ארויפקומען. איז ער אבער אלט און קאן נישט מער ארויפ-קלעטערן אויף די בערג. זיין געהילף איז ביים מיליטער.

— ווען איך קוק אויף דער קו, רייסט זיך מיר אפ א שטיק געזונט, קרעכצט די פויערטע, א צער-בעלי-חיים...

אלעף זאגט זיי צו, אז ער וועט רעדן מיטן וועטערינאר און וועט זען, וואס עס לאזט זיך טון.

— ווייסט איר גאר וואס, איך וועל אים נעמען אויף די פליי-צעס, דעם דאקטער, און ברענגען אים אהער.

די אלטיטשקע דאנקט און בליפעט:

— א קו, גאטס באשעפעניש, גייט אויס פאר ווייטיק. און מיר דא, אליין אויף די בערג, גייען אויך אויס פאר שרעק... אויב סע פאסירט עפעס, זענען מיר פארלוירן. ווער קאן דיר דא העלפן...

— איר בלייבט מער נישט אליין, טרייסט זיי וויקו. א גאנצער באטאליאן גרייט זיך אהערצוקומען, כדי צו באפעסטיקן די פראנט-ליניע.

וויקו שפרייט אוים א מאפע אויפן טיש.

— מיר זענען אהער געקומען שטודירן דעם טערען. מיר וועלן דאָ גראָבן טראַנשייען, שוץ־גריבער.

דער אַלטער פויער איז צופרידן.

— מיר האָבן זיך דאָ פּאַרטיידיקט, נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. שוין אין די אוראַלטע צייטן האָבן זיך אונדזערע אבות דאָ פאַרטיידיקט קעגן די באַרבאַרן...

איך וועל אייך ווייזן די שפּורן פון די באַפעסטיקונגען. ס'קאָן אייך צוניץ קומען.

דערווייל האָט די אַלטיטשקע געבראַכט הייסע מילך מיט מאַ-מעליגע און קעז.

— עפּעס מיטצונעמען פאַרן אָפיציר פון באַטאַליאָן איז מעג-לעך? פרעגט מיכל שעמעוודיק.

— מיר האָבן נאָך אביסל סאַלאַמי און פּאַסטראַמע פון ווינ-טער. פאַר אייגענע איז אַלץ מעגלעך.

— זייער פיין — מיכל האָט ארויסגענומען די פּותיקי און האָט גוט באַצאָלט.

זיי האָבן זיך צוערשט געקווענקלט, נישט געוואָלט נעמען. דאָך האָבן זיי איינגעוויליקט. זיך איבערגעקוקט, זיך איינפאַרשטאַנען, און ווידער אַראָפּגעבראַכט פון בוידעם פּאַסטראַמע.

מיכל האָט נאָך צוגעלייגט פון דער פּותיקי. די פויערטע האָט דערלאַנגט קעז אויך, האָט מיכל דערלאַנגט נאָך פּאַפּירלעך.

— אונדזערע אָפיצירן וועלן זיך מחיה זיין.

דער מסחר וואָלט ווייטער אָנגעגאַנגען, ווען דער פויער גיט נישט א זאָג:

— צו וואָס דאַרפט איר אַלץ פּאַרפּאַקן אין די רוקזעק? איר בלייבט דאָך דאָ א שטיקל צייט.

— ניין, ניין, חזרט איבער וויקו. מיר מוזן צוערשט אוים-שטודירן דעם גאַנצן טערען און ראַפּאָרטירן אין שטאַב. מיר וועלן נאָך קומען צו אייך. מיר נויטיקן זיך אין אייער הילף, איר זאָלט אונדז ווייזן די באַפעסטיקונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

— אָבער פאַרגעסט נישט צו ברענגען דעם וועטערינאַר, אַז איר קאָנט נישט דאָ בלייבן איבער נאַכט. טרינקט כאָטש אַ שנעפּסל. ברידערלעך, איר ווייסט, וואָס זאָל איך זאָגן — ווי איר זענט נאָר אַריינגעקומען און געגעשטערט מיט די אוינן אין דער שטוב, האָב איך צוגעוואונקען מיין באָבעצע, דאָס דאַרפן זיין פּאַרטיזאַנער-דעזערטירן.

...נאָר גלייך האָב איך זיך געכאַפּט און פון זיך אַליין געלאַכט: וואָס פאַר אַ נאַר איך בין... דאָס זענען דאָך איינענע. מע זעט דאָך גלייך, אַז איר זענט פּיאָנירן. מיין באָבעשע האָט צוריק אויסגעטאָן דאָס פעלצל...

— שוין לאַנג נישט געזען קיין היימישן סאָלדאַט, אַנטשולדיקט זיך דער אַלטיטשקער, האָבן מיר געמיינט, אונדזער אַרמיי האָט אונדז פאַרלאָזט, איבערגעגעבן אין דייטשישע הענט... איך קאָן נישט אָנקוקן זייערע מאָרדעס, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל נישט זאַט פרעסן.

— אונדזערע קומען באַלד, סע וועט נישט לאַנג דויערן...

— גאָט זאָל אייך בענטשן פאַר דער גוטער בשורה. איך מיין, מע דאַרף זיך פאַרגלייכן און זאָל נעמען אַ סוף צו דעם בלוט-פאַרגיסן. וואָס מיינס — איז מיינס, וואָס דיינס — איז דיינס. און אַראָפּ פונעם מאַרק. יעדער זאָל בעלהביתעווען ביי זיך, און נישט ביי אַנדערע.

— זאָל גאָט העלפן, פּאַטאַקעוועט די באָבעשע.

— איך וועל אייך ווייזן די באַפעסטיקונגען...

— גוט, גוט, זייער פיין. זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק... אויף מאָרגן...

די פּאַרטיזאַנער זענען אַרויס פון הויף און צוגעקלאַפּט דעם טויער.

— איך וואָלט פאַרזוכט אַ שטיקל פּאַסטראַמע און קעז, צום דעסערט, לאַשטשעט זיך אַלעף...

— זיי נישט קיין נאַשער. ווער ווייסט, ווען מיר וועלן נאָך האָבן אַזאַ געלעגנהייט...

דער שעף איז געווען גערעכט: שטאָפּט אײַך אָן דעם טייסטער מיט וואָס מער געלט, האָט ער געטענהעט, געלט רעגירט די וועלט...

— ווען פאַפּירן האָט דער שעף נישט געטראַכט, בייזערט זיך וויקו. מע דאַרף שוין אַמאָל אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן...

— פאַרוואָס האָסטו נישט פאַרלאַנגט?

— איבעריקנס, אַז מע כאַפּט אונדז, העלפן נישט קיין פּאַ-פּירן. מע קאָן לײַכט אויפדעקן דעם שווינדל און אונדז דעמאַסקירן...

— דעמאָלט איז ווײ צו אונדזערע יאָרן...

— וואָס זשע, חכם עתיק, האָסטו געמיינט, ס'איז אַ שפּילעכל...? דאָס פּאַרטיזאַנסטוועווען?

# 23

אַזוי זענען פאַרגאַנגען טעג און נעכט, גאַנצע צוויי וואָכן, פאַר-מוטשעטע פון מידקייט און אומגעדולד...

די טעג זענען אײַנגעזוקען. די נעכט זענען איבערגעלאָפן. די שעהן זענען אויסגערונען און שיטן זיך ווי זאַמד-קערנדלעך פון אַ קלעפּסידרע...

פּיס שלעפּן זיך באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ...

אין אַ קאַיאָר זענען די יאַטן אַרויס אויף אַ לאָנקע. די זון האָט זיך צעשמייכלט אין מונטערע פאַרבן.

מיכל האָט אונטערגעטאַנצט:

— זעט נאָר, מיר זענען אַרויס פון דער געדיכטעניש און פינ-צטערניש, אויף דער ליכטיקער שײַן — אַ מחיה...

מיכל וואַלגערט זיך אין גראָז. ער צעקייט אַ פּאָר פעדעם פון גרינעם גראָז.

— נישט שלעכט. דאָס גראָז איז געזאַלצן. עס שמעקט נישקשה...

— אָט לאָמיר אָפּקאָכן אַ טאָפּ קראָפּעווע. יאַטן, נעמט זיך צו דער אַרבעט. פאַר איין קראָפּעווע-זופּ דאַרף מען אָנרייסן אַ גאַנצן זאַק...

אַ קוועלעכל ריזלט אַרויס פון אונטער אַ שטיין, שלענגלט זיך איבער דער לאָנקע און הוש-הוש, פאַרשווינדט עס באַרג-אַראָפּ אין טאָל...

א הירשעלע, א שאַלטיק, שפּריגנט ארוים פון וואַלד, קוקט זיך ארום, פרעגט זיך: ווער זענען זיי די צווייפיסיקע?

עס דאכט זיך אים — נאָר לאַנג צו טראכטן האָט דאָס הירשעלע נישט באוויזן...

מיכל האָט גיך נעצילט און —

אויפגעשפּרונגען, דערשראָקן, ווי פון א בליץ געטראָפן, איז דאָס הירשעלע פארשוואונדן...

דער שאָס האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. דער קאיאָר האָט זיך פּלוצים פארטונקלט און זיך געטריבט... ווי מעג מען דאָ שיסן...?

מיכלען האָט זיך עס אויסגעוויזן א פּשוטע שטיפעריי. עלעהיי ער פלעגט א שיס טון אין בודקע פון לונא-פּארק.

— ס'איז געגוג איין שאָס, איין נארישקייט, וואָס זאָל אונדז פאררעטן, וואָס קאָן אונדז אויסגעבן...

— איבערטרייב נישט, ס'איז נישט געווען קיין שאָס... ס'האָט זיך געהערט א קראַך פון א דונער אָדער פון א בוים, וואָס פאַלט אום, פארענטפערט זיך מיכל.

— וואָס בעבעסטו? וואָס פאר א דונער אין אזא ליכטיקן פרימאָרגן?...

מיכל לויפט גיך אריבער, כאָטש זען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און טענהט צו זיך: אזא נארישקייט, אזא טפשות...

דאָס הירשעלע איז אנטלאָפן, איז אויסגעווען די צייט, מע זעט נאָר בלוט-שפּורן...

— לאָמיר נאָכגיין די שפּורן, וועלן מיר עס אָפּזוכן, אָפּראטעווען...

— מע טאָר נישט פארלירן קיין איין מינוט. מע דארף זיך, וואָס גיכער, אָפּטראָגן פון דאנעט. וואָס גיכער...

— מיר קאָנען דאָך ארייַנפאלן ווי א וואַלד-גנב אין זיין אייגענער וועגטקע, וואָס ער האָט אונטערנעלייגט.

מיכל איז אויסער זיך. א ביקס איז א יצר הרע.

מיכל איז געפּלעפט, וויאזוי די ביקס האָט פּלוצים אויסגעשאָסן, אָן זיין ווילן... ער פארענטפערט זיך, וואָס אין שפּאניע האָט ער געשאָסן מיט הארמאטן, נישט מיט קיין ביקס. איז ער נישט צוגע-

וואוינט... קוים אַנגערירט דאָס צינגל... ס׳איז נאָר מעשה שטן... שיסן אויף אזא אומשולדיק הירשעלע?... צו וואָס, צו ווען?...

דאָס הירשעלע האָט זיך אים איינגעבאַקן אין געוויסן. עס ליגט אים אין די ביינער.

ער קאָן זיך נישט מוחל זיין דעם מערדערישן אימפּולס זיינעם. עס פאַרנעפּלען זיך אים די אויגן. דאָס הירשעלע האַקט אים אין מוח...

# 24

אין דער ערד-ציטערניש איז מיכל נישט פארשווינט געבליבן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אנטשליסן התונה צו האָבן: סע האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. ער האָט נישט געטראָפן דעם ריכטיקן זיווג.

— נישט ער איז שולדיק.

— ער נעמט זיך איבער מיט זיין שעמעוודיקייט, מיט זיין באַשיידנקייט.

— ער איז נישט ווערט צו זיין א באַווייבטער, שפּאַסט ער.

— א חתונה איז א ריזיקע און פול מיט געפאַרן פארן גאַנצן לעבן. מען איז קיינמאָל נישט זיכער, נישט מיט זיך און נאָך ווייניקער מיט א ווייב... ווי לאַנג קאָן עס אָנהאַלטן?... איז שוין גלייכער נישט חתונה האָבן...

בקיצור, ער האָט זיך אנטווישט — און גענוג...

נאָך דער ערד-ציטערניש איז מיכל פארבליבן אדם א נאַקעטער, ווי ער גייט און שטייט...

מע האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון אן איינגעפאַלענער מויער אויפן זיבעטן שטאָק.

א שכנטע האָט אים אריינגענומען צו זיך. עס וואָלט זי נישט געארט, ווען ער בלייבט בסדר ביי איר. זי איז אויך אליין.

מיכל האָט דערצו נישט געטראַכט. ער איז גלייך ארוים אויף דער חרובער גאַס, העלפן אויסגראָבן, ראַטעווען, וואָס סע לאָזט זיך. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די חורבות.

מע האָט פּיבערדיק און פּאַרזיכטיק אָפּגעראַמט די רואינען. דער הייזער-בלאָק נומער 58 איז גאַנץ צעשטערט. נאָך פּערצן שעה זוכן און גראָבן האָט מען געפונען, אונטער די חורבות, א לעבעדיק נפשל, א קינד פון א פּאָר וואָכן.

פון דערשראָקענע קינדערישע אויגן האָבן ארויסגעשטאַרצט האָפּע-נונגען פון אונטער דער ערד. אפשר לעבט נאָך די מאַמע, דאָרט אונ-טער דער ערד. אפשר לעבט נאָך די מאַמע, דאָרט אונטער די טרעפּ, הינטער א פאַרשיטן ווינקל.

ווי א קאַסקאַדאָר האָט מיכל געקלעטערט איבער די חורבות.

די אייגעלעך פון קינד האָבן צו אים געקוקט, ווי דער בעטנ-דיקער בליק פון הירשעלע.

מע האָט ווייטער געגנישטערט, געזוכט...

א סך מאַמעס האָבן זיך פאַרלוירן אין איינעם מיט זייערע קינדער.

אין דעם בנין איז איין קינד אליין געבליבן לעבן. א מאַמעס נשמה האָט דאָס קינד באַשיצט מיט אירע פליגלען.

האָט מען פאַרשריבן אין פּינקס:

דאָס קינד איז געבוירן אין דער ערד-ציטערניש. גאַס מאַטערנאַ נומער 58.

דאָס קינד וועט הייסן טעראַ.

צוליב דעם, פון דער ערד-ציטערניש, געראַטעוועטן קינד טעראַ, האָבן זיך פאַרייניקט מיכל און סילוויאַ.

מיכל און סילוויאַ וועלן אויפציען דאָס קינד טעראַ און אויפ-בויען א משפחה, וואָס איז ארויסגעוואַקסן פון דער ערד-ציטערניש.

# 25

עס קרייצן זיך בילדער און שפּילן זיך מיטן ווינט.
דער ווינט מישט אוים דעם נעכטיקן הײנט מיטן היינטיקן מאָרגן.

דער ווינט רייסט אָפּ צאַרטע בלעטלעך פון די ביימער און פאַר טראָגט זיי איבער די וואָלקנס.

ווען די וואָלקנס צעשיטן זיך, גלאַנצן די בלעטלעך אויפן הימל מיט זילבער באַצירט.

אויפן האָריזאָנט וואַלגערן זיך שוין בילדער פון סוף מלחמה.

נאָר די פאַרטיזאַנער-גרופּע האַלט נאָך ביים סאַמע אָנהויב.

— אַן אָנהויב ביים סוף מלחמה? — פאַרקלערט זיך נאַש.

— יעדער סוף איז טראָגעדיק מיט אַ נייעם אָנהויב. איין מלחמה רופט אַרויס די אַנדערע...

— וואָס זשע האָט מען דאָ אויפגעטאָן? איז שוין בעסער נישט אָנצוהייבן...

אַלעף פּוצט דעם רעוואָלווער. ער איז דער איינציקער, וואָס האָט אַזאַ כלי.

— טאָמער מיר וועלן זיך נישט צואיילן, בלייבן מיר אין דרויסן. מיר וועלן גאָרנישט אויפטון...

— מיר זענען דאָך אַ טייל פון דער גרויסער אָנפעסיווע, פונעם לעצטן קאַמף קעגן די פאַשיסטן.

— מיר דאַרפן פאַראַליזירן די פאַשיסטישע טאַנקען, זיי זאָלן נישט קאָנען אָטעמען.

— די דייטשן קאָנען מער נישט צו זיך קומען. זיי ווילן פאַרשלעפן זייער גסיסה...

— עקספּלאָזיעס פון נאַפט-ציסטערנעס וועלן זיין אַ שופר, וואָס וועט צואווייסן טון זייער אונטערגאַנג...

## 26

יורי ליגט און חלומט אויף אַ ווייסן טעפּעך. אַלץ אַרום איז ווייס, די לופט, דאָס וואַסער, דער הימל, די וואָלקנס...

דער זאַמד איז פּערלדיק-זילבערדיק ווייס.

ווייסע מעוועס טראָגן אין די שנעבעלעך ווייסע פישעלעך. מע־זומס שוועבן און טאנצן ארום אים. זיי שטעלן זיך אוועק אויף זיינע קני, שמייכלען צו אים, פרעגן:

— וואָס ווינטשסטו זיך איצט? פון וואָס חלומסטו?

— דערלאנגט מיר, איך בעט אייך, א געבראָטן פישעלע.

— געבראָטנס גאָר? וואָס א מענטש קאָן איינפאלן? מיר עסן נאָר פרישע פישעלעך, לעבעדיקע, צאפלדיקע...

— גו גוט, זאָל זיין, גיט מיר א פישעלע, א לעבעדיקס, א צאפלדיקס... הוש־הוש־היש־א געפילדער און א רעש פון פליגל...

די מעוועס זענען אוועקגעפלויגן. די קי פון דער לאָנקע האָבן זיי איבערגעשראָקן...

וויקו איז אויפגעשפרונגען:

— הברה, כאפט די זאכן, אנטלויפט, אז נישט וועט אייך דער בוהיי אויפשפיזן מיט זיינע הערנער.

דערשראָקן ווארטן די פארטיזאנער הינטער א קוסט, די רויטע קי מיטן ביק, זייער היטער, זאָלן אריבערפאשען די לאָנקע, און זיי זאָלן קאָנען נעמען די קליידער. זיך אָנטון...

...זיך צוויילנדיק האָבן די יאטן אויך אָנגעהויבן גיין בייטאָג.

דער רעגן פארלאָזט זיי נישט. פרילינג רעגנט אין די בערג טאָג און נאכט.

אז די זון קריכט ארויף אויף די בערג, איז א יום־טוב. מע ווארפט אראָפ די נאסע קליידער, מע ווארעמט זיך אויס די ביינער, מע חלומט פון א זוניקן לעבן.

א קיל ווינטל נעמט זיי ארום — די אויסגעטאָגטע יאטן.

נאָר די בהמות רירן זיך נים. סע געפעלט זיי די פאשע אין דער לאָנקע. אין דער ווארעם, אויף דער זון, פאשעט זיך בעסער.

— סע זאָל זיך זיי נאָר נישט פארגלוסטן זיך דאָ אוועקזעצן מעלה־גירהן...

— א שיינע מעשה. ווער ווייסט, ביז ווען זיי קאָנען אונדז דאָ אָפהאלטן.

וואזשנע פארטיזאנער, וואָס האָבן מורא פאר א בוזיי. אנו, לאָ-
מיר אים פארטרייבן...

א שווארצער וואָלקן איז אָנגעלאָפן און האָט פארפינצטערט די לאָנקע.

די בהמות האָבן זיך אָפּגעטראָגן, נאָך איידער א שלאָקסרעגן האָט פארפּלייצט די לאָנקע.

די פארטיזאנער זענען גיך אריינגעשפרונגען אין זייערע בגדים.

— סע דאַרף אין דער נאָענט זיכער זיין אן אָפּדאַך, א שייער, א סטינע. פאשע פעלט דאָ ניט.

די פארטיזאנער האָרכן אָנגעשפּאַנט. נאָר דער רעגן קלאַפּט ווי מיט פייקלעך, סע דונערט, סע בליצט, זיי בלאָנדזשען אזוי לאַנג, ביז זיי אנטדעקן איינגעצאַמטע שאָף און נישט ווייט א האָלץ-בודקע.

זיי דערנענטערן זיך פאָרזיכטיק צו דער בודקע. די טיר סקרי-פעט. אינעווייניק זיצן דריי אַלטע פאַסטעכער. פון דער מאַמעליגע פּילט זיך אן אָנגענעמע פארע. פון דער בודקע שפּאַרט ארויס א שטיקנ-דיקע ווארעמקייט. די פארטיזאנער בלייבן שטיין ביי דער אויפגעפראַל-טער טיר, קוקן אריין און באַגריסן...

— קומט אריין, קומט נעענטער. איר זענט געקומען צו דער צייט, אָט האָט איר א ווארעמע מאַמעליגע מיט זאַפטיקער אורדע, מיט פרישער מילך... זעצט זיך אוועק. שעמט זיך נישט, ברעכט אָפּ א שטיק מאַמעליגע מיט די הענט און פארטרינקט מיט דער שמעקנ-דיקער מילך.

— איר קומט פון ווייט?

די פארטיזאנער האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, האָבן גע-קייעט אויף ביידע באַקן:

— פון ווייט, זייער, זייער ווייט...

— גאָר, גאָר ווייט?

— גאָר, גאָר, זייער גאָר... ווייט פון הינטער די הרי חושך.

— אז איר זענט ארויס מיטן לעבן פון סטאַלינגראַד, דאַרפט איר נאָך בענטשן.

— וואָס ווייסט איר, סאַראַ גיהנום מיר זענען אויסגעשטאַנען. נאָך ערגער ווי אין גיהנום. א פייער און א פראָסט. מע ווערט פארפרוירן...

ביז די פאַרטיזאַנער האָבן נישט אויפגעגעסן די גאַנצע מאַמע־ליגע, האָבן זיי זיך ניט אוועקגערירט פון אָרט.

— אפשר קאָנט איר אונדז מיטגעבן אביסל קאַש אויפן וועג, מיר וועלן אייך באַצאָלן.

— קיין סך האָבן מיר נישט. מיר האָבן געבטן אַראָפּגעטראָגן דעם גאַנצן קעז אין דאָרף. עפּעס איז נאָך פאַראַן...

— גוט איז עפּעס. אויף די בערג, אויף דער שאַרפער לופט וואַקסט דער אַפּעטיט.

— אָבער דאָ זענט איר כאָטש זיכער מיטן לעבן. ווייט פון פראָנט... פאַר ווילדע חיות האָט איר נישט וואָס מורא צו האָבן. איר זענט גוט באַוואָפנט. זיי זענען נישט אונדזערע, די ביסטן. פון וואַנעט האָט איר זיי?

— מיר האָבן זיי פאַרכאַפּט, צוגענומען ביי זיי.

— בראַוואָ יאַטן. צו אונדזער צייט, דעמאָלט, ווען מיר האָבן געקעמפט פאַר אונדזער אומאָפּהענגיקייט האָבן מיר צוגענומען דאָס געווער און די קאַנאָנען ביי די געפאַנגענע, זיי זאָלן געדענקען, אַז אונדז טאָר מען נישט טשעפּען...

— ס'איז נאָך ווייט ביז וועגקאָוו?

— ניין, גאָר נאָענט. אַ שעה מיט אַ פערטל. איר גייט צוערשט אַרויף, דערנאָך אַראָפּ דעם באַרג. זעט איר שוין רעכטס דאָס קלויס־טער פון וועגקאָוו. מע וועט אייך דאָרט גוט אויפנעמען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק פאַר אַלץ.

— גוט גליק, גוט גליק...

— מיט געזונט, מיט געזונט!... ס'זאָל זיין צום גוטן...

## 27

ביז צום טאָל איז נאָך אַ קאַפּעטשקע צו גיין.

צוויי וואָכן האָבן די פאַרטיזאַנער זיך געדראַפּעט אויף די בערג, כדי אָנצוקומען קיין בענקאָוו.

אלעף איז אויפגעבראכט:

— ווייטער גיין אין דעמזעלבן ריטעם, איז א קאטאסטראפע.

— וואסזשע לאזט זיך טון? מיר האבן נישט קיין פליגל.

— לאמיר מיגירן די רעלסן, עפעס אויפטון אויף דער וועלט, כאפט זיך ארוים מיכל.

וויקו לאכט אים אוים.

— ביסט טאקע א גרויסער עקאנאמיסט, אבער א שוואכער סטראטעג...

אלעף בייזערט זיך:

— לאז צורו, דו ווייסט דאך אלץ בעסער... אוודאי דארף מען עפעס טון. אויב נישט, איז די גאנצע אונטערנעמונג אן א זין...

אין א קריטישן מאמענט, אז מע דארף עפעס באשליסן קוקן זיך איבער איראניש וויקו און אלעף.

יעדער פון זיי האלט, אז ער פארשטייט מער אין הלכות סטראטעגיע. דוכט זיך, זיי קריגן זיך, נאך איידער זיי הויבן אן צו רעדן.

— מע מוז ארויסקריכן פון פארכישופטן קרייז... ס'איז געוואגט, אבער... נאר דעם מוטיקן העלפט גאט...

זענען די יאטן זיך אייניק, אז וויקו זאל גיין אויסשפירן די געגנט, זיך באקענען מיט די ארטיקע, זען, ווי עס האלט מיט זיי, וואס קלערן זיי... כאפן א שמועס מיט א סאלדאט, עפעס ארויסבאקומען, געוואויר ווערן...

— פאר געלט, האט געזאגט דער שעף, קאן מען זיך אלץ דערוויסן...

— זיי פארזיכטיק, וויקו, אויב דו ביסט נישט צוריק ביז פינף — העכסטנס זעקס אזייגער — וועלן מיר זיין אומרואיק, וועלן מיר דיך זוכן...

מע דארף נישט, איך קום צוריק צו דער צייט. איך וועל אויך ברענגען עפעס צום קייען.

— פארגעס נישט א שנעפסל...

## 28

וויקו איז א יאט, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פארלאָזן. ער פארלירט זיך נישט.

ער זעט אוים פשוט און איז לויטן כאראקטער מיט א לויט נאָך פשוטער. ער איז סימפאטיש און צוגעלאָזט. ער ווערט גלייך אן איי־גענער. ווייבאלד מען באגעגנט זיך מיט אים, צום ערשטן מאָל, האָט מען דאָם געפיל, עלעהיי מע קען אים שוין פון אייביק אָן. ער איז קליינוואוקסיק, נאָר פאר א היימישן סאָלדאט האָט ער די פאסיקע טאליע.

אלעף איז גאָר אנדערש. ער איז ברייטפלייציק, העכער ווי גע־ווינטלעך. זיין ברוסטקאסטן בלאָזט זיך און ווארט אויף מעדאלן, ווי סע פאסט פאר א גענעראל. ער שטעלט זיך פאָר ווי אויף א מילי־טערישן ראפּאָרט.

איז שוין בילכער, וויקו זאָל גיין אויסשפּירן, כאָטש ביידע, וויקו און אלעף, זענען גלייך דרייסט און באהארצט...

...וויקו איז צוריקגעקומען נאָך פריער, ווי מע האָט אים דערוואַרט.

— דאָם שטעטל בענקאָוו, דערציילט וויקו, איז פוסט און אוים־געליידיקט. נישט פאראן קיין שום מיליטער.

מע האָט ארומגענומען וויקון מיט אזויפיל הארציקייט און וואַ־רעמקייט, גלייך מע האָט זיך יאָרנלאנג נישט געזען. ס׳האָט אין יעדן געציטערט די זאָרג, סע זאָל אים, חס וחלילה, גאָרנישט פאסירן. א קלייניקייט, א פארטיזאן, איינער אליין, צווישן א טשאטע וועלף — ער האָט געקאָנט פארפאלן ווערן...

אז מע כאפּט א פארטיזאן, איז וויי צו אים. ער קאָן זיך נישט ארויסדרייען פון טויט־שטראָף.

...זאָגן, אז ער איז א דערזערטיר, דארף ער כאָטש וויסן גע־נוי, ווען און וואו ס׳איז געשען, אויפן פראָנט, צי אין הינטערלאנד, אין וואָם פאר איינהייט האָט ער צולעצט געדינט?...

נאָר אין וואלד איז ער אין דער היים, ווי די חיות און פייגל, וואָס דערשרעקן זיך צומאָל פאר אים.

האָט די חברה פּאַרטיזאַנער זיך שטאַרק דערפרייט מיט וויקון, גלייך ער קומט פון יענער וועלט...

וויקו איז אָבער געווען נישט צופרידן. ער איז געווען אַנטוישט, וואָס ער האָט גאָרנישט מיטגעבראַכט און גאָרנישט אויפגעטאָן.

נאָר צום מאָנאַסטיר איז ער נישט דערגאַנגען. ער גלויבט, אַז ביי די מאָנאָכן, אויפן וועג צום באַרג, קאָן מען זיך מיט עפּעס דער־קוויקן די נשמה...

— אויב אַזוי, לאָמיר גיין...

## 29

פּאָרוים גייען איצט נאַש און מיכל.

נאַש האַלט, אַז אין אַ מאָנאַסטיר איז מען געשיצט, ווי אין אַ שיל.

— כאָטש מען האָט גענוג שילן צעראַבעוועט, צעשטערט, וואַנ* דאַליש געשענדט.

— אין אַ מאָנאַסטיר, אַז דו קוקסט אַרויף צו די הייליקע, אפילו ווען דו ביסט ביי זיי גאָרנישט, זאָגן זיי דיר צו דאָס טעלערל פון הימל, אַז דאָרט אויבן וואַכן זיי איבער דיר אין אַ נויט... ווערט דיר לייכטער אויף דער נשמה.

— מיר וועט לייכטער זיין אויף דער נשמה, צעלאַכט זיך מיכל, אַז זיי וועלן אונדז דאָרט מכבד זיין מיט אַ כשרער מאָלצייט.

דער מאָנאַסטיר איז אויך אַן איינפּאַר־הויז, כדי די מאָנאַכן זאָלן עפּעס פאַרדינען. אחוץ דעם האָבן זיי אַ גרויסע ווירטשאַפט. זיי אַליין באַאַרבעטן דאָס פעלד, דעם ווייַנגאָרטן. זיי האָבן אויך שאָף און עופות.

אַלעף און וויקו האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט. ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. די געגנט איז ריין פון זינד.

אַרייַנגעגאַנגען זענען צוערשט נאַש און מיכל. זיי האָבן אַרומ־געזוכט, געעפנט די טירן, קיינעם נישט געטראָפן.

אין א זייטיקן בנין, וואו עס געפינען זיך די קעמערלעך פון די מאַנאכן, האָבן זיי געטראָפן דעם עלטסטן.

דער עלטסטער פון די מאַנאכן איז נישט געווען אזוי אַלט. פאַר־קערט, א מאַן קוים אין די פערציקער. ווען ער וואָלט זיך אָפּגעשוירן די לאַנגע, בלאָנדע באָרד, וואָלט ער אויסגעזען ווי א דרייסיקער.

ער איז ארויסגעקומען אויפן גאַניק און רופט צו זיך ניקאָדימען.

ניקאָדים איז פארשלאָפן, אפשר מיד פון יאָרן. כאָטש פארנאכט איז נישט קיין צייט פון שלאָפן. ס'איז וועספער־צייט, מע דאַרף איצט תפילה טון.

ניקאָדים פינטלט מיט די גרוילעכע אויגן און וויל דערראָטן די אידענטיטעט פון די געסט.

נאַש דערקונדיקט זיך ביי אים, צי ס'איז נישט פארביינגעקומען א גרופע זעלנער מיט א קאַפּיטאַן.

— איר וועט קאָנען דאָ פארבלייבן, אויך נעכטיקן, און אין איין ווענס עפּעס איבערכאַפּן.

נאַש קווענקלט זיך, ער קאָן גאָרנישט צוזאָגן. ס'הענגט אָפּ פון־נעם קאַפּיטאַן. אויב ער איז נאָך נישט געקומען, דאַרף ער באַלד דאָ זיין.

ניקאָדים איז נייגיריק:

— וואוהין גייט איר דאָס וויי טער?

נאַש איז פאָרזיכטיק:

— איבער אזעלכע זאכן רעדט נישט קיין זעלנער. וואוהין ער גייט, פון וואנען ער קומט, דאָס איז א סוד...

נאָר נאַש רוימט אים איין גנביש אין אויער: — ס'הייסט אז די ארמיי גרייט זיך צו א גרויסער קאָנטער־אָפענסיווע.

דער מאָנאך פינטלט מיט די גרוילעכע אויגן. סע קאָן זיין, אז ער גלייבט אים, און מעגלעך, אז נישט.

— יאָ, מע רעדט א סך ארום, פארשיידענע זאָגעכצער, פּלאָט־קעס. מע זאָגט, אז זיי וועלן באַלד דאָ זיין, זיי זענען נישט ווייט פון דאנען. נאָר, וואָס ווייסן מיר, אז מע זעט דאָ קיין מענטש נישט פאר די אויגן. א סך זענען אנטלאָפן, כמעט אַלע. זיי האָבן געצי־

טערט צו בלייבן נעבן פראַנט אויפן פייער. נאָר וואָסער — פראַנט? אַ פראַנט, דאכט זיך, איז דאָ נישט פאראַן. וואָס אינטערעסירט אַ מאַנאַסטיר? דעם נאַפט ווילן זיי פארכאַפן.

— פריער האָט מען זיך געשלאָגן מיט ביקסן, געשטאָכן איינער דעם אנדערן מיט באַיאָנעטן, מיט שווערדן.

— מע האָט אַמאָל געקעמפט פון כבוד וועגן, פאַרן גלויבן, צוליב ערד...

— היינט קוילעט מען זיך וועגן פעטראָל. אָט די מלחמה האָט דער טייוול אויסגעטראַכט...

און ניקאָדים פארבעט אַלע אין עס־צימער אריין.

דאָס עס־צימער זעט אויס ווי אַ שייער. אין דער מיטן איז די קיך מיט אַן אויוון. אין איין זייט אַ לאַנגער עס־טיש, פון דער אנדערער זייט אַ בעט פון ברעטער, איבערגעדעקט מיט פויערישע קאָצן. אין הויף איז אַ וואַסער־פּאָמפּע.

די חברה האָט זיך צוערשט אביסל ארומגעוואַשן.

מיכל האָט אנטדעקט אַ בופעטל מיט געטראַנקען, מיט קעז און אויך שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט טועם געווען.

דער בופעט געהערט צום קלויסטער. אַלעף האָט גאָרנישט געוואָלט אָננעמען אומזיסט. האָט מיכל אוועקגעלייגט געלט אויפן שאַנקטיש. האָט זיך געביטן די סדרה, איז דער עלטסטער געוואָרן גאַסטפריינדלעכער.

— איר דאַרפט זיין גוט הונגעריק. לאָמיר עפּעס צוגרייטן. קריסטינא, גרייט צום טיש. וויפל זענט איר?

— מיר זענען נאָך נישט אַלע דאָ. ווי מיר האָבן אייך שוין געזאָגט, דאַרפן נאָך צוקומען עטלעכע.

— מאַכט נישט אויס. מע וועט צוגרייטן, ס׳זאָל קלעקן פאַר אַלע.

קריסטינא, אַ שיינע, קרעפטיקע פויערטע, האָט אוועקגעשטעלט אויף דער פּליטע אַ גרויסן טאָפּ, אריינגעשניטן דאָס צאַרטע פלייש פון אַ פריש געבוירן לעמעלע, צוגעבראָקט פארשיידענע גרינסן און איבערגעגאָסן מיט שאָפענער מילך.

מיכל קאָן נישט צוקוקן:

— ס'איז בעסער נישט צו זען, ווי מע קאָכט א לעמעלע אין דער מאמעס מילך...

וויקו איז אַלעמאָל ארויסגעגאנגען, אַגב זען, צי זיי קומען שוין, דאָס הייסט, דער רעשט פון דער גרופע מיטן קאַפיטאַן.

בשעת דאָס שפּעלע האָט זיך געקאָכט, האָט דער מאָנאך ווייטער געפּרעפּלט.

ער האָט עס נישט געטאָן סתם אין דער וועלט אריין. ער איז עפּעס אויסן געווען...

ס'האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז דאָס זענען נישט קיין ריכטיקע היימישע סאָלדאטן, האָט ער אָנגעהויבן פון בראשית און איז דערגאנגען צום מדבר מיט משה רבינו. אפשר וועט זיך ביי דער חברה דערוועקן א פונק פון משה'ס גלויבן...

— פאר אונדזערע זינד שטראָפט אונדז גאָט. ווי ס'ע שטייט געשריבן, די לעצטע מלחמה וועט רייניקן די ערד פון אַלדאָס בייז. ס'איז א הייליקע מלחמה. די ביבל האָט אַלץ פאָרויסגעזען. די מלחמה וועט אָפּוואשן די זינד. דער טייוול מאכט די מענטשן זינדיקן.

— צוויי יאָר בין איך געווען אין הייליקן לאנד, אין קלויסטער סאנטא קאטערינא, וואָס מיר האָבן געבויט אויפן הייליקן בארג סיני אויפן בארג פון די דאָרנדיקע צען געבאָטן.

— יעדן טאָג, פארנאכט, בין איך ארויפגעקראָכן צום שפּיץ בארג, כדי צו זען דעם ברענעדיקן דאָרן, וואו משה האָט באקומען די לוחות...

— דער דאָרן ברענט כסדר? — וואונדערט זיך נאָש.

דער מאָנאך שמייכלט לייטזעליק:

— אוודאי איז ער איצט פארלאָשן, נאָכדעם ווי גאָט, כביכול, האָט זיך אָפּגעקערט פון די זינדיקע מענטשן. אָבער אין דער לעצטער מלחמה פון גג-ומגוג, ועלן אַלע רשעים פארטיליקט ווערן. א נייער דור וועט אויפשטיין, א הייליקער דור. און דער דאָרן וועט ווידער ברענען און לייכטן, ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה.

— דער מאָנאך פּרעפּלט אַלץ ווייטער. די פּארטיזאנער עסן
נעשמאק דאָס לעמעלע, נעקאָכט אין דער מאמעס מילך.

קריסטינא קוקט צו אנדרו. ער עסט און קרעכצט. ער האַלט זיך
ביי די ציין.

— ס׳איז גוט, ווילסט נאָך? פרעגט זי ביי אים.

אנדרו שאָקלט מיטן קאָפּ און ענטפערט נישט.

נאָש ענטפערט פאר אים:

— זעסט דאָך, ער קאָן נישט רעדן פאר ציין-ווייטיק...

— נעבעך, דער אָרעמער, א רחמנות אויף אים, ס׳איז גוט צו-
צולייגן צו דער באַק הייסע מאמעלינע, איינגעוויקלט אין א פּאַ-
טשיילע. אָט גיי איך אָפּקאָכן אביסל מאמעלינע.

קריסטינא דרייט זיך ארום אנדרו. ער נעפּעלט איר. זי איז דער
שטוינט צו זען אזא פלאקס-האָריקן, ברייטפּנימדיקן.

אנדרו גייט אומרואיק ארום פאר ווייטיק. זי פארבינדט אים די באַק.

דער מאָנאך פארענדיקט דאָס פּרעפּלען.

— נו גענוג, איצט זאָלן זיי זיך אויסרוען, און ניקאָדים גייט
ארויס מיט קריסטינאַן פון עס-צימער...

אַלעף האָט אינדרויסן פּאטראָלירט ארום קלויסטער, געוואַלט זען,
ווער סע קומט אריין אָדער גייט ארויס פון דאַנען.

וויקו האָט אים אָפּגעלייזט. אַלעף איז אריינגעקומען.

— מיר וועלן דאָ לאַנג נישט בלייבן. איידער סע טאָגט נאָך,
דארף מען פארשווינדן.

— דער סטאַרעץ איז אומרואיק. ער האַלט אין איין פרעגן, ווען
עס קומט שוין דער קאַפּיטאַן מיטן רעשט סאָלדאַטן...

## 30

אַן אומרואיקע דו האָט געסקריפּעט אויף דעם ברעטער-בעט.
איין אויג האָט געשלאָפן, דאָס אנדערע האָט געוואַכט.

די נאכט האָט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. ס׳האָט געטאָגט פאַר דער צייט. נאָך איידער דער האָן האָט געקרייעט, זענען די פּאַרטיזאַנער אוועק און זיך געלאָזט צום בארג טשאַכלעו, וואָס איז גוט באַקאַנט אַלס צוצי-פּונקט פאַר טוריסטן.

פאַראַן אַלערליי צייכנס אויף די קאָרעס פון ביימער: אַ רויטער קרייז, אַ בלויער שטריך, אַ געלער דרייעק, אַ ווייסער פּירעק. קיינער ווייסט נישט, וואוהין די צייכנס פירן.

— אַלע וועגן פירן צו מלחמה און אַלע צייכנס צום באַרג... אַזוי האָט וויקו געפּסקנט.

מע דאַרף גיין פאָרויס און אַרויפצוצו.

— ווען מיר וואָלטן געווען מיטגענומען קריסטינאַן, וואָלט זי אונדז געוויזן דעם ריכטיקן וועג.

— עהע, קלאַפּט וויקו אַנדרון אויף דער פּלייצע. זי ווייסט עפּעס בעסערס אויך...

— וואָס איך האָב זיך די נאַכט אָנגעזען אין דעם הייליקן קלויסטער. אַ פויערטע האָט געבראַכט אַן עמער מילך און איז שוין דאָ פאַרבליבן. ווען סע האָבן זיך אויסגעלאָשן די לעמפּלעך ביים סטאַרעץ און ביי ניקאָדים, איז די מילך-פרוי אַריין צום אַלטן מאָנאַך און די שיינע קריסטינאַ צום סטאַרעץ...

— וואָס ווייטער?

— וואָס ווייטער ווילסטו וויסן? זיי האָבן דאָרט אַ גאַנצע נאַכט געדאַוונט.

— איך וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ דאַווענען.

— די שיינע קריסטינאַ רייצט די געבליטן, האָט זיך געהערט אַ זעלטן קול, דאָס קול פון אַנדרון.

...אַ לייכטער וועג פירט אַרויף צום באַרג. אין דער פרי אין קיל, איז אָנגענעם צו גיין.

ביסלעכווייז ווערט פונעם וועג אַ סטעטשקע, אַלץ מער משופּע-דיק. נאָר מע גייט אָן אָפּרו.

— אויבן אויפן שפּיץ-באַרג וועט מען זיך שוין אָפּרוען. פאַ-ראַן דאָרט אַ כאַלופּע. דאָס אַלץ ווייסט וויקו פון פריער...

— דיר איז גרינג, ביסט א לייכטער פארשוין, בייזערט זיך אלעף. איך מיט מיינע זעקס און זעבציק קילאָם שלעפ זיך אויף אזא הויכן בארג, ווער איך פארסאפעט.

— קאָנסט נאָך עפעס צוגעבן, האָסט מער פון זיבעציק...

...מיטאָנגסצייט ווערט די ערד דאָרשטיק — פאלט א שלאקס-רעגן, זוכט נאָש שוץ אונטער אן אלטן דעמב.

— נאש, אנטלויף פון דאנען, דער בליץ זאָל דיך נישט דורכ-ברענען.

שפאנען די יאטן ווייטער אויפן רעגן. עס שמעקט מיט א הארבן פארפום, פון דער ערד, פון די גראָזן, פון די ביימער. סע פילט זיך א ריח פון פריש-געבאקן קאָרן-ברויט.

ווי א כאָפטע קינדערלעך טאָפטשען זיי אונטערן רעגן, איבער-געדעקט מיט דעקן, ווי אונטער א באלדאכין...

...אויפן ראָד פון רעגנבויגן גליטשט זיך אראָפ די סדרה פון אלטן מאָנאך ניקאָדים אין חדר אריין צום רבי אלימלך:

— שאָלטיקעס, גיך, שוין, באלד אין חדר אריין... וואָס שפרינגט איר ווי צאפעס אויפן רעגן?

זאָגט די רביצין:

— אלימלך, לאָז זיי שפרינגען, אז זיי האָבן דערפון הנאה. קינדער וואקסן אויפן רעגן...

— אוי, גאָט, גיב א רעגן

פאר די קליינע קינדערס וועגן.

נישט קיין סך און נישט קיין ביסל —

נאָר א גרויסע, פולע שיסל...

...שעפעלעך האָבן זיך צונויפגעשטופט איינס איינעם אנדערן. סע זעט אוים ווי זיי זענען צוגעדעקט מיט א ווייסער קאָלדרע, אן אויסגעשטעפטע מיט זילבער-פעדעם.

די שווערע כמארע, וואָס האָט זיך גיך אראָפגעלאָזט און איינ-געהילט די בערג, האָט זיך איצט לייכט אויפגעהויבן און איז פאר-שוואונדן.

די ערד איז פרישער, די לופט איז לויטערער געוואָרן.

אויסגעוואשענע, אויסגעצוואָגענע דערפער און שטעט, צעשפּרייטן זיך אין א ווייטער פּאַנאָראמע פון העכער הונדערט קילאָמעטער, ווי ווייט דאָס אויג גרייכט.

יעדער כאפּט א בליק דורכן בינאָקל.

— א פּייסאַזש, א גן-עדן פון זאטע פארבן אויף ברייטע פלאכן. עס פארפלעכטן זיך זילבער-נרין מיט גאָלד-בלוי אין אומצאָליקע פאצעטן.

אין א פריילעכער שערענגע האָבן די פּארטיזאנער איינגענומען דעם שפּיץ-בארג.

אויפן פּלאַטאָ, אויפן שפּיץ-בארג, קאָן מען אויפבויען א סטא-דיאָן און שפּילן פוסבאָל.

דערווייל איז דאָ נאָר פאראן א כאַלופּע, א געמויערטע מיט א בלעכענעם דאך, מיט אן אייזערנער טיר, גלייך ס׳איז א סקלאד פון אמוניציע.

— מע דארף אראָפּהאקן דעם שלאָס, וועט מען קאָנען אריינגיין.

...אינעווייניק זענען פאראן בעטלעך. דרייגאָרנדיקע, פארשפּרייטע מיט דעקן. אין דער מיט, א קיך. פון ביידע זייטן-צוויי געראמע צי-מערן.

מע קאָן זיך דאָ גוט אָפּרוען.

סע האָט אָבער געשמעקט נאָך שימל און פּאָוועטיניע. ס׳איז לאנג דאָ קיינער נישט געוועז.

אין מלחמה-צייט ליגט קיינעם נישט אין זין צו קלעטערן אויף די בערג און מאכן עקסקורסיעס.

דאָך איז אויפן בארג מחיהדיק פריש און ווארעם, פּשוט וואונ-דערבאר.

די זון ברענט און א ווינטעלע יאָגט זיך, און שפּילט זיך מיט די זון-שטראלן.

די פּארטיזאנער זענען מיד, זיי פארגינען זיך נישט דאָ אָפּ-צורוען. עס לאָקט דער ארום אויפן פּלאטאָ. זיי שלינגען איין די לאנדשאפט. די אויגן קאָנען זיך נישט זעטיקן.

פון ייִנגע ביימער פאַלן אַראָפּ גאָלדענע בלעטלעך און שפּרייטן זיך אויס אויף אַ וואונדער-טעפּעך. די בלעטלעך דרייען זיך ספּי-ראַליש.
פלאַטערלעך און בינען דוצען זיך מיט בלימעלעך.
אַ ליבע-שפּיל אין זוניקע טעג...

## 31

אויפן שפּיץ בארג איז דער ערשטער מיי אַ פּאַרטיזאַניש-באַפליגלטער.
די יאַטן דאַכט זיך, אַז זיי געהערט דער באַרג, די גאַנצע וועלט, ווער איז צו זיי גלייך?
איז עס נישט מזלדיק, אַז דווקא אין ערשטן מיי, זענען יאַטן אויסגעוואַקסן אויף אַ הויכן באַרג, פון וואַנעט עס שטראַלן אויס אומצאָליקע שטעגן און וועגן?
ס'איז פאַר זיי אַ קעמפערישער ערשטער מיי, אַן אומגעוויינט-לעכער.
זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון סאָלידאַרישע גע-באָטן, וואָס באַזייִקן דאָס לעבן.
...אויך דעמאָלט נישט, ווען סע האָט זיי געדראָט די פראַנ-צויזישע גאַרד-מאָביל אין לאַגער פון גורס.
די אינטערנירטע שפּאַניע-קעמפער האָבן נישט געוואָלט פאַר-שווענכן די טראַדיציע פון ערשטן מיי און זיך אָפּגעזאָגט פון אַרבעט, גייִן האַקן ביימער אין וואַלד.
די זשאַנדאַרן האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער, אַרויסגעשלעפּט די אָנפירער פון די אַרבעטס-בריגאַדעס, זיי אַרויסגעצויגן ביי די פּיס און אוועקגעפירט אין פאַרמאַכטע לאַסט-אויטאָס.
...די פראַנצויזישע אַרמיי איז עוקר געווען פאַר די נאַצישע טאַנ-קען, אוויאָנען און גיך קאַפּיטולירט.
דער שטאָלצער גאַלישער האָן האָט אויפגעהערט קרייען.

...פאר די אומבאוואָפנטע אינטערברינגאַדיסטן אין לאַגער האָט ער זיך ווידער צעזונגען און דער קאָם איז אים געשוואָלן.

די גאַרד־מאָביל האָט די אַרעסטירטע געבונדן אין קייטן און פאַרשפּאַרט אין לאַגער־תּפיסה. דערנאָך האָט מען זיי איבערגעפירט אין שטראָף־לאַגער ווערגעט און פון דאָרט אין דער סאַהאַראַ פון אַלזשעריע.

...עס קייטלען זיך די געשעענישן אַרום ערשטן מיי. אָפּגע־טרייסלט די קייטן פון לאַגער, אַרויסגעראַטעוועט זיך פון די הייסע סאַהאַרא־זאַמדן, האָבן די פּאַרטיזאַנער, נאָך לאַנגע, שווערע יאָרן, דאָ פריי אויפגעאָטעמט און האָפערדיק אָפּגעמערקט דעם ערשטן מיי 1944...

# 32

וואו זשע איז מיכל? וואו איז ער פאַרשוואונדן? וואָס טוט ער דאָרטן?

מיכל איז געבליבן אין בודקע. ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם־שטיבל.

ס'איז דאָרט אַלץ אָנגעוואָרפן. אַ פאַרשטויבט רעקל, צעריסענע הויזן. אויף אַ טישל ליגן פּאַפּירן, אַן אויסגעטריקנטע פען, אַ בע־מישער בלייער, אַ רעגיסטער, אַ בלעכן שאַכטעלע מיט מינץ.

— עווריקאַ! מיכל האָט געפונען אַ מינץ מיטן בילד פון דעם קעניג, האָט ער זי אָנגעשמירט מיטן כעמישן בלייער, איז די מינץ געוואָרן אַ שטעמפּל.

האָט מיכל גלייך אויסגעשטעלט און אָפּגעשטעמפּלט אַ מאַרשרוט פאַר אַ גרופּע פּיאָנירן פון יעגער־באַטאַליאָן 78.

— עווריקאַ! האָט מיכל אַרויסגעשריגן דורכן בוידעם־קוקערל.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען מיט אימפּעט און גדולה...

...אַלעף און וויקו האָבן באַקוקט דאָס קוויטל פון אַלע זייטן.

— כ'ווײם?... אלעף שאָקלט מיטן קאָפּ, ס'איז דאָך אימפּראָווי־זירט, סע קאָן אויספּאַלן...

וויקו איז אינגאַנצן זיכער.

נאַרישקײטן, ווער שטודירט דען גענוי א מאַרשרוט? בראַוואָ, ס'איז גוט, ס'איז אויסגעצייכנט. מיר זענען איצט באַוואָרנט מיט א מיליטערישן פּאַסיר־שײַן.

— איצט קאָנען זיך צעשפּרייטן אונדזערע פּלינעס, באַפּט נאַש אַרום מיכלען.

אין שווײַם געבאָדן, ווי נאָך א קאָשמאַר, פאַרשיבּורט זיך מיכל מיט א קענדל וואַסער פון בעסטן צאַפּן, פון א קוואַל, ריין ווי קרי־שטאָל.

— לחיים, לכבוד דעם ערשטן מײַ!...

# 33

אין דער נאַכט פון ערשטן מײַ זענען די יאַטן געשלאָפן ווי ניי־געבוירן.

דער פּאַסיר־שײַן האָט זיי געגעבן זיכערקייט און פאַרשטאַרקט זייער קוראַזש. אלעף איז נאָך אביסל באַזאָרגט.

— מע דאַרף צוערשט אויספּראָבירן, איידער מיר לאָזן זיך אַרויס אויפן הויפּטשליאַך, אויפן קיסר־וועג.

א פרייליכע זון האָט זיך געשפּיגלט אין זייערע אויגן, וואָס קוקן זיך אַרום מיט שטוינונג און פאַרוואונדערונג.

נעכטן נאָך האָבן זיי זיך געפילט ווי געיאָגטע חיות, וואָס זוכן א מקום־מיקלט.

היינט לויפן זיי האָפּערדיק אַראָפּ דעם באַרג צום דאָרף איזוואָר.

זיי באַגעגענען אויפן וועג א זשאַנדאַר און א וואַלד־היטער. מע ווינטשט זיך קעגנזײַטיק: „צו געזונט“.

די יאַטן אײַלן זיך, ווי סע פּאַסט פאַר סאָלדאַטן, וואָס ווילן גיכער פאַרענדיקן די מלחמה.

נאָר דער זשאַנדאַר וויל ווײסן, פאַרוואָס יאָגן זײ זיך:

— איר וועט די מלחמה נישט פאַרשפּעטיקן.

— מיר אײַלן זיך כאַפּן דעם צוג, צו דער קאַזאַרמע.

אַנב־אורחא ווײַזן זײ דעם זשאַנדאַר דעם מאַרשרוט, וואָס ער האָט בײ זײ אַפילו נישט פאַרלאַנגט.

— ס'איז נאָך פרי, דער צוג גײט אָפּ נאָכמיטאָג.

דער וואַלד־היטער אָדער יענער גיט צו, אַז ס'איז נאָך צײט. ער קאָן אַפילו אַראַנזשירן, אַז זײ זאָלן אויף פּליטן אַראָפּשווימען מיטן טײַך, ער קען זיך גוט מיט די ספּלאַוועטשיקעס. דערווײַל איז נאָך צײט אַרײַנצוגײן כאַפּן אַ שנעפּסל, פאַרן זײַג פון די אונדזעריקע...

יעדער קלערט זיך דאָס זײַניקע, און פאַר דאָס זײַניקע קאָן מען תמיד מאַכן אַ לחיים.

נאַש איז אַן אָרטיקער, דערקונדיקט ער זיך וועגן דער וועבערײַ, וואו ער האָט אַמאָל געאַרבעט.

נאָר וואָס ווײסט אַ יעגער פון אַ וועבערײַ? ער דערצײלט פון די בערן, וואָס האָבן זיך שטאַרק געמערט אין דער צײט פון מלחמה. זײ טוען אָן אַ סך שאָדנס, זײ קומען ביז אין די הײף פון די פּויערים...

— אין די בערג ליגן אויך אויסבאַהאַלטן דעזערטירן, אונטער־שטרײַכט דער זשאַנדאַר. די איצטיקע סכנות, זײ זענען באַוואָפנט מיט מאַשינביקסן און נאָך מער... דאָ נישט לאַנג האָט ער אײנעם געכאַפּט, איז ער אַנטלאָפן, האָט ער אים נאָכגעשאָסן און פאַרטיק...

— אַ שאָד, אַזוי יונג געפאַלן. נאָר מע קאָן אַזוינס נישט דער־לאָזן. בעת אונדזערע קינדער קעמפן אויפן פראָנט, ווילן אַנדערע זיך אַרויסדרײען. דאָס איז ריינער פאַרראַט.

— איבעריקנס, איז דער אומגליקלעכער זיך אַלײן שולדיק. ווען ער אַנטלויפט נישט, וואָלט איך אים גאָרנישט נישט געטאָן. איך טשעפּע קײנעם נישט, נאָר אַז מע פּראָוואָצירט מיך... אַפילו די חיות אין וואַלד שאַנעווע איך, אויב זײ באַפאַלן מיך נישט...

אין דער קרעטשמע איז צוביסלעך געוואָרן אומהיימלעך. צופיל נייגיריקע האָבן ארומגערינגלט די פארטיזאנער.

איז שוין בעסער געווען, וואָס זיי האָבן זיך איינציקווייז, לאנג־זאם, אָפּגעטראָגן הינטן ארומערט, אין הויף...

דער זשאנדאר און דער יענער האָבן עלעהיי גאָרנישט באמערקט, זיי־ענדיק שוין בגילופין. ווען זיי האָבן זיך ארומגעזען, האָט מיכל אויס־געשריגן אויפן קול:

— קעלנער, דעם לעצטן קעלישיק בראָנפן צאָל איך...

— צו געזונט, לחיים, פאר אונדזער זיג!

נאָך און מיכל האָבן שטייף סאלוטירט און זיך אָפּגעטראָגן פון פּאָרנט.

## 34

אָפּגעהאקטע און אָפּגעטעסעטע ביימער ווערן צונויפגעבונדן מיט אייזערנע האָקנס. סע ווערט א לאנגע שלאנג פון פליטעס, וואָס שלענגלט זיך איבער דעם טייך.

די פליטעס־טרייבער סטארען זיך, די קלעצער זאָלן זיך נישט אָנקלאַפּן אין די ברעגעס און זאָלן שווימען לויטן זיג־זאג פון ריי־סיקן טייך.

די יאטן האָבן נישט געוואוסט, וואָס פריער צו באוואונדערן: די אויסערגעוויינטלעכע געשיקטקייט פון די פליטעס־טרייבער, דעם טאנצנדיקן סטאקאטאָ פון די כוואליעס, די בונטע פאנאָראמע פון די ברעגעס, די ציכטיקע שפּיצעכיקע ווילעס, די ספינקסישע סקאלעס, די מילכיק געשטרייפטע בערעזעס, די שטאָלצע סאָסנעס, די פּירא־מידישע יאָדלעס...

אין דעם געלאָף און געיאָג אראָפּצוצו שלאָגן זיך די קלעצער צווישן זיך, שטויסן זיך, שטופּן זיך און די ספלאוטשיקעס האָבן דאָס אָפּקומעניש, זיי איינצושטילן, זיי צו צאמען...

אויף דער טייך ראנגלט זיך אין איינעם מיט די סלעצער. באלד צעשפרייט ער זיינע וואסערן אין דער ברייט, באלד גראבט ער זיך אין דער טיף.

...שפעטער, נאך לאנגע יארן פון שווערער הארעוואניע, האט מען אויסגענוצט די ראנגלענישן פונעם טייך.

מע האט אויסגעבויט דאמבעס און קינסטלעכע אזערעס. די גאנצע געגנט איז געווארן אן אטראקציע־פונקט.

די כוואליעס פון דעם טייך טרייבן ריזיקע טורבינעס. מיטן כוח פון טייך יאגן זיך עלעקטרישע לאקאמאטיוון.

עם באנייט זיך דאס ליד פון טרובאדור:

וועד האט דאס געזען
און ווער האט דאס געהערט,
אז טורבינעס מיט וואסער
זאלן איבעריאגן פערד.

אוי, האט ער א פייפער
מיט אן אייזערנעם כוח,
עס יאגן זיך די כוואליעס,
אז עס גייט א רויך...

יורי זינגט, חזניש שנאלנדיק מיט די פינגער. די כוואליעס העלפן אים אונטער.

...דייטשע זעלנער אויפן לינקן ברעג פון וואסער ווינקען מיט די הענט, אפלאדירן.

ענטפערט זיי גאש:

אויפן הויכן בארג, אויפן גרינעם גראז,
שטייען א פאר דייטשן,
מיט די לאנגע בייטשן.
הויכע מאנען זענען זיי,
קורצן שכל האבן זיי.
אבינו מלך,
דאס הארץ איז מיר פריילעך...

— שטילער, צעזינגג זיך נישט אזוי הויך, אויפֿן גאנצן קול...

— לאָז אים זינגען, די דייטשע בעסטיעס אויף צעפּיקעניש, וואָס קוקן אויף אונדז, ווי אויף א בייז וואונדער... זאָלן זיי זיך וואונדערן...

— איך וואָלט געקאָנט שווערן, באַמערקט יורי, אז דער דייטש מיטן שפּיצעכיקן קין איז אדאָלף פּיק, פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע אין דער בערלינער אוניווערסיטעט... ער האָט עס אין זיינע קורסן וויסנ־שאַפטלעך אויסגעטייטשט... אז יידן זענען דעגענערירט, והא ראיה, זיי רויבערן א סך, איינס אין אַנדערן, זיי זענען קייטן־רויבערערס, באַזונדערס די גאַליציאַנער, די מזרח־יידן. דערצו זענען זיי אויך מיינסט לינקס־האַנטיקע. נישט פאַראַן ביי זיי א ביאָלאָגיש גלייכגע־וויכט. דערפון נעמט זיך ביי זיי די אומנאָרמאַלמייט, די אוממאָראַ־לישקייט...

און דער פּראָפעסאָר גופא, דערוואַרט קוים די רגע, צו פאַר־רייכערן א ציגאַרעט...

## 35

דאָס געהילץ קראַכט פון אַלע זייטן.

אין דעם פונקט האָבן זיך אָנגעזאַמלט אָן א שיעור פּליטעס. ס'איז שווער געווען צו פּילאָטירן און אַדורכצוקוועטשן דאָס געהילץ, דער שטראָם רייסט פון אַלע זייטן... קראַך... קראַך...

די פּליטע אויף וועלכער די פּאַרטיזאַנער זענען געזעסן, איז זיך צעפּאַלן.

מע זאַמלט גיך צונויף די זאַכן, דאָס געווער.

א רוקזאַק איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער מיט דערזערווע־טיילן פונעם טראַנסמיסיע־אַפּאַראַט.

דאָס וואַסער ווירבלט זיך ספּיראַליש אין דער טיף.

טיפעניש זענען פּאַרפּירעדיש. די טיף לאָקט אַראָפּ צו זיך. ווי א רעטעניש, ווי א סוד.

זיך אונטערטינקען אין דער טיפעניש פון אייזקאלטן, שטראָ-מיקן טייך — איז געוואגט.

האָט מען געזוכט א בעלן אויף צו האַטעווען דעם רוקזאק, די מכשירים זאָלן נישט אריינפאלן אין פרעמדע הענט און ארויסרופן חשד. די דייטשן האָבן זיך דאָ געדרייט ארום דעם פלאַץ.

איינער פון די ספלאוטשיקעס איז גרייט געווען זיך אונטער-טינקען און ארויפברענגען דעם רוקזאק.

אָבער אומזיסט. דער סקאפאנדער האָט גאָרנישט אויפגעטאָן, ער האָט אים נישט געפונען.

ווען זיי זענען נאָך געווען אויף די בערג, האָבן די יאטן פארלייכטערט זייערע רוקזעק, אויסגעליידיקט, אויף וואָס מע קאָן פארציכטן.

אָבער איצט איז עס געשען קעגן זייער ווילן.

די פארטיזאנער האָבן דאָ לאנג נישט געבריייעט און זיך אָפּ-געטראָגן.

די אבדה האָט פארוואלקנט די פרייליכע מאָרגן-זון. אין א טרויעריקן שאָטן פון א ווערבע האָבן די יאטן זיך צוריקגעצויגן.

— אָבער סע האָט נישט קיין זין, דאָ צו פארשפעטיקן. מע דארף זען, וויטער צו קומען.

דער גרויסער וואָקזאל-זייגער סטראשעט, אז די צייט שטייט נישט אויף אן אָרט...

אלעף האָט זיך פאָרזיכטיק צוגעקוקט צו דער קאסע פון וואָק-זאל, געוויזן דעם מיליטערישן פאסיר-שיין און פארלאנגט זעקס בילעטן.

די קאסירשע האָט זיך געוואונדערט:

— איר ווייסט נישט, אז דאָס איז א זייטיקע ליניע. פון דאָ פאָרט דער צוג נאָר ביז דער צווייטער סטאציע. דאָרט דארפט איר נעמען בילעטן פאר ווייטער, אויב איר וועט קריגן...

אלעף האָט א פאָר מאָל איבערגעחזרט: א שיינעם דאנק, א שיי-נעם דאנק... פאר, זיך, פאר מיכלען, פאר אלע אנדערע...

איצט איז קלאָר, דער פאסירשיין איז גילטיק, דער מארשרוט איז נעזיכערט און מע פאָרט מיט דער באַן.

...נאָר סארא צוג דאָס איז... מערער שטייט ער ווי ער פאָרט...

די וואגאָנען שאָקלען זיך, גלייך זיי דאַווענען.

אַלע פויערטעס פאקן אוים זייערע פאשיילעס, נישטערן אין די טאָרבעלעך — סאָלדאטן דארף מען דאָך מיט עפעס מכבד זיין: א שטיקל קעז, אן עפּעלע, וואָס ס'זאָל נישט זיין.

א דיקלעכע פויערטע פרעגט סודותדיק:

— פון דאָרטן?...

— יאָ, פון דאָרטן...

— פון דאָרטן? פרעגט זי נאָך אמאָל.

— נאָך ווייטער פון דאָרטן...

— נו, וואָס הערט זיך דאָרטן?

א ביטרע פויערטע בייסט פון אן עפל, שפייט אוים די שאָלעכץ.

מע האָט אונדז דאָך צונעזאָגט די פעטע, שווארצע ערד פון דאָרטן.

— יאָ, יאָ, קריצט אן אנדערע מיט די ציין, אונטער דער ערד האָבן א סך אונדזעריקע דאָרט נעפונען זייער פעלד...

— וואָס האָבן מיר דאָרטן צו זוכן? שושקעט נאַש ווי פאר זיך, מיר האָבן נישט נענוג ערד? דאָ איז דאָך אונדזער פעלד, וואו מיר זענען נעבוירן, אונדזער לאַנד פון די עלטערזיידעס...

— עהע, אונדזער ערד... מע זאָגט אונדז צו,מען איז מבטיח...

— עהע, אונדזער ערד... מע זאָגט אונדז צו, ברומט א פויער, מען איז מבטיח... דאָסמאָל ווי פריער... נאָך דער מלחמה... וועלן מיר זען, צי סע וועט נישט זיין ווי יעדעס מאָל.

— מיר זענען אויפנעשטאַנען און ארוים מיטן גאַנצן קלאַפער־נעצייג און נעמאַכט א רעוואָלוציע.

— מיר ווילן ערד... די ערד האָט געברענט. די דערפער זענען אָפּנעסמאַליעט נעוואָרן, טויזנטער פויערים אויסנעהרגעט. מיר זענען נעבליבן מיט דער צונג אין דרויסן... עהע...

— אָבער מיט די ביקסעלעך איז עפּעס אַנדערש, רוקט אַראָפּ א פויער זיין קוטשמע איבערן שטערן, מיט די ביקסעלעך רעדט זיך אַנדערש...

— לאָזט נישט אַרויס דאָס געווער פון די הענט, ביז איר באַקומט נישט אייער חלק פעלד...

# 36

פאַרנאַכט איז דער צוג אָנגעקומען. סאָלדאַטן שטייען אַרום אויף דער באַן-סטאַציע, אָפּגעגאַרטע און אַנטוישטע.

אויך די גאַסן אַרום וואָקזאַל זענען פאַרפלייצט מיט מענער און פרויען, דאָרפס-און שטאָט-לייט, מייסנסט עלטערע.

אַלע וואַרטן אויף א צוג, זיי זאָלן פאָרן ווייטער, אָבער מע זעט נישט און מע הערט נישט...

אויף די גאַסן זענען צעשפּרייט נידעריקע הייזלעך מיט צעבראָכענע פּלויטן, פאַרלאָזענע שטיבער, וואָס ווערן איצט באַנוצט פון דורכפאָרער, פּאַסאַזשירן, וואָס וואַרטן אויף א צוג.

מיכל האָט פאַרנומען א ליידיקע שטוב. א שבנטע וועט עפּעס אָפּקאָכן. מע וועט זיך אויסרוען און וואַרטן. א ברירה האָט מען...

ס'איז דאָך נישט עק וועלט. דאָ איז א קנופּ-פּונקט פון דער הויפּט-ליניע.

מע פאָרט איצט פון צפון קיין דרום. דאָס איז אויך דער ציל פון די פּאַרטיזאַנער.

מאָרגן דאַרפן מיר פרי אויפשטיין, רייסט זיך אַריין אַלעפס באַמקול. שטיל זאָל זיין, מיר מוזן זיך אַרויפכאַפּן אויפן ערשטן צוג, אפילו אויפן דאַך, אָדער אין קוילן-זאַפּאַס פון לאָקאָמאָטיוו, אָבער פאָרן מוזן מיר...

# 37

מע טרעט יעדן אויף די פיס, אזא גערדיכטער עולם איז אָנגע-זאמלט אויפן פעראָן.

— שטופט זיך נישט אזוי, שרייט דער שעף פון דער באַן-סטא-ציע, האָט צייט. ס'איז געזונטער דאָ איבערצוואווארטן דעם סוף פון דער מלחמה, איידער אויפן פראָנט אָדער אונטער דער ערד.

עס קומט אָן א לאסט-צוג מיט אמוניציע. יעדער וואגאָן איז שטרענג באוואכט. מע לאָזט קיינעם נישט ארויף.

די דייטשן דערלאנגען מיט דער ביקס אָדער מיט די שטיוול איבערן קאָפּ, ווער סע וואגט ארויפצוקלעטערן אויפן צוג.

— דער צוג קומט פון צפון-פראָנט. ווייזט אויס, זאָגט מיט באדויערן דער גלח צום סטאציע-שעף, אז די דייטשן ציען זיך צו-ריק. עס האלט שוין שמאָל מיט זיי...

— איך האָב געהערט, זיי שיקן אריבער א פּאָר דיוויזיעס קיין מערב צום צווייטן פראָנט, אָפּצושטעלן די דאָרטיקע אָפענסיווע.

— שיינע צייטן, קרעכצט דער גלח, אז די אימפּעריאליסטן העלפן די באָלשעוויקעס. מע טאָר היינט קיינעם נישט גלויבן. מיר פירן דאָ א הייליקע מלחמה קעגן די אומגלויביקע, קעגן מלכות פון שטן. און הינטער דער פּלייצע איבערפאלן אונדז די פאלשע פּוריטא-נער, די פערפידע אמעריקאנער, איז עס נישט א הימל-געשריי?

— פארוואָס דארפן די אמעריקאנער פרומער זיין פון די נאציס? די דייטשן האָבן זיך נישט איינפרשטאנען מיט די רוסן צו זיין צייט? איר האָט פארגעסן די באגעגעניש און דעם טייוולאָנישן פּאקט צווישן ריבענטראָפּ און מאָלאָטאָוו. אין פּאָליטיק איז אלץ מעגלעך. מע טאָר קיינעם נישט גלויבן.

— אָבער ס'איז פאראַן עפּעס, וואָס ס'איז העכער פון פּאָליטיק. אָן דעם קאָן די וועלט נישט באשטיין, מיר קעמפן פארן אמת. מיר זענען זיך מקריב פארן גלויבן...

עס האָט איבערגעריסן דעם שמועס דאָס טעלעפאָן-טרייבל, וואָס האָט געמאָלדן, אז ס'דערנענטערט זיך א דייטשער מיליטער-צוג...

נישט קיין סך געטראכט, זענען די פארטיזאנער ארייננעשפרונ-גען אין צוג.

— די דייטשן האבן זיך מיט זיי מחיה געווען, ווי מיט אנגע-לייגטע געסט, מער האבן זיי קיינעם נישט ארויסגעלאזט.

— עלעהיי סע וועט שטינקען מיט קנאבל און ציבעלעס, אבער מיר וועלן רואיק קאנען שלאפן, האט א דייטש געשפאסט. זיי וועלן שוין אכטונג געבן, עס זאלן זיך נישט ארויסכאפן קיין אנדערע ציגיינער...

די פארטיזאנער האבן זיי דערקלערט מיט שטום-לשון, אז זיי פארשטייען „ניקס" דייטש.

גאר וויקו און אלעק האבן מיט זיי אביסל געבאלעבעטשעט, מער מיט זשעסטן און מימיק.

א האמבורגער איז געווען גאר רעדעווודיק און האט זיך גע-בלאזן מיט דער באמבע פאו 1: מיט די דייטשע נייע באמבעס, וואס וועלן איינגעמען די וועלט.

אן עסטרייכער האט טרויעריק, מעלאנכאליש ארויסגעקוקט דורכן פענצטער און זיך געזעגנט מיטן ארום, וואס לויפט פארביי, ווי זיין לעבן...

עס זשומען די טעלעפאן-דראטן פאר די פענצטער...

די שפערלען שאקלען זיך אויף די דראטן און פלאטקעווען...

די דייטשן יאגן זיך אהין און אהער... זיי לויפן פון מזרח קיין מערב, פון צפון קיין דרום, זיי דארפן קעמפן אויף צוויי פראנטן, עס ברענען זיי אזש די פיאטעס.

דער אמעריקאנער מיט זיינע פרישע, מעכטיקע כוחות צעפירט זיך אלץ מער די הענט, יאקבע עס וואקסן אים די פליגל.

— דער דייטש איז אויסגעשעפט. ער זשיפעט קוים. דער רוטשע אין איטאליע ליגט אין הינער-פלעט. די סטראטעגישע „אקס" פאר-קרומט זיך.

— די גורל-ווארפער האבן געמאלדן אן אפאקאליפטישן האראָ-סקאפ: עס האלט שוין באחרית הימים. די קאטאסטראפע איז נאענט — וועלט-אונטערגאנג. דייטשלאנד פארזינקט אין תהום...

עס האָט שוין ביים סוף פון קאַשמאַר. נאָר נאַצים גלויבן נאָך אין זייער פירער און ווילן זיך נישט אונטערגעבן.

די שפּערלען צווישטשען אויף די דראָטן, א פּיפּיקן, פּריילעכן הללויה...

## 38

די רעדער קלאַפּן צום טאַקט פון בין-השמשות און שרעקן זיך פאַר דער נאַכט. ביים פענצטער פילאָסאָפירט א ווינער אָפיציר:

— רייזען הייסט לאַנגזאַם שטערבען, דערפאַר דאַרף מען זיך נישט איילן. מע מעג וואָס שפּעטער אָנקומען אין האדעס.

דער האַמבורגער ברענגט א פּאָר קעקסן און פאַרטיילט זיי מיט א שמייכל:

— מיר זענען דאָך פריינד, קאַמפּס-קאַמעראַדן. די איטאַליענער זענען פאַררעטער. זיי האָבן אונדז פאַרראָטן, אין א קריטישן מאָמענט. נאָר אונדזער פירער איז שטאַרקער פון אַלע פאַררעטער און פיינט. מיר וועלן זיגן. דאָס דייטשע פאָלק איז אומבאַזיגבאַר! אַזוי לאַנג אונדזער פירער איז ביי דער מאַכט, בלייבט דייטשלאַנד מעכטיק, „דייטשלאַנד איבער אַלץ". דער גורל פון דער וועלט איז אין זייערע הענט...

עס האָט געטונקלט. די דייטשן זענען אַריינגעגאַנגען אין זייערע קופּעטקעס און האָבן איבערגעלאָזט די פּאַרטיזאַנער אויפן קאָרידאָר, כדי צו היטן, עס זאָל זיך קיינער נישט אַרויסכאַפּן אויפן צוג.

דער צוג שלעפּט זיך, טאָפּטשעט, ער האָט אָבער פון זיך, אין זכות פון אָריענט-עקספּרעס, וואָס פאָרט אויף דער זעלבער ליניע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל-פּאַריז, און נאָך ווייטער, אויב מע דאַרף...

נאָר די דייטשן ווייסן נישט מער, וואו זיי האַלטן אין דער וועלט. זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָמפּאַס, ווייסן זיי נישט, צו וועלכע ברעגעס צו פאַרפאָרן.

סע ברענט די ערד אונטער זייערע פיס.

— די אמעריקאנער פארפלייצן די ערד מיט קרינסמאטעריאל, אמוניציע און ברענשטאף פאר א נאר, נאר לאנגער, אויסשעפנ־דיקער מלחמה, ביז אנבדיק, די רוסן מיט די דייטשן וועלן זיך קעגנזייטיק פארטיליקן...

ווער זשע וועט זיין דער זיגער...?

# 39

די אינטערבריגאדיסטן האבן זיך באקענט מיט דער אמעריקא־נער ארמיי אין אלזשעריע.

נאכדעם וואס די אמעריקאנער האבן דעבארקירט אין נארד־אפריקע, האבן די פראנצויזן פארשפארט די אינטערברינאדיסטן פון דזשעלפא, אין דער אראבישער תפיסה קאפארעלי.

די אמעריקאנער האבן די אינטערבריגאדיסטן רואיק געלאזט ליגן אין תפיסה, ביז עס איז אראפגעקומען א סאוועטישע דעלעגאציע...

— אויסלייזן אייך, האט געסטראשעט דער פראנצויזישער קא־מענדאנט, גאבאיש, קאן נאר די פראנצויזישע פרעמדן־לעגיאן.

— אין דער פרעמדן־לעגיאן געפינט איר אייער היימלאנד, אייער פרייהייט און ברידערלעכקייט.

אבער די אינטערבריגאדיסטן האבן געגארט צו אן אנדער היימלאנד, צו זייער אמתדיק היימלאנד...

די רעדער קלאפן היימיש־מאנאטאן.

דער צוג שטעלט זיך אפ, וואו מע דארף און וואו מע דארף נישט.

די יאטן ווילן אויסשטייגן, איידער עס הויבט אן טאגן, מע זאל נישט באמערקן, וואו זיי פארשווינדן.

עס הערשט אן אומרואיקע שפאנונג:

— וועט אונדז געלינגען דאס וואגעניש, זיך צו באניצן מיט דער באן פון שונא, צו אונדזער נוץ און צו זייער שאדן?

וועלן די פארטיזאנער אנקומען צו דער צייט אויפן באשטימטן פונקט?

עם בויערן אין מוח דער אומרו, אָבער אויך דער גלויבן, אז זייער באזע וועט ווערן דער ברענפונקט, וואָס דארף אונטערציגנדן די נאפט-זאפאסן פון שונא...

די מינעם וועלן פארקירצן זייערע גסיסה-ספאסמעס, וועלן אָנ-טרייבן דעם סוף און פארגיכערן דעם נצחון.

אין יענעם טאָג, ווען מע וועט פייערן די באפרייאונג פונעם לאנד, וועט אויך מארשירן אין די פּאַרנטיקע רייען די פארטיזאנער-גרופע. אלעף וועט טראָגן די פאָן מיט דער עמבלעם פון בארג-שפיצן.

— פארוואָס גראַד אלעף? וויל נאָש דווקא ווימן.

— יורי זאָגט נביאות:

— ווייל אלעף וועט האָבן דעם גראַד פון גענעראל, וויקו וועט זיין קאָלאָנעל, מיכל מאיאָר, נאָש — קאפיטאן און יורי וועט זיך באנוגענען מיטן גראַד פון לייטענאנט. אנדרו איז אונדזער ערנגאסט.

— דו פארטייזלסט יעדן הויכע גראדן, אחוץ זיך.

— עם שטייט אים נישט אָן צו זיין גענעראל...

— אלע קאָנען מיר נישט זיין אויף דער אייבערשטער באנק.

— די פאנפארע וועט זיכער שפילן דעם מארש פון די פאר-טיזאנער:

אלעף איז אן אָדלער,
גוטס פאר „בית“ צאָלט ער,
„דלת“ העלפט דעם „גימל“
ארויפקריכן אין הימל, —
און „היי“ בעט ביים „וואָוו“:
שיק מיך פארן „תוו“...

נאָש האָט זיך צעשמייכלט:

— וועט עם טאַקע אזוי זיין?

## 40

...זייט גרייט. דאכט זיך, מיר זענען אָנגעקומען...

דער צוג שטעלט זיך אָפּ.

ס'איז שטאַק פינצטער. מע זעט נישט קיין נפש אויפן פעראָן.

די פּאַרטיזאַנער גנבנען זיך שטיל ארוים פון וואָקזאַל, שפּאַנען אריבער דעם טייך, מיידן אוים די הייזקעס, וואָס ליגן צעוואָרפן איבער בערגלעך, סע זאָל זיך, חס וחלילה, קיין הונט נישט דער-שרעקן און זיך צעהאַווקען.

אַלץ שלאָפט דאָ רואיק אַ שלאָף פון גערעכטע און אומשולדיקע, גלייך ס'איז קיין מלחמה נישט.

פון דער ווייטנס הערט זיך אַ שטילער פייף, אַ שוואַכער קרעכץ פון לאָקאָמאָטיוו. עס בלאַנקט און קרייזלט זיך אַ רויך, אַן אָפּ-שייד-גרוס.

די פּאַרטיזאַנער ווינקען זיך איבער מיטן פריינדלעכן פייף... פון איצט און ווייטער וועט זיך הערן דאָס פייפן פון די מינעס...

עס איז שטיל אין אַלע ווינקעלעך פון וואַלד. זון-שטראַלן זאָגן אָן אַ ליכטיקן מאָרגן.

דער פינקס צעבלעטערט זיך:

עס הויבן אָן די ימי-בראשית פון פּאַרטיזאַנער-טעטיקייט אין די בערג.

זיי מאַרשירן מיט געפּאַנצערטע טריט אַרויפצוצו דעם הויכן באַרג, צום „גרויסן שטיין“, וואו זיי וועלן אויפשלאָגן זייערע געצעלטן.

אַנדרו און יורי זענען אַרויפגעקלעטערט מיטן עמיסיע-אַפּאַראַט אויפן שפּיץ באַרג און געמאָלדן:

— האַלאָ, האַלאָ, דאָ רעדן די „בערג“. מיר זענען אָנגעקומען צו אונדזער פּלאַץ, צו אונדזער באַזע, צום „גרויסן שטיין“...

צװײטער טײל

# רעגנבױגנס אין זומער

# 1

גלייך מיט אלפּיניסטן, ווען זיי דערגרייכן דעם העכסטן שפּיץ בארג, נאָכדעם וואָס זיי זענען איבערגעקומען די שווערסטע נסיונות און סכנות, האָבן די פּארטיזאנער זיך איצט אויסגעגלייכט דעם רוקן, פאַרשנדיק זיך ארומגעקוקט און באשלאָסן:

דאָ וועט זיין זייער מקום-מיקלט, די באזע פאר זייערע אקציעס.

— ס׳איז, כ׳לעבן, ווי א קעמפּינג, לאָמיר ארויסהענגען אונדזער פאָן...

דאָס אָרט איז געווען געדיכט באוואקסן, ארומגעצוימט מיט טענען-ביימער, בלויז מיט איין צוגאנג פון דער לינקער זייט.

רעכטס איז א שטייל׳ער פעלדז.

ארויפצו ווערט דער וואלד שיטערער און דער אויסבליק איז א פרייערער.

איידער וואָס-ווען האָט מען זיך גענומען צו דער ארבעט. די יאטן האָבן אויפגעבויט צוויי דרייעקיקע צעלטן פון צווייגן. איין גרע-סער צעלט, צום שלאָפן, איינס א קלענערס, פאר פּראָוויאנט.

די אמוניציע און די מינעס האָט מען באהאלטן אונטער א פעלדז.

אין דער מיט האָט מען אויסגעגראָבן א קיך, מער ווי א מע-טער די טיף, כדי מע זאָל נישט זען דאָס פייער פון דער ווייטנס.

קיין וואסער פעלט נישט אין די בערג.

א נאָענטער קוואל, ריין ווי קרישטאָל, האָט געקלימפּערט און געלאָקט די יאטן אין היכל פון זיין פּאלאץ.

א הונדערט מעטער העכער פון קוואַל איז די באזע. אראָפּצו־גיין פון דאָנעט צום שליאַך איז קיי און שפּיי, א קימא־לן פון דריי קילאָמעטער.

— סע קאָן גאָר בעסער נישט זיין. אַן אידעאַלער פּלאַץ פאר פּארטיזאַנישע אקציעס. ס׳איז לייכט צוצוקומען און, חס וחלילה, אין א נויט, לייכט צו אַנטלויפן און פארשוואונדן ווערן.

די יאַטן האָבן זיך אויסגעסטרויעט, געררייניקט די מלבושים, זיך געוואַשן און אָפּראַזירט ווי ערב יום־טוב.

אַלעף און וויקו האָבן זיך געאייַלט און געוועוון גרייט אראָפּצו־גיין דעם בארג, אויסקוקן די גאַנצע געגנט מיט אַלע וועגן און שטעגן.

מיכל האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נאָך נישט קיין געפּעם אָפּצוקאָכן, כאָטש אביסל טיי.

נאָש האָט צוגעגרייט דעם אַרבעטס־פּלאַן, וויפל ציסטערנעס פּעטראָל מע דאַרף מינירן יעדן טאָג.

גיין אין מיסיע וועט מע נאָר צו צוויט, קיינמאָל נישט אַליין: אַלעף מיט וויקו, נאָש מיט מיכלען, יורי און אַנדרו מוזן בלייבן אויבן, האַלטן די פאַרבינדונג מיטן צענטער, אכטונג געבן...

יורי און אַנדרו פּראָטעסטירן. זיי ווילן נישט זיין קיין שטיפ־קינדער. זיי ווילן אויך גיין אויף מיסיעס: אַמאָל זאָל זיין וויקו מיטן אַנדרון און אַלעף מיט יורין.

מיכל באַרואיקט זיי:

— מיר וועלן שוין זען. אפשר יאָ, אפשר נישט. מיר וועלן נאָך רעדן...

נאָש באַשטייט דערויף, אַז ער מיט מיכלען דאַרפן צוערשט אראָפּגיין דעם בארג, אַריינפאָרן אין א שטאָט, איינקויפן וואָס סע לאָזט זיך פאר דער אכילה.

— ס׳איז אוודאי נויטיק. נאָר וויכטיקער איז, אַז אַלעף און וויקו זאָלן זיך צוערשט ארומקוקן, אויסשפּירן...

מיכל נעמט זיך צו זיין עבודה, צוגרייטן די פּאַסיר־שיינען, די רייזע־קוויטלעך, די מאַרשרוטן...

אַנדרו און יורי גייען אַרויף אויפן פּלאַטאָ פון בארג, אויסגע־פינען א פּאַסיק אָרט פאר די עמיסיעס, פאר דער פאַרבינדונג מיטן

צענטער. דאָס אָרט דאַרף זײַן באַהאַלטן, אָבער מיט אַ פרײַען אויס-בליק, געשיצט פאַר יעטווערער איבערראַשונג.

מע האָט זיך אײַנגעאָרדנט געגוג באַקוועם. ס'האָט זיך אויסגע-דאַכט, אַז מע געפינט זיך אין וואַקאַציע...

ווי גיך די צײַט לױפט. גלײַך ערשט נעכטן האָט מען פאַרבראַכט אין פּאַרטיזאַנער וועלדל לעבן צענטער — און הײַנט האָט מען זיך אַריבערגעצויגן אין די בערג פון פּראַהאָווא-טאָל.

א שײנער מהלך, אַ פײַנע עקסקורסיע.

פאַרגעסן זענען אַלע וואָגלעגישן און אַנגסטן.

— „מה טובו אוהליך יעקב"... פאַרטיק די געצעלטן, רוט מען זיך אָפּ אַביסל.

די יאַטן אָטעמען אײַן דעם זיסן דופט פון סאָסנעס און טענענ-ביימער. זיי ליגן נואַזנדיק, דאַכט זיך זיי, דער באַרג וואַקסט אין הימל אַרײַן.

א צאַרטע בלױקײַט הילט זיי אײַן מיט זײַדענע וואָלקן.

וואַלד-פעגעם האָבן אויסגעבעט זייער געלעגער.

די צווײַגן אַרום זיי טרײסלען זיך, גלײַך זיי דאַווענען און וויגן אײַן די מידע פּאַרטיזאַנער מיט ניגונים פון מלך דודס האַרף.

די האַרפן-טענער שטײַגן אַרויף אין אַלע העכערע אַקאָרדן. עס פײַטשט זיי דער ווינט, עס דונערט און בליצט, פאַלן זיי אַראָפּ אין טיפע אָקטאַוון פון רעגן-טראָפּנס.

אויפגעוועקט און דורכגעווייקט פון רעגן, קאָנטראָלירט מען די אימפּערמעאַביליטעט פון די בודקעס.

ס'איז גוט נאָס אינעווײניק, מע דאַרף געדיכטער מאַכן די ווענט. מע דאַרף זיי פאַרפלעכטן מיט נאָך אַ שיכט טענענצווײַגן.

ס'איז איצט שוין געגוג געדיכט, דאַכט זיך. נאָר דער רעגן האָט זיך אײַנגעשטילט, קאָן מען גאָרנישט וויסן. מע וועט ערשט זען בײַ אַ צווייטן רעגן.

די זון האָט אַרויסגעבישופּט אַ שטראַלנדיקן רעגנבויגן. די טראָפּנס פינקלען ווי דימענטן. די פאַרבן טאַנצן פאַר פרייד.

ס׳איז דער ערשטער זומער-טאָג.

אין בין-השמשות זענען צוריקגעקומען אַלעף און וויקו. זיי האָבן אויסגעמיטן די אויסגעטרעטענע סטעטשקעס און האָבן קיינעם נישט באגעגנט.

נישט ווייט פון דער שאָסיי איז פאראן עפּעס א זשאנדארן-פּאָסטן. מע דארף זיך היטן און אויסמיידן די קאזארמע. בעסער איז, נישט אראָפּגיין צום שאָסיי בייטאָג, נאָר פריער, ווען ס׳איז נאָך טונקל, איידער מע בלאָזט צום אפּעל אין דער קאזארמע, איידער די שטערן פארבלאסן.

וויקו איז מער פּאָזיטיוו און האלט, אז מען דארף אָנפרעגן, צי ס׳איז דערלאָזבאר דאָ צו בלייבן, נישט ווייט פון א זשאנדארן-פּאָסטן.

— זשאנדארן זענען איבעראל פארשפּרייט ווי די היישעריקן. וואָס האָט מען דאָ צו פרעגן? שפּעטער וועלן מיר זען. מע דארף צוערשט זוכן א בעסער אָרט. מיר וועלן דאָך נישט אייביק דאָ בלייבן...

## 2

די יאַטן זענען פארטאָג אראָפּגעגאנגען צו צווייט, געוואַרט בלומרשט אויפן צוג, אָנגעהויבן עפּעס צו קייען, אויב מע האָט געהאט וואָס...

אז דער צוג מיט ציסטערנעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין א סטאציע, האָבן די יאַטן געפרעגט ביי דער וואך פון צוג, וואָס סע הערט זיך אונטערוועגנס, ווייל זיי האָבן עס זייער איילִיק...

צומאָל האָבן זיי דערלאנגט דער וואך באַגבאָנעס צי אויבס, ארויסגעקוקט אויף א צוג, אוועקגעגאנגען, צוריקגעקומען...

ווען דער צוג מיט ציסטערנעס האָט שוין געהאלטן ביים אָפּפאָרן, האָבן זיך די פּאַרטיזאנער ארויסגעדרייט אויף דער אנדערער זייט צוג און גיך צוגעקלעפּט צום בויך פון א ציסטערנע א מאגנעטישע מינע, גרזים ווי א ציגארעטן-שאכטל.

פארשטייט זיך, נישט תמיד איז די ארבעט אָפּגעטאָן געוואָרן אויף דער זעלבער סטאציע. די מינעס זענען געווען אָפּגעשטעלט צו

עקספּלאָדירן אין א באַשטימטער שעה. כדי עס זאָל נישט זיין קיין חשר, האָט מען די שעהן שטענדיק געביטן. נישט תמיד האָבן די מינעס עקספּלאָדירט אין לאַנד. זיי האָבן געקאָנט עקספּלאָדירן אין לאַנד. זיי האָבן געקאָנט עקספּלאָדירן אויך אין דייטשלאַנד, אז דער וועג אהין האָט נישט געדויערט מער ווי א מעת-לעת.

דער צענטער איז געווען צופרידן. די מינעס האָבן געבראַכט גענוג שאָדנס. נאָך גרעסער איז געווען דער מאָראַלישער דערפאָלג. דער פּעטראָל-טראַנספּאָרט איז אומזיכער געוואָרן.

דער צענטער איז אָבער באַשטאַנען דערויף, אז די פּאַרטיזאַנער דאַרפן אויסזוכן אן אַנדערע באַזע, א מער זיכערע, די איצטיקע באַזע איז צו נאָענט פון דער שאָסיי. און בכלל איז עס געפערלעך, לאַנג צו בלייבן אויף איין אָרט.

איז עס געבליבן, אז מען דאַרף זיך איבערפּעקלען אין דער געגנט פון איוורען, אין די דרומדיקע בערג.

נאָר דערווייל איז חי — געלעבט און געאַרבעט — און גאָט איז א פּאָטער.

מע זיצט בין-השמשות אין קיך, דאָס הייסט, אַרום גרוב, וואו עס קאָכט זיך א געשמאַקע טיי און מע דערציילט זיך די נסים פונעם טאָג.

וויקו האָט זיך נישט געלאָזט. ער האָט געוואָלט מיט אייגענע אויגן זיך איבערצייגן, וויאַזוי ציסטערנעס עקספּלאָדירן, — איז ער נאָכגעפאָרן דעם צוג. איידער עס האָט אויסגעשלאָגן די דריטע שעה, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון צוג, כדי צו זען דעם ספּעקטאַקל.

מיט א צוריקגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער געוואַרט, ווייט פון די באַן-רעלסן. אין זיין האַרצן האָט אַלץ שטאַרקער געקלאַפּט דער זייגער פון דער מאַגנעטישער מינע. ער האָט זיך שוין כמעט מיאש געווען...

בום-בום-בום...

עס דונערט און בליצט אַלץ שטאַרקער, רויטע און בלויע פלאַמען שניידן אדורך דעם חלל, עס פליען ווייט אוועק שטיקער מעטאַל, ווי פון א מעטעאָריט. הייסע כוואַליעס שטראָמען אים אנטקעגן.

בארוישט פון דעם פייערוווערק איז וויקו אוועקגעפאלן אין גראָז, נאָט צו דאנקען, וואָס זיין ווילן איז געשען...

מענטשן יאָגן זיך פון אלע זייטן, ווילדע געשרייען, וועלט־אונטערגאנג.

א גערודער, א בהלה...

וויקו נייט רואיק ארום — וואָס איז דאָ געשען, פרעגט ער א יעדן...

ער איז גליקלעך מיט זיין אָפּגעטאָנער ארבעט. נאָך מער איז ער צופרידן פון דעם, וואָס די אויפגעשראָקענע מענטשן ווינקען זיך איבער גנביש, גלייך עס ארט זיי גאָרנישט, וואָס דער צוג מיט צי־סטערנעס האָט עקספּלאָדירט. פארקערט, ס׳איז נאָך צו ווייניק:

— אלע נאַציס זאָלן זיך אָנצינדן און עקספּלאָדירן, ווי די צי־סטערנעס נאפט. די דייטשן האָבן אויסגעשעפּט דעם מארך פונעם לאנד...

# 3

די באַזע איז געוואָרן אלץ היימישער. פון קיינעם גישט גע־שטערט האָבן זיך דאָ די פארטיזאנער, וואָס אמאָל, אלץ בעסער געפילט.

די באַזע האָט זיך אויף א לייכט משופּעדיקן באָדן אויסגע־סטרויעט, איז דער רעגן גיך אָפּגערונען און ריין אָפּגעוואשן מיט א גלאנץ די גראָזן און ביימער.

זוניקע פאסן, גרין־גאָלדענע שטרייפן האָבן באצירט און געוואַ־רעמט די באַזע.

יורי פארמאכט די אויגן, האָרכט צו די ארומיקע טענער.

ער אונטערשיידט די פייגעלעך, לויט זייער דיאפאזאָן. פון גאָר זוייט קלינגט עס א צארטע פיקאָלאָ־פלייט. צוגעלאָזטער און נעענטער שפּילט א קלארינעט. צומאָל מישט זיך אריין א הארפע. א פיקהאָלץ קלאפּט צום טאקט — ביז א ווילד געקראַך, פארטרייבט דעם מוזיקא־לישן חלום...

...און יודי בלייבט אליין. פארלאָזן פון אלע פייגעלעך, פילט ער זיך עלנט. וועמען האָט ער נאָך אויף דער וועלט? ער זוכט זיי די נאָענטע און אייגענע. וואו זענען זיי איצט? וואו קאָן ער זיי געפינען? זיי זענען צעשפּרייט איבער ימים און לענדער, פילט ער זיך איינזאַם-אליין און טרייסט זיך מיטן פאַרטיזאַנער-ניגון:

„אלעף" איז אַן אָדלער,
מיט גוטס פאַר „בית" צאָלט ער,
„דלת" העלפט דעם „גימל"
ארויפקריכן אין הימל —
און „ה" בעט ביים „וואָוו":
— שיץ מיך פארן „תוו".

# 4

ווער שיצט די פייגעלעך אין ווינטער פאַר הונגער און קעלט?

זיין מאַמע האָט אין זינען די פייגעלעך, שפּאַרט אָפּ פאַר זיי אביסל קאשע פון טשאָלנט. די פייגעלעך דאַנקען איר און בענטשן זי מיט זייער ניגון. לויפט זי צוריק אין שטוב אריין הערן די זמירות. די פייגעלעך קוקן אריין דורכן פענצטער, פּאָכען מיט די פליגעלעך, כדי זיך אָנצואוואַרעמען...

שפּערלען זעט מען דאָ נישט. ס'איז ווייט די היים, וואו די שפּערלען צווויטשען ביי די פענצטער.

פאַרנאַכט קומען די שפּערלען צו פליען אין שטאָט. דאָ נעכטיקן זיי. זיי טוליען זיך איינס צום אנדערן, אויף די צווייגן פון דריי הויבע ביימער, שושקען זיך און פלאַטקעווען אלע מיט אמאָל, אז מע פארשטייט נישט קיין פּיפּס, קיין צוויטש, קיין וואָרט אפילו.

די באַרג-און וואַלד-פייגעלעך זענען פון א העכערן קלאַס. זיי מישן זיך נישט מיט די פּונעם טאָל, זיי פארחברן זיך אויך נישט מיט קיינעם. זיי גווידערן זיך. עס זאָרגט יעדער פאַר זיך, פאַר דער

איינגענער חיונה. די וואלד-פייגעלעך דארפן נישט קיין קיצבה. זיי זע-נען זעלבסשטענדיק.

זייערע שנעבעלעך זענען לענגלעכע. זייער צוויטשן האט א בע-סערע רעזאנאנס, גוטע זינגערס.

זיי חנדלען זיך מיט זייערע פארביקע פעדערן, מיט טשופריגעס ווי דיאדעמען.

דער הויכער טענענבוים פון דער באזע האט צוגעצויגן די פיי-געלעך. די באזע איז געווארן זייער זאמלפונקט. ביינאכט האבן זיי דא אויסגעזונגען זייער בענקשאפט, זייער ליבע...

...מיכל מיינט, אז א מענטש איז קיינמאל נישט פארלאזן. וואו עס געפינט זיך א מענטש, זאמלען זיך גלייך חיהלעך ארום אים.

די חיהלעך האבן נישט געהאט וואס צו נאשן ביי די פארטי-זאנער. דאך האבן זיי געצווישטשעט, געזונגען און זיך משמח געווען.

מיט זייערע פייפעלעך האבן די פייגעלעך געשיצט די פארטי-זאנער. האט זיך עפעס גערירט אין דער נאענט, האבן די פייגע-לעך מיט א צווישטש געווארנט די וואך פון דער באזע. נאש האט זיי דערפאר מכבד געווען מיט שיריים.

מיט די וועווריקלעך האט זיך יורי נישט געקאנט איינפאר-שטיין. ער האט אנגעטראפן אויף חוצפהדיקע וועווערקעס, שאלטיקעס, ממזרים...

א וועווריקל איז א סימפאטיש חיהלע. אין די פארקן פון קורערטער פארוויילט מען זיך מיט די וועווריקלעך. זיי האבן איבע-ראל דעם זעלבן נאמען: מאריאארא.

הערט מען אין די פארקן קינדער רופן: מאריאארא, מארי-אארא... און קלאפן איין ניסל אין צווייטן. שפרינגען וועווריקלעך אראפ פון דיביימער, עסן די יאדערן פון דער האנט, אן מורא.

נאר מע טאר זיי נישט אנרירן, זיי שפרינגען גלייך אוועק. זיי פארהאלטן איז ניט שייך, זיי האבן אויך שארפע ציינדלעך און קא-נען גוט בייסן.

דער עולם שטעלט זיך אוים ארום די קינדער און באוואונדערט ד' וועוריקלעך און די קינדער.

פאראן ציגלרויטע און טונקלגרויע וועוריקלעך. די רויטע פאר־טרייבן די גרויע וועוריקלעך.

אז קינדער פארווילן זיך, האבן עלטערן הנאה.

...אויף דער באזע האט שטארק גערעגנט. ס'האט געגאסן מיט עמערס.

יורי שטייט אויף דער וואך און איז איבגאנצן אויסגעווייקט.

אין אזא שווארצער פארדעגנטער נאכט, קריכט קיין שום חיה נישט ארוים פון איר באהעלטעניש.

וויל יורי אריינגיין אין דער פראוויאנט־בודקע זיך שיצן קעגן רעגן.

וועוריקלעך שווינבלען און גריבלען ארום אים. טראגן אוועק שטיקלעך צוקער. די גאנצע בודקע איז פול מיט זיי.

הוש־הוש־הוש, — עס העלפט נישט קיין טרייבן, קיין יאגן. די וועוו־ריקלעך טוען זיך זייערס, זיי שלעפן שטיקלעך צוקער פון די ביי־טלען, אן מורא, אן בושה.

וואס קאן מען טון?

פייפן, שיסן טאר מען נישט אויף דער באזע. טרייבן מיט די הענט זיי, האבן זיי דאך שארפע ציינדלעך. דערלאנגען זיי קלעפ, איז צער־בעלי־חיים, א רחמנות. האט יורי איינגעוויקלט די שטיקלעך צו־קער, וואס זענען פארבליבן, אין א פלאכטע און זי געהאלטן אונטערן ארעם. ווען ס'האט געליכטיקט דער קאיאר, האט יורי נאך צונויפגע־קליבן שטיקלעך צוקער, וואס די וועוריקלעך האבן פארלוירן צווישן דיביימער, ס'זאל נישט בלייבן קיין סימן.

— וואס זאגסטו נישט, וואס די וועוריקלעך האבן אונדז אפ־געטאן די נאכט?

— צוקער דארף מען האלטן אין בלעכענע פושקעס, פסקנט אנדרו.

— ס'איז זיי נישט גענוג סאסנעווע צעפעלעך, צוקערלעך וויל זיך זיי, לאקעטקעס גיב זיי...

# 5

ווען אלעף איז אראפגעקומען פון דער באזע און איז אריין אין א וואגאָן פון צוג, איז אים טונקל און ליכטיק געוואָרן פאר די אויגן.

אַנט זיצט אקעגן אים זיין חבר סאנדו, וואָס שמייכלט און רעדט נישט קיין וואָרט.

סאנדו נעמט ארויס א צייטונג און לייענט.

אלעף קוקט זיך אוועק צום פענצטער, טראכט, קוקט ווי די דראָטן מיט די סלופעס לויפן צוריק, אלץ גיכער אויף צוריק צו וועגס.

...מיט יאָרן פריער, פאר דער מלחמה, האָבן זיי ביידע, אלעף און סאנדו, שטודירט בעמיע, זיך געשלאָגן מיט די רעאקציאָנערן און פאשיסטן אויף דער אוניווערסיטעט און געארבעט אין אומלעגאלן, טעכנישן אפאראט פון דער פארטיי.

איצט וויסן איינער פונעם אנדערן גאָרנישט.

באגעגנט א מענטשן אין צוג, דאכט זיך דיר א גוט באקאנט פנים, אָבער עס קאָן אויך זיין א טעות ?...

אחוץ דעם קאָן מען דען איצט האָבן צוטרוי צו אלטע באַקענטע ?

ווער ווייסט, וואָס פאר א גילגולים סאנדו האָט דורכגעמאכט ?

ס׳איז בעסער זיך צו מאכן „ניע זנאיו“, כלא ידע...

דאָך וואָרפט ער פון צייט צו צייט א בליק אויף סאנדון. זייערע אויגן באגעגענען זיך. סאנדום אויגן שמייכלען נישט מער. זיי מעסטן אָפּ אלעפן פון קאָפּ ביז פיס...

— הייסט עס, פון שפאניע איז אלעף אויסגעוואקסן אין דער היים און דערצו נאָך אין א מיליטערישער אוניפאָרם...

נאָך צוויי סטאציעס איז אלעף אויסגעשטיגן. סאנדו נעמט זיין פעקל און גייט אים נאָך.

לויטן אומלעגאלן מינהג פון פאר דער מלחמה, גייט אלעף צום קיאָסק קויפן א צייטונג... ער מאכט א פּאָר טריט און לאָזט אראָפּ-

פאלן די ציימונג. סאנדו הויבט זי אויף און דערלאַנגט די ציימונג אַלעפן.

זיי פאַרלאָזן אין איינעם דעם וואָקזאַל.

סאנדו הייבט אָן פון דער העלער הויט צו לאַכן:

— די מיליטערישע אוניפאָרם פאַסט דיר גאַנץ גוט, אַלעף. זי ליגט אויף דיר ווי אָנגעמאָסטן...

— איך ווייס פון אייער גרופּע.

אַלעף בלייבט פאַרשלאָסן, ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן: — האָסט א ציגאַרעט? סאנדו דערלאַנגט אים א פּעקל ביליגע ציגאַרעטן.

— מאַכאָרקע האָסטו אַמאָל גערייכערט?

— צום בעסטן רייכערט זיך מאַכאָרקע מיט ציימונג-פּאַפּיר.

זיי האָבן איבערגעחזרט די אַלטע פּאַראָלן.

דאָס אייז איז געבראָכן.

ס'איז געבליבן, זיי זאָלן זיך ווידער טרעפן אין צוויי טעג אַרום.

ביי דער צווייטער באַגעגעניש איז אַלעף געווען נאָך מער צוריק-געהאַלטן. ער האָט נישט געוואָלט באַקענען סאנדון מיט דער באַזע.

סאנדו האָט דווקא געוואוסט א סך איינצלהייטן וועגן דער גרופּע פּאַרטיזאַנער.

אַלעף איז געווען זייער פאַרוואונדערט, ביז דאָס רעטעניש האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעקלערט.

...סאנדו איז פאַרבונדן מיט א צווייטער גרופּע, וואָס איז טע-טיק אין די ראָגאָש-בערג.

די צווייטע גרופּע איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אין פּאַרטיזאַ-נער-וועלדל.

א גרופּע היימישע סאָלדאַטן, אויסגעפּרואווטע אַנטיפאַשיסטן, האָבן זיך געטראָפן מיט די אינטערבריגאַדיסטן. זיי האָבן געהאַט די זעלבע שול און האָבן באַקומען די זעלבע מיסיע אין די ראָגאָש-בערג.

סאנדו טרעפט זיך מיט זיי איינציקווייז: מיט רעלו, עמיל, געאָר-גע, מאַטיי, וויקטאָר. ער העלפט זיי, מיט וואָס עס לאָזט זיך.

רעלו האָט געבעטן סאנדון, ער זאָל באַזוכן זיין פרוי.

סאנדו איז געגאנגען זען רעלום פרוי, האָט ער זי געפונען א דערקלערטע אַלמנה.

די מיליטערישע קאָמענדאטור האָט איר צוואוויםן געטאָן, מיט א פּאָר חדשים פריער, אז איר מאן איז העלדיש געפאלן און איר צוגע־טיילט א קליינע פּענסיע.

סאנדו האָט אויך באזוכט געאָרגעס מוטער און איר אָנגעזאָגט די בשורה, אז איר זון לעבט.

אַלעף איז נישט מסכים געווען מיט סאנדוס באזוכן ביי די מש־פּחות. ס'איז קעגן געזעץ פון וואכזאמקייט און קאָנספּיראציע. די מש־פּחה קאָן עם ווייטער צעטראָגן צווישן פריינד און שכנים...

פון דער אנדערער זייט האָט זיך אַלעפן זייער געגלוסט זיך צו־נויפצורעדן מיט דער צווייטער גרופּע. אזא פארבינדונג וואָלט זייער ניצלעך געווען פארביידע גרופּעס, כדי בעסער צו פארטיילן און אָר־גאניזירן די ארבעט.

סאנדו איז באגייסטערט, ער שלאָגט פּאָר אַלעפן, אז מע זאָל פאראייניקן ביידע גרופּעס און שאפן א שטארקע, מעכטיקע באזע.

סאנדו און אַלעף האָבן זיך האַפּערדיק צעשיידט...

ארויפקלעטערנדיק דעם בארג צו דער באזע האָט אַלעף אַלץ גע־טראכט און געטראכט...

— איז נישט בעסער קליינע גרופּעס?

אויף דער באזע גייט אוועק א לאנגער שמועס מיט אַלגעמיינע און זייטיקע פּילפּולים.

מע דארף האַלטן פאר די אויגן די פּערספּעקטיוון און מע דארף זיך צוגרייטן פאר גרעסערע אויפגאבעס.

— א היסטאָרישער אפּאָטעאָז: טראָגן די פרייהייט איבער גאנץ אייראָפּע און נאָך ווייטער...

די צייט איז אָבער נאָך נישט צייטיק...

— דער היסטאָרישער סינטעז איז דער קאָמוניזם — א פארבאנד פון אַלע פעלקער...

— צו וואָס זשע דארף מען קעמפן פאר נאציאָנאַלער אומאָפּ־הענגיקייט?

— די צוקונפט וועט מבטל זיין די באַזונדערע פּרטים פון נאַ-
ציאָנאַלע און געאָגראַפישע גרענעצן...

— לאָמיר נישט לאַנג ברייען און פאַראייניקן ביידע פּאַרטיזאַנער-
גרופּעס און צוציען אויך נייע כוחות, וויל אַלעף פאַרענדיקן די דיס-
קוסיעס...

מישט זיך אַריין יורי און אַנדרו האַלט אים אונטער:

ס'איז שוין צייט. מע דאַרף אָנרופן דעם צענטער.

אַ פיקהאָלץ האַמערט אין בוים, רייסט אָפּ די קאָזשע, בויערט
אַלץ טיפער און טיפער, צום תמצית, צום מאַרך פון בוים און באַמקעט
צו מיטן לאַנגן פּיסקל: צררר...בררר... שלינגט אַראָפּ אַ ווערעמל:
צרר... פּרד... צר...

# 6

אין דער באַן-סטאַציע שטייען איצט צוויי צוגן מיט ציסטערנעס.
אַ זעלטענע געלעגנהייט, מע קאָן זיי דערלאַנגען אַ טאָפּלטן קלאַפּ.
מיכל און נאַש זענען, אונטן אין דער באַן-סטאַציע, גרייט אָפּ-
צוטון אַ גוט שטיקל אַרבעט. די צוגן זענען שטרענג באַוואַכט.

דאָך טאָר מען נישט אַדורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט...

מיכל פרעגט דעם סטאַציע-שעף, ווען עס פאָרט פאַרביי אַ פּער-
זאָנען-צוג:

דער שעף ציט מיט די אַקסלען:

— אויף אַ פּערזאָנען-צוג וואַרט איר? איר קאָנט לאַנג וואַרטן...
גיכער וועט איר אָנקומען צופוס.

— די ליניע איז פאַרשטאָפּט, איר זעט נישט? די דייטשן טע-
לעפאָנירן די גאַנצע צייט. איך קאָן נישט צוקומען צום אַפּאַראַט, זיך
דערקונדיקן...

— ס'איז אַ גרויסע סאַמאַטאָכע. מע ווייסט נישט וואו איין און
וואו אויס.

— די דייטשן האָבן געשיקט פון דאנען פארשטארקונג צום צווייטן פראָנט, קיין מערב. גלייכצייטיק גרייט זיך א סאָוועטישע אפענסיווע, דארף מען פארשטארקן דעם מזרח-פראָנט.

— פון מזרח קיין מערב, פון מערב קיין מזרח — וואָס איז ביכבער?

— די טראנספּאָרטן האָבן זיך דאָ פארהאַקט. מע קאָן זיך נישט ארויסקלויבן, שטייען די צוגן אין „ברייטן טאָל" און ווארטן אויף א פרייער ליניע.

אָדער אפשר גאָר שיקט מען די ציסטערנעס צוריק? מע קאָן זיי דאָ אויך באַדאַרפן...?

...דאָס הארץ ביי מיכל קלאפּט ווי אין אַסטמאַטישער מע-טראָנאָם?

— ווען שוין פאָרן זיי? ווי לאַנג דארף מען נאָך ווארטן?..

נאָש בארואיקט אים. הער נאָר, ווארט נאָך אביסל. עס וועט טונקל ווערן. דעמאָלט וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טון...

— מיכל, מע דארף אָפּשטעלן דעם זייגער פון די מינעס, זיי זאָלן וואָס שפּעטער עקספּלאָדירן...

— ווער ווייסט, ווי לאַנג די ציסטערנעס וועלן נאָך דאָ בלייבן...

בעת די דייטשע סאָלדאַטן זענען געזעסן אויף די טרעפּ פון צוג און געחלומט א קאָשמאַר פון א גרויסן בער, וואָס פארצוקט די אָרעמע שעפּעלעך — איז געלונגען די פארטיזאַנער צו מינירן די ציסטערנעס פון ביידע צוגן.

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל ארבעט, זענען זיי גלייך אויסגעוועבן די צייט.

— דאָס דאָזיקע פייערווערק טאָרן מיר נישט אַדורכלאָזן. ווארט אביסל, לאָמיר נישט צו טיף אריינקריכן אין וואַלד.

— צו וואָס דאָ ווארטן? מיכל שלעפּט נאָשן ביים ארבל. גאַנץ אויבן, אויף דער באַזע, וועלן מיר בעסער זען דאָס פייערווערק.

— וואָס רעדסטו נארישקייטן? אויבן, אויפן בארג, פארדעקט פון די ביימער, וועלן מיר גאָרנישט זען...

— מיר קריכן ארויף אויף א הויכן בוים און זעען אַלץ...

כדי נישט צו פארשפּעטיקן, זענען מיכל און נאָש ארויפגעלאָפן מיט אַלע כוחות דעם בארג.

נאָך איידער זיי זענען אָנגעקומען צו דער באַזע האָבן זיך דער-הערט די עקספּלאָזיעס.

צוערשט האָט עס אָנגעהויבן לייכטן צו צימבלען, גלייך סטרונעס רייסן זיך. און אַלץ שטאַרקער האָט אָפּגעהילכט אויף די בערג דאָס קנאַקן און קנאַלן.

פּלוצים האָט אויפגעלייכט איבערן הימל א פייער-זייל, אַן עמוד-האש, וואָס קינדיקט אָן א וועלטן-אונטערגאַנג.

מיט דעם דערפאָלג פון די מינעס האָט זיך נאָש מער דער-שראָקן, ווי דערפרייט.

ס'האָבן געפלאַקערט די ציסטערנעס. דאָס פייער האָט זיך צע-שפּרייט איבערן האָלץ-דעפּאָזיט.

א ים פון פלאַמען טוט אַלץ פאַרפלייצן. דאַכט זיך, דאָס פייער וועט באַלד אויך וואַלד און באַרג איינשלינגען.

נאָש און מיכל האָבן זיך געאײַלט, וואָס גיכער אָנצוקומען צו דער באַזע. אפשר דאַרף מען ראַטעווען, זיך איבערציען...

אַלעף קוקט אַראָפּ צום פייער מיט א בינאָקל, פון שפּיץ בוים.

ווײַבאַלד ער דערזעט נאָשן און מיכלען, שפּרינגט ער אַראָפּ און נעמט זיי אַרום:

— בראַוואָ, יאַטן, אויסגעצייכנט, וואונדערבאַר.

ס'איז גאָר, וואָס מע טראָגט זיי נישט אויף די הענט.

נאָש און מיכל זענען ביסלעכווייז צו זיך געקומען, אָפּגעטרייסלט די שרעק:

— מיר האָבן געמיינט, די וועלט גייט אונטער.

— איר געדענקט די פאַטא מאָרגאַנאַ, וואָס כישופט אויס אין דער וויסטעניש א ים מיט וואַסער?

די זעלבע יענטע, די פאַטא מאָרגאַנאַ — האָט איצט פאַרפלייצט די בערג מיט פייער-פלאַמען.

א פאַטא מאָרגאַנאַ פון ים-כוואַליעס און פייער-פלאַמען באַגלייט אונדז אויף אונדזערע וועגן.

אזא פייערווערק, דאָס שענסטע וואָס כ'האָב געזען.

אנדרו האָט אומגעדולדיק, איבערראַשט און פריידיק געכאַפּט דעם אַפּאַראַט, אַרויפגעלאָפן דעם באַרג, כדי ניך איבערגעבן, וואָס נאָך און מיכל האָבן אויפגעטאָן.

— די עקספּלאָזיעס ווילן קיין סוף נישט נעמען...

די ערד ברענט...

## 7

אנדרו לערנט מיט יורין, עלעהיי מיט זיינע קינדערלעך אין שול:

— די גאַנצע וועלט איז אַ געמיש פון וואַסערשטאָף, זויערשטאָף, קוילנשטאָף און אַנדערע שטאָפן...

— דאָס איז עס אינגאַנצן, אַרום און אַרום...

— וואָסזשע פאַר אַ זין האָט שוין דער גאַנצער קידער-ווידער, וואָס מע שלאָגט זיך און מע הרגעט זיך, ווי איבער דער ירושה פון אַ רייכן פעטער?

— ווייזט אויס, די ירושה איז, נישקשה, אַ בכבודיקע.

— און אָרעמע ירושה וואָלט איינער דעם צווייטן לייכט מוחל געווען...

...די פאַרטיזאַנער זענען אַלאַרמירט.

מע דערוואַרט נייע אינסטרוקציעס, וואָס אַ פּאַראַשוטיסט דאַרף אַראָפּברענגען פון צענטער.

דערווייל זאָל מען רואיק אָפּוואַרטן, אויף דעמזעלבן אָרט.

וויאַזוי קאָן מען זיין רואיק, אַז יעדן אין דער פרי באָמבאַרדירן די אַמעריקאַנער די געגנט?

די שטאָט איז ווייט פון דאַנעט, אַן ערך 50 קילאָמעטער, אָבער די עקספּלאָזיעס הילכן אָפּ אויף די בערג, גלייך די באָמבעס פליען איבערן קאָפּ.

וואָס זאָל דאָס באַטייטן? די אַמעריקאַנער ווילן פאַרכאַפּן די נאַפּט-סאַנדעס?

— זיי קאָנען אפנים נישט פארטראָגן, אז די פעטראָל-גריבער זאָלן אריינפאלן אומבאשעדיקט אין די הענט פון די רוסן.

דערווייל שעפן אוים די סאָנדעס די דייטשן... איר זענט טאקע גרויסע דיפּלאָמאטן, אָבער איר פארגעסט, אז צווישן רוסן און אמע-ריקאנער איז אלץ אָפּגעמאכט און באשלאָסן ?!

...דער וואָס האָט באדארפט אראָפּברענגען די אינסטרוקציעס-איז קאראָלי, א חבר פון די אינטערבריגאדיסטן.

די קאנטשאפט ציט זיך פון שפאניע איבער די לאגערן פון פראנקרייך און אלזשיריע.

קאראָלי, „ציגיינער", האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט ליב גע-האט ציגיינערישע מוזיק. אָדער אפשר דערפאר, וואָס מע האָט גע-האלטן, אז ער זעט אוים ווי א ציגיינער: קליינוויקסיק, ברייטביינעריק' שווארצע האָר און א טונקלע הויט. ער איז געווען וויקום אן אלטער פריינד.

דער צענטער האָט באשטימט פאר קאראָלין א באזונדערע אויפגאבע:

די אקטיוויטעט פון דער גרופע פארטיזאנער קאָן אויסגעבריי-טערט ווערן.

קאראָלי זאָל אויסגעפינען, וויאזוי ס'איז בעסער, זיך פארבינדן מיט דער צווייטער גרופע און אויך מיט אָרטיקע כוחות, אָדער אראָפּ-שיקן נאָך א גרופע פארטיזאנער ?

היות די צייט דרינגט — מע האלט פאר א גרויסער אָפענסיווע, דארף מען זיך מיט קאראָלין וואָס גיכער טרעפן נישט ווייט פון דער באזע.

דער טאָג איז נישט באשטימט געוואָרן.

...די לעצטע באגעגעניש צווישן אלעפן און סאנדון האָט זיך נישט איינגעגעבן. דריי טעג נאָכאנאנד האָט אלעף געווארט אויף סאנ-דוןביים קיאָסק פון וואָקזאל און סאנדו איז נישט געקומען.

סאנדו האָט באדארפט שאפן די פארבינדונג צווישןביידע גרו-פעס פארטיזאנער, אויב דער צענטער איז מסכים...

אז סאנדו איז נישט געקומען צו דער באגעגעניש, איז געדרונ-גען, אז ער ווייסט שוין פון דער אנדערער גרופע דעם ענטפער, אָדער, חס וחלילה...

# 8

אין הייסע זומער-נעכט כאַפּט זיך אויף די זון, נאָך איידער עס הויבט אָן טאָגן, שטרעקט זיך אוים הינטער א טיף-בלויער קאָלדרע און קריכט פּאַמעלעך ארוים מיט א שטראַל, מיט א בלענד.

א וועלט מיט ארבעט. דער טאָג קלעקט נישט. מע דאַרף אָנ-ווארעמען ניין פּלאַנעטן מיט אומצאָליקע סאַטעליטן.

הענדעם-פּענדעם שטראַלט די זון ארוים פון אונטער דעם באַל-דאַכין.

אז ס'איז נישטאָ קיין צייט, איז אויך ניחא אָן נטילת ידים און אָן א ברכה אויף א גלעזל טיי...

...דאָ, אין וואַלד, קאָכט זיך טיי שוין פון גאַנץ פרי אָן, אין דער קיך פון טיפן גרוב.

אנדרו איז אראָפּגעלאָפן צום קוואַל זיך וואַשן און ברענגען א קעסל וואסער.

...וויקו האָט געוואָלט אַלץ מער אויפטון, באווייזן דער וועלט און זיך אַליין אויך, וואָס ער קאָן.

עס האָבן געעקבערט אים אין מוח גרויסע אמביציעס:

— מעגלעכקייטן זענען פאַראַן. מע דאַרף פאַרשטיין זיי אויס-צוניצן. איצט, אין אַנטשיידנדיקסטן מאָמענט, ווען דער שונא איז אָפּגעשוואַכט און צעטומלט, דאַרף מען אים דערלאַנגען הארטע קלעפּ פון הינטער דער פּלייצע, ער זאָל זיך נישט קאָנען ארויסדרייען פונעם קלעמעניש.

דער העלד טשאַפּאַיעוו שוועבט אים פאַר די אויגן.

— מע דאַרף פאַרפּלייצן די בערג מיט פּארטיזאַנער און יאָגן די פאַשיסטן, זיי זאָלן לויפן ווי פאַרסמטע מייז.

— לאָמיר אָפּזוכן אַלטע חברים פון דאַנעט און זיי איינשפּאַנען אין א גרויסער אקציע. מיט זייער הילף וועט דער פּלאַן אויך האָבן די אונטערשטיצונג פון צענטער...

אַלעף האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ראָמאַנטישע פּלענער, פון אוועג-טורעם.

דער אויסדרוק אוועגטורע האָט ביי וויקען ארויסגערופן בייז בלוט.

— וואָס הייסט ביי דיר אוועגטורע? ס'איז קלייגבירגערלעך צו באַצייכענען א העלדישע אקציע אלס אוועגטורע' אויב אזוי, קומט עס אוים, אז אלע רעוואָלוציאָנערן זענען אוועגטוריסטן.

— באוואוסטזיניקע קעמפער זענען נישט קיין אוועגטוריסטן, ביי־זערט זיך וויקען.

...יעדער טראכט זיך זיינס.

אלעף האלט פון אָרדענונג און דיסציפלין.

יעדע אויפגאבע האָט זיך איר ראַם, יעדע זאך איר גדר. מע דארף נישט אריבערשפאנען די מאָס, אלץ האָט זיך זיין צייט.

— שפעטער, זעט אלעף פאָרויס, ועט אפשר קומען א צייט, ווען די היינטיקע פארטיזאנער וועלן דארפן אויספולן וויכטיקע פאָ־ליטישע פונקציעס. מע קאָן נישט וויסן...

ער חלומט מיט אָפענע אויגן: מעגלעך, ס'איז געמאָלט, אלעף וועט זיין אין דער שפיץ פון א רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, אָדער כאָטש מיניסטער פאר פארטיידיקונג.

וויקען וועט ער באשטימען פאר פראָפאגאנדע. דאָ דארף מען האָבן אן עקשן, מיט אויסדויער, מיט פערספעקטיוו און דערצו מיט א לאנגן אָטעם, ווי א לויפער אויף א לאנגער שטרעקע.

מיכל איז קיין פראָבלעם נישט. ער וועט זיין פאראנטוואָרטלעך פאר דער ווירטשאפט, פאר דער נאציאָנאלער עקאָנאָמיע.

נאָש איז ווי געשאפן פאר אינערלעכע ענינים. ער האָט א חוש־הריח פאר אונטער־שטרעמונגען, וואָס קאָנען ארויפשווימען אומגעריכט. מע דארף וויסן רעכטצייטיק צו צוימען דעם שטראָם, עס זאָל נישט ווערן א פארפלייצונג.

איז נאָך געבליבן יורי... נו, ער וועט זיך פארנעמען מיט דער יוסטיץ, מיט דער קאָנסטיטוציע, מיטן סאָציאליסטישן יושר, וואָס מע דארף אָפהיטן ווי דאָס וויסל פון אויג...

# 9

נאש קוקט מיט חשד אויף די אלע גרויסע פלענער. ער זעט דערין שפורן פון קאריעריסטן...

...ס'איז נישטא קיין סימן פון קאראלי. וואס איז מיט אים געשען? אייגנטלעך ווייסט מען נישט, צי ער איז שוין ארויסגעפארן.

סאנדו באווייזט זיך אויך נישט. מע דארף איצט זייער פארזיכטיק זיין. טאמער איז געשען אן אומגליק און דער שונא האט זיך עפעס דערוואוסט, דארף מען זיך וואס גיכער אפטראגן פון דאנעט...

נאר וואוהין גייט מען, אז יעדע פארבינדונג איז איצט איבערגעריסן? דער צענטער ענטפערט נישט.

דער זאפאס פון מינעס פארמינערט זיך. עס וועט באלד נישט זיין, וואס צו טון.

...אנמידנדיק און דענערווירנדיק איז דאס ווארטן...

נאש איז זייער אומרויק.

ער פארבלאנדזשעט אין א וואלד פון סאסנע-ביימער. אויף די העכסטע שפיצן פון די סאסנעס פלאטערן פאנען...

עס גליצערן אויבן לוחות פון פארמעטן. ער קלעטערט ארויף צו די לוחות, צו די פארמעטן, שטרעקט אויס די הענט צו די פאנען...

עס שווינדלט אים פאר די אויגן און ער פאלט אראפ. ער האלט זיך אן די לוחות און גליטשט זיך כסדר אויף די בויגעוודיקע צווייגן.

אין גראז בלייבט ער ליגן אן אויסגעשעפטער אויף אפגעדארטע צווייגן, מיט די לוחות אין די הענט.

די לוחות ווערן שוואנען, וואס קרייזן ארום אים, ער שווימט אין איינעם מיט די שוואנען.

די זילבער-ווייסע שוואנען ווערן אשגרוי, זיי בייטן די פארבן, זיי ווערן גרין ווי זשאבעס. די שוואנען וואַרקען נישט מער, זיי קוואקען ווי זשאבעס. נאש קוואקעט מיט זיי אין איינעם...

יורי וועקט אים אויף מיט א לייכטן שטויס פון הינטן.

נאַש זוכט די לוחות.

— די לוחות טויגן נישט איצט. ווער דאַרף זיי?

— די לוחות וואַרטן אויף בעסערע צייטן, אויף די צייטן פון די נביאים, אויף משיחס צייטן...

## 10

עס ציטערט דער וואַלד.

די ביימער ווערן פאַרגליווערט.

עס הערט זיך אַ ווילד אויסגעשריי:

— שטיי, שטיי...

עס פינקלען די ביקסן דורך די צווייגן...

די זשאַנדאַרן שיצן זיך הינטער די ביימער.

די פּאַרטיזאַנער שיסן אויס אין דער לופטן, צו רעקן אַנדרון, ער זאָל אַנטלויפן פון קוואַל און זיך ראַטעווען.

די פּאַרטיזאַנער שטופּן אַריין אין זייערע רוקזעקס, וויפל זיי קאָנען און וואָס זיי האָבן ביי דער האַנט.

...די זשאַנדאַרן האָבן זיך צוריקגעצויגן. זיי ווילן מסתמא אַרומרינגלען די באַזע...

...אַלץ איז אַזוי אומדערוואַרט, פּלוצימדיק געשען. די צייט איז נשתומם געוואָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט...

...יעדער שיסט אין פאַרקערטער ריכטונג, כדי איבערצושרעקן די זשאַנדאַרן, זיי זאָלן גלויבן, אַז ס'איז אַ גרויסע מחנה פּאַרטיזאַנער.

...יורי לאָזט זיך לויפן צום קוואַל זוכן אַנדרון.

אַן אַנדערער לויפט צו די גראַנאַטן און מינעס.

...כהרף עין פאַרשטומט די שיסעריי. די פּאַרטיזאַנער פּלעטערן אַריבער דעם פעלדז פון אַקעגן...

אַנדרו איז פאַרשוואונדן, ווי אין אַן אָפּגרונט. אַ קויל האָט אים זיכער געטראָפן.

לאנג זוכן קאָן מען אים נישט. מע טאָר דאָ נישט לאנג בלייבן. די זשאנדארן וועלן באלד צוריקקומען מיט פארשטארקונג.

...די פארטיזאנער גייען אלע נעדיכטער אין וואלד אריין.

זיי רוען זיך אָפּ אין א טיפן שאנץ.

...וואָס טוט מען ווייטער? וואוהין גייט מען?

וויקו און מיכל לאָזן זיך פאָרזיכטיק אוועק, נאָכאמאָל אוים־שפּירן און אנטדעקן א שפּור, א סימן פון אנדרון — אומזיסט, פאר־פאלן.

אנדרו איז פארלוירן.

די פארבינדונג מיטן צענטער איז איבערגעריסן.

די ראדיאָ־אפּאראטור איז פארבליבן אויף דער באזע.

...זשאנדארן און דייטשע פּאטראָלן וועלן איצט זוכן די פּאר־טיזאנער אויף אלע וועגן און שטעגן. דארף מען אָפּוואַרטן, ביז עס וועט טונקל ווערן און ערשט דערנאָך פּרואוון אריבערגיין דאָס וואסער און די באן־ליניע, אויף יענער זייט פון טאָל.

...איינער האָט איינגעפּאקט מער ברויט אין זיין רוקזאק, א צווייטער מער אמוניציע.

עס ווערט אויף גלייך אויפגעטיילט.

יעדער באקומט אויך א גלייכן חלק געלט.

מע באשטימט א טרעף־פונקט, וואו מע זאָל זיך ווידער געפי־נען, אויב מע צעלויפט זיך אין א בהלה, און מע פארלירט זיך...

אלץ איז מער־ווייניקער פאָרויסגעזען.

אלע האָרכן אָנגעשטרענגט, געשפּאנט אויף יעדן שאָרך, אויף יעדן ציטער פון א בלעטל, פון א גרעזל...

ס'איז שטיל ארום און ארום.

א פארבלאָנדזשעטער היישעריק שפּרינגט ארום פון איין בלימל צום אנדערן.

דאליעס און מארגעריטקעס שושקען צווישן זיך.

זיי שטרעקן נייגיריק אוים זייערע געלע קעפּלעך.

וואָס קומט דאָ פאָר?

ס'איז שטילער פון שטיל.

...יורי ציילט איבער די פעטאלן פון מארגאריטקעלעך. עס פאלט אראפ א בלעטל פון א בלומען-קרוין.

א מארגעריטקעלע האט אן ערך צוואנציק פעטאלן. די פעטאלן גלענצן אויך אין שאטן.

...יא, צי ניין? ער לעבט? יא, צי ניין?

יורי פלעכט א קראנץ פון מארגעריטקעלעך פאר אנדרון...

...אלעף טראכט צו דעם אומדערוואַרטן באזוך און עס ווערט אים פינצטער פאר די אויגן... ער קאן עס זיך נישט גלויבן... ער האט אָבער פּאָרט געזען לעבן זשאנדאר א ציווילן פארשוין...

ער איז זיכער, אז ס'איז געווען סאנדו מיטן אָפענעם קאָלנער און מיטן קאשקעט.

צווישן די געדיכטע צווייגן האט ער אים דערקענט, אינעם קא-שקעט, אינעם אָפענעם קאָלנער פון געקעסטלטן העמד, אין דער קליי-נער וואָנצע...

...און סאנדוס אויגן, וואָס שטעכן ווי די שפיזן, ווי באַיאָנעטן, זענען איצט פארבלאסט געוואָרן...

פאר אלעפן איז עס קלאָר:

מע האט סאנדון געכאפּט, געפייניקט און געצוואונגען אויסצו-זאגן. ער האט דאָס די זשאנדארן געפירט צו דער באזע אויפן „גרוי-סן שטיין"...

— האָבן דען נישט גרעסערע פון אים זיך אונטערגעגעבן? שוואכע כאראקטערן האלטן נישט אוים די קלעפּ, די פייניקונגען...

עס האט זיך איינגעבויערט אין אלעפּס מוח דער חשד... אים האט סאנדו פון אָנהויב אָן נישט געפעלן...

# 11

די פארטיזאנער זענען נישט ווייט אנטלאָפן. אין דער נאָענט איז מען דאָסמאָל זיכערער. סע וועט די זשאנדארן נישט איינפאלן, זיי צו זוכן דאָ פאר דער נאָז.

...עס האָבן די פּאַרטיזאַנער מיט אומרו געוואַרט, עס זאָל גוט טונקל ווערן. די לבנה האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ שוואַרצן הימל, האָט מען געטאַפּט אין דער פינצטער.

יורי איז געגאַנגען פאָרויס.

ער זעט אין דער טונקל און פילט די ערד אונטער די פיס, ער זאָל נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג.

טאָמער מע פאַרקריכט אין אַ זייט און מע פאַרליוט די שפּור, פאַרבלאָנדזשעט מען, ווער ווייסט וואו...

פאָרזיכטיק, צייל'נדיק די טריט, האָבן זיך געגליטשט פאָרויס די פּאַרטיזאַנער אויף אַן איינרעלס.

...ווען אין אַן איינזאַם וואַלד-הויז האָט געהאַוקעט אַ הונט, האָט מען אָנגעהויבן גיין גיכער.

די סטעטשקע האָט זיך פאַרברייטערט, ס'איז געוואָרן אַ וועג.

די טונקלקייט האָט שוין געבלייכט, ווען מען איז אָנגעקומען צום וואַסער.

אַז מע שפּאַנט אַריבער דעם האַדעס, איז מען אויף יענער זייט גיהנום, דאָס הייסט אין גן-עדן...

זיך צוערשט גוט אַרומגעקוקט און גיך, אַריבערגעלאָפן דעם טייך און די רעלסן דערנעבן, — און אַרויף אויפן באַרג באָווא.

דאָ האָט מען אַביסל אָפּגעאָטעמט.

דאָ איז מען אָפּגעשיידט פון די מלאכי-חבלהניקעס.

די בערג פון דער לינקער זייט פון טאָל זענען נישט אַזוי ווילד, פעלדזיק, קאַנטיק ווי אויף דער רעכטער זייט.

די באָווא-בערג פאַרקריכן נישט צו הויך. זיי זענען האַלב קיילעכדיק ווי מעלאָנען, ווי דיניעס.

די בערג נייגן זיך צילינדריש און באַגריסן מיט זייערע גאַמבעטעס נאָר פריינדלעך יעדן טוריסט.

אָבער דאָ באַגעגנט מען נישט קיין טוריסטן. אַלפּיניסטן אוודאי נישט. די בערג פאַרלאָזן נישט מיט קיין שום שווינדלדיקע הייכן.

זענען די פּאַרטיזאַנער מיט ווייניקער זאָרג, אָן מורא, אַנטקעגן געגאַנגען דער זון, קיין מזרח צו...

# 12

א קוועלעכל וואסער שפּילט זיך מיט די שטראַלן פון דער זון. ביים קוואַל וואַרט נישט אויף די פּאַרטיזאַנער מיט אַ קריגל וואַסער אויפן אַקסל, די שיינע רחלע.

מיכלס מוטער, רחל, האָט שוין היינט ביבלישע יאָרן. זי זיצט אויף דער פּריספּע פון פּרוזדור און בענקט נאָך אירע קינדער: — רחל מבכה על בניה...

די געשיכטע חזרט זיך נישט איבער...

מיכל גייט אַראָפּ צום קוואַל, זעט ער, ווי ס'קומט אים אַנט־קעגן אַ פּאַטראָל זשאַנדאַרן, וואָס כאַפּן אַראָפּ די ביקסן פון די פּלייצעס.

אין דער אַנטשטאַנענער מהומה לויפט מען, וואו די אויגן טראָגן דיך.

מיכל לויפט אויף לינקס.

עס צעשפּרייטן זיך די פּאַרטיזאַנער אין אַ פּעכער פון אַ גרויסער מחנה, וואָס גרייט זיך צום קאַמף.

די זשאַנדאַרן האָבן זיך נישט געכאַפּט אויפן מאָמענט, אַז די מחנה איז אַ קליינע גרופּע, האָבן זיי זיך צוערשט אַביסל צוריקגעצויגן, דערנאָך פּאַרזיכטיק אַרויפגעקלעטערט דאָס בערגל.

...נאָך אַ ווײַלע האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער אַרומגעזען, אַז זיי זענען צעטיילט אויף צוויי גרופּעס:

מיכל און נאש אויף איין זייט; אויף דער אַנדערער זייט אַלעף, וויקו און יורי.

...אַלץ ווייטער אָטעמלאָז לויפנדיק האָבן אַלעף, וויקו און יורי ינשט געזען קיין שום באַהעלטעניש פאַר זיך.

זיי געפינען זיך אויף אַ פּלאַטאָ, וואָס איז ווייניק באַוואַלדעט. צעוואָרפענעביימער וואָרענען, אַז מע טאָר דאָ נישט בלייבן, ס'איז אַן אָפן שיספעלד פאַר די זשאַנדאַרן.

...צום גליק הויבט אן רעגנען — געבענטשטע טראָפּנס, וואָס בארואיקן און באפרוכפּערן.

הויכע קוסטן שמייכלען און לאַכן צו זיך.

אלעף, יורי, וויקו קריכן אריין אין א געדיכטן קוסט, שטרעקן זיך אוים אין דער גאנצער לענג, מע זאָל זיי נישט ארויסזען.

דער רעגן דויערט נישט לאנג. זון-שטראלן שלייכן זיך סודותדיק אדורך אין די קוסטן. ווארעמען און טרייסטן: „אלעף איז אן אָדלער“...

יורי חזרט עס איבער דריי מאָל:

— זיך נאָר נישט שרעקן, מען איז שוין ערגערס איבערגעקומען...

שטארקע טראָפּנס פון א שלאקסרעגן פּאַטאַקעווען:

— נאָר נישט געשראָקן...

...אזוי גיך בייטן זיך, יאָגן זיך טראָפּנס פון זון מיט שטראלן פון רעגנס, אז מע ווייסט מער נישט, ס'איז א זון, אָדער א רעגן, צי די כלה איז שוין געלעגן...

יורי שרייבט ליבע-בריוולעך צו אלעפן און וויקון:

זיבן מייזלעך מיט א מויז
שלאָפן אויפן דיל —
יאטן פּארטיזאנער
ליגן פּיטש-נאס אין דער שטיל!...

— — — — — — — —

אמאָל איז געווען א מעשה.
די מעשה איז גאָרנישט שרעקלעך
די מעשה ענדיקט זיך
מיט פרייליכע, מעשענע גלעקלעך...

— — — — — — — —

אמר אדוני ליעקב
אל תירא עבדי יעקב...
— לאָז אוים צום דייטש דיין צאָרן,
און פארקירץ אים זיינע יאָרן...

— — — — — — — —

די ברייוועלעך האָבן, ווי גיט איז, אויפגעמונטערט די יאטן, וואָס זענען געלעגן אין קוסט, ווי אין א הינערפּלעט, נישט געטאָרט זיך רירן און קיין שאָדן ניט טון...

## 13

פון דער ווייטנס הערן זיך קולות:

לוז, לוז, כאפּ אים, כאפּ אים... די באנדיטן זענען אין אונדזערע הענט, זיי האָבן נישט וואו צו אנטלויפן...

די זשאנדארן סטראשען, רייצן דעם הונט...

...נאש און מיכל זענען אריבערגעלאָפן דעם בארג, אין געדיכטוואלד אריין. די זשאנדארן האָבן זיי נישט געכאפּט.

האָבן די זשאנדארן זיך אומגעקערט זוכן די אנדערע פּארטיזאנער.

אין א געדיכטן וואלד מיט פּארטיזאנער איז פּאר זשאנדארן גען פערלעך אריינצוגיין.

דאָ, צווישן שיטערעביימער, זענען די זשאנדארן מוטיקער און היצביקער.

— נאָר וואו זענען זיי פארשוואונדן, די פּארטיזאנער? זיי זענען דאָך ווי איינגעזונקען אין דער ערד.

— ס'איז קלאָר, הינטער די ביימער קאָן מען זיך דאָ נישט באהאלטן. קוקן די זשאנדארן ארויף צום הימל. צי א טייוול איז נישט אויפן שפּיץ בוים...

די זשאנדארן גייען הין און צוריק, ליארעמען, דרייען זיך אין קרייז, ביז זיי ווערן מיד, הייבן זיי אָן צו פייפן.

ס'איז שוין שטיל. נאָר קיינער וואגט נישט דעם קאָפּ פון קוסט ארויסצושטרעקן.

עס טונקלט און עס רעגנט ווייטער.

א פיטשנאסע פרייד נעמט ארום די פּארטיזאנער.

די פינצטערניש און די נעץ האָבן גובר געווען די זשאַנדאַרן.

...אָבער ניין, זיי זענען נאָך נישט פאַרשוואונדן. מע הערט ווי־דער דאָס פייפן, וואָס דערנענטערט זיך אַלץ מער.

די יאַטן שלעפן אַרום אַ גראַנאַט...

עס פייפט נאָר איינער. זיין קול פייפט מיט אַ טרעמאָלאָ: „לאַ דאָנאַ עס מאָבילע"... ער קלערט צו זיין שיקסאַל. ווער ווייסט, צי זי בלייבט אים געטריי?

דעם זשאַנדאַר שפּאַצירט אויף אַ הויכער דאַמבע. מע זאָל אים נישט קאָנען באַפאַלן.

— מע וואָלט אים באַדאַרפט אַריינוואַרפן אין וואַסער. דאָס וואַסער איז איבערגעלאָדן ביי דער דאַמבע און רוישט איצט שטאַרקער, קאָן מען זיך שטילערהייט צושלייכן צו דער דאַמבע, ער זאָל עס נישט באַמערקן...

ביז ווער־וואָס־ווען איז דעם זשאַנדאַר נימאס געוואָרן דאָס פייפן און דאָס טאָפּטשען אויף דער דאַמבע...

וואָס זאָל ער דאָ היטן?

אין אַזאַ שלאַקסרעגן, אין אַזאַ חושך־מצרים, אַז מע זעט נישט קיין שיין פאַר די אויגן, קריכט קיין שום חיה נישט אַרוים פון דער נאָרע...

— ווי לאַנג איז דער שיעור? ווי לאַנג דאַרף ער נאָך האַלטן וואַך?

מע האָט אים שוין באַדאַרפט פון לאַנג בייטן — דאַכט זיך דעם זשאַנדאַר. ס'האָט מער קיין זין נישט, אומזיסט־אומנישט אוים־געווייקט צו ווערן.

האָט ער זיך צוגעפייפט אַ מאַרש און האָט קאַלעמוטנע אָפּ־מאַרשירט.

...שוין אַ שטיקל צייט פייפט עס נישט מער, דער פייפער איז אוועק.

די יאַטן האָרכן געשפּאַנט צום ריטעם פון רעגן, וואָס האַמערט אין מוח ווי אַ "מעטראָנאָם.

וויקו הויבט זיך לאנגזאם אויף פון הינערפלעט, גלייכט זיך אויס די אויסגעמאטערטע ביינער, שפיצט די אויערן:
דער רעגן קלאפט א דריבנעם מאַרש, ווייטער נאָרנישט...

# 14

אלעף, יורי און וויקו שארן זיך צו פאמעלעך צו דער דאמבע.
ביים פּאָמפּע־הייזל גייען זיי אריבער אויף יענער זייט פון וואַסער און פארנעמען זיך אויף א סטעטשקע קיין דרום צו.
די נאכט האָט נישט קיין ענד. מע קאָן נישט ארויסקריכן פון איר, בייזערט זיך וויקו.
מיר דרייען זיך דאָ אין קרייז, ווי אין א פארשאָלטענעם קעסל־גרוב.
— אריבערקלעטערן די בערג האָט קיין זין נישט, מע קאָן זיך נאָך פארלירן אין די פינצטערע אָפּגרונטן.
מיר דארפן דערגיין וואָס גיכער. דאָרט איז מען שוין זיכערער...
— אָבער ווער ווייסט צי דער קיניג איז איצט אין פּאַלאַץ?... זוערזשע וועט אונדז אויפנעמען?
— איך בין אים מוחל דעם כבוד, איך וויל נישט האָבן צו טון מיט א היקעוואטן.
— אָבער פּאָרט, איצט איז א גינציקער מאָמענט. עס האַלט ביים סוף, וויל דער קיניג אויסדרייען דעם דישל קעגן די דייטשן, קאָן מען זיך מיט אים לייכט איינפּארשטיין...
...עס איז נישט צום גלויבן, פּלוצים... אין מיטן דערינען איז אויסגעוואקסן א זומערדיקער שניי.
אויף דעם אָרט, הינטער די סקאַלעס, איז אייביקער שניי.
דער שניי איז אויסגעטראָטן. דאָס הייסט, מע קאָן דאָ ווייטער זיין. די סטעטשקע פירט ערגעצוואו.

— נאש און מיכל וועלן אויף אונדז וואַרטן ביים אָפּגערעדטן טרעפפונקט...

אַלעף, יורי און וויקו טאַפּטשען אויף דעם אנעמישן שניי.

די לבנה קריכט ארויס פון הינטער די וואָלקנס.

די ווייסקייט בלענדט די אויגן.

די לבנה, געאָרעמט מיט די שטערן, שפּיגלען זיך אין ווייסן טעפעך פון שניי.

פּיס באַוועגן זיך אַלץ לייכטער אין דער ווייסקייט און שוועבן האסטיק אין ווייסן טאָג אריין.

עס עפענען זיך פאַר די יאַטן ווייסע טויערן...

די לבנה טראָגט זיי אנטקעגן א גרויסע, ווייסע, שבתדיקע חלה...

וואוהין זענען זיי איצט פאַרקראָכן?

א תהום עפנט זיך איצט פאַר זייערע אויגן, אן אָפּגרונט, וואָס מע קאָן נישט אריבערשפּאַנען, נישט ארומנעמען און אויסמיידן...

— השיבנו נאזאד. אַלעף, דריי אוים דעם דישל!...

— לאָמיר זיך אָפּרוען אביסל.

וויקו הויבט אים אויף.

— נאָך אזא אומזיסטן וועג, ביי א טיפן אָפּגרונט, טאָר מען נישט רוען.

דער שניי קוויטשעט אונטער די גיכע, קורצע טריט פון וויקון.

ער איילט זיך, ער וויל, איידער עס טאָגט נאָך, אָנקומען צום ציל.

יורי האלט שריט מיט וויקון. נאָר ווען ער קוקט זיך ארום, זעט ער נישט הינטער זיך אַלעפן. אויף זיין פויגלשן פייף ענטפערט אַלעף נישט. לויפט יורי צוריק, זעט ער, עס זיצט זיך אַלעף אויפן שניי און קוקט היפּנאָטיזירט אראָפּ צום אָפּגרונט.

אַלעף ענטפערט אויף גאָרנישט, רירט זיך נישט פון אָרט.

ער וויל דאָ פאַרבלייבן און שוין... ער גייט נישט אוועק פון אָפּגרונט... דאָ וועט זיך פאַרענדיקן זיין וועג, טראַכט אַלעף...

יורי רופט צוהילף וויקון.

— דער וועג איז נאָך לאַנג. וועסט נאָך געפינען טיפערע אָפּ־גרונטן. וועסט דיר אויסוויילן דעם טיפסטן, וואָס וואַרט אויף דיר...

אַלעף האָט זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט דעם שניי און איז געגאַנגען אויף די שפּורן פון וויקו.

יורי איז געגאַנגען הינטער אַלעפן.

אַלעף האָט, אזוי אַרום, געהאַט א פאַרשפּאַן און א נאָכשפּאַן... מע זאָל אָפּגעהיט ווערן פון סורפּריזן...

## 15

די גרופּע אַלעף האָט זיך מיט דער צווייטער גרופּע, מיט נאַש און מיכל, נישט געטראָפן.

יורי האָט אַרויסגעקוקט אויף משיחן.

ווען די זשאַנדאַרן זענען באַפאַלן די גרופּע פּאַרטיזאַנער ביים קוואַל, זענען נאַש און מיכל אַנטלאָפן, פייל פון בויגן, געיאָגט זיך, וויפל די פיס האָבן זיי געטראָגן און זיך אַריינגעוואָרפן אין א טי־פעניש.

זענען זיי געלעגן שטיל אויף א הויפן פאַרפוילטע, נאַסע בלעטער, זיך גוט איינגעדעקט און געהאָרכט מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

ווי לאַנג קאָן מען אזוי ליגן אין א הינערפּלעט און זיך גרייטן: אָט־אָט קומען די זשאַנדאַרן ?...

ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן אן אייביקייט...

די זשאַנדאַרן האָבן שוין געקאָנט צען מאָל פאַרבייגיין — און זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט ?...

מע דאַרף גיך אוועק פון דאַנען און דערגיין צום אָפּגערעדטן טרעף־פּונקט.

דאָס זעלבע וועלן, אוודאי, אויך זיי, יורי, אַלעף און וויקו אין זינען האָבן...

געוועז זענען עס געוועזן א גרופּע פון זעקס פּאַרטיזאַנער — זעקס ברידער זענען עס געווען — זענען פון זיי געוואָרן פינף: אַנדרו איז מער נישטאָ.

איצט איז די גרופּע צעטיילט: דריי דאָרטן אַרומערט, צוויי דאָ אַרומערט...

אין איינעם וואָלט מען נאָך עפּעס געקאָנט אויפטון.

אָבער אַזוי צעטיילט, וואָס קאָן מען שוין באַווייזן?

בלייבט נאָר איין אויסוועג: זיך ווענדן צום צענטער.

און די גרופּע פון אַלעף וואָס וועלן זיי טון?...

איצט אַריבערגיין דעם פראָנט איז ניט קיין שפּילעכל. ס'איז נישט דאָס זעלבע פון דאָרטן אַהער, ווי פון דאַנעט אַהין.

— דער פראָנט האָט זיך מסתמא שוין פאַרשויבן. אויף דער ערשטער ליניע גרייט זיך א גרויסע אָפענסיווע. דאָס קיינעמלאַנד, וואו מיר האָבן פאַרלוירן אַן אויסשפּירער, איז שוין אפשר אין אונדזערע הענט.

— ס'איז שווער זיך איצט אַריבערצופּעקלען אויף דער אַנדערער זייט. א מייזל אפילו, קאָן עס אויך נישט באַווייזן.

די אָפענסיווע האָט זיכער שוין אָנגעהויבן.

מע שפּירט עס אין דער לופט, אַז עס קאָכט זיך.

...אַזוי ציען זיך דושנע טעג און אומרואיקע נעכט דורך דער געדיכטעניש פון וואַלד, נישטאָ קיין פּיצל קלאָרקייט.

א גורלדיקער, הייסער חודש אויגוסט וואַכט איבער זיי.

...נאַש און מיכל האָבן זיך דורכגעראַנגלט ביז צו דער סטאַציע פון „ווייטן טאָל". דאָ פאַרהאַלטן זיי זיך, קוקן זיך אַרום, ווי עס זעט איצט אויס דער וואָקזאַל, דאָס אָרט פון זייערע מעשים טובים.

דאָ האָבן צוויי צוגן מיט נאַפט-ציסטערנעס עקספּלאָדירט. די סטאַציע איז שטאַרק באַשעדיקט.

דאָס זענען זיי שולדיק, מיכל און נאַש.

די שולד שלעפּט דעם שולדיקן אַהין, וואו מען דאַרף נישט.

די סטאַציע איז איצט שטאַרק באַוואַכט פון מיליטערישע פּאַטראָלן.

נאש און מיכל האָבן נאָך א פּאָר מינעם. זיי וואָלטן זיי גע־וואָלט פּטור ווערן, פארניצן, איידער זיי גייען צום טרעף־פּונקט, צו דער וואלד־בודקע.

זיי דערקונדיקן זיך ביים סטאציע־שעף, ווען עס קומט אָן א צוג, וואָסארא צוג ס'זאָל נישט זיין, א פּערזאָנען־צוג, א לאסט־צוג.

דער סטאציע־שעף שיקט זיי צום מיליטערישן דיספּעטשער.

דאָרט דערזעען זיי א דייטשן אָפיציר, וואָס שרייט אויפגערעגט אריין אין טעלעפאָן־טרייבל: אונערהערט! — וואגן די יאטן נישט ארייגצוגיין אין ביורא.

...זיי פילן איצט א שטעכעניש אין נאקן, זיי זענען אויפגע־פאלן, א פּאטראָל גייט זיי נאָך.

מע דארף עוקר זיין...

מיכל גייט אריין אין בופעט, נאש גנבעט זיך אריין אין טואלעט.

די מויער פון יענער זייט טואלעט איז צעבראָכן. גייט נאש ארוים פון הינטן.

...דער פּאטראָל שטעלט אָפּ מיכלען, שטודירט זיין מארשרוט און וויל וויסן, וואו זיין קאמעראד איז פארשוואונדן.

דעם סערזשאנט פון פּאטראָל איז עפּעס פארדעכטיק און ער לאדט איין מיכלען אין קאָמיסאריאט.

אויפן וועג צום קאָמיסאריאט בעט זיך מיכל ביים סערזשאנט, אז ער זאָל אים לאָזן אפּזוכן זיין קאמעראד, וואָס האָט דאָ א פריינטל, ווייל זיי דארפן ביידע זיך היינט נאָך אומקערן צום רעגימענט.

נאש, באהאלטן הינטער א פּלויט, קוקט זיך צו פון דער ווייטנס צו דער אמפּערניש פון מיכלן מיטן סערזשאנט.

...וואָס לאָזט זיך טון? אין מיטן העלן טאָג צווישן אזויפיל מענטשן און פּאטראָלן? וויאזוי קאָן מען זיך דאָ ארויסדרייען?

נאש זעט ווי מיכל און דער סערזשאנט האָבן זיך בארואיקט, פארדרייכערן פּאמעלעך א ציגארעט, לאָזן זיך ווייטער גיין און פאר־שווינדן אויפן וועג וואָס פירט אראָפּ צום וואסער.

— דאָ לאנג ווארטן האָט קיין זין נישט.

זיך אריינמישן, נאָכלויפן זי, קאָן נאָך ערגער זיין, קלערט נאַש ביי זיך.

ער וועט בעסער ארויפגיין צו דער וואלד-בודקע — ווי אָפּגע־רעדט — און דאָרט וואַרטן אויף מיכלען...

...א דערשלאָגענער, ווי א געהעצטע חיה, לויפט נאַש ארויף דעם בארג, פארפּלאָנטערט זיך צווישן פארטרוקנטע צווייגן, פאלט, קריכט ווייטער...

...גיין, מע דאַרף זיך אומקערן... וואָס זוכט ער איינער אליין אין וואלד?

ער וועט צוריק גיין זען, וואָס מע קאָן דאָרט טון, ארויסהעלפן... וויאזוי? וואָס איז געשען מיט מיכלען?

נאַש פילט, ווי די אָדערן פון די שלייפן ווערן אים געשוואָלן...

ער שפּאַנט אויטאָמאטיש אַלץ העכער צום טרעף-פונקט, צו דער בודקע, לעבן דער לאָנקע מיט מאַלענעס...

# 16

מיכל און דער סערזשאַנט זענען געגאַנגען זוכן דעם קאַמעראַד נאַש.

מיכל האָט געפּרוּווט אליין אריינצוגיין אין א הויף פרעגן, נאָר דער סערזשאַנט איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אים.

אויפן וועג האָט מיכל פארבעטן דעם סערזשאַנט אין א קרעטשמע.

אַלע טישלעך זענען געווען באַזעצט.

א דיקלעכע פרוי האָט זיי אריינגעפירט אין א הינטער-צימער.

פאָרנט איז געווען א גרויסער ליאַרעם.

הינטן איז געזעסן א פּאָרל אין א ווינקל און זיך געסודעט. דאָס מיידל האָט געשמייכלט אויף איין באַק.

די בעל-הביתטע איז ארומגעלאָפן, פארקאַטשעט דאָס פאַרטעך, געווישט די טישלעך, דערלאַנגט פלעשלעך שנאַפּס און געבראָטענע וואורשטלעך מיט פאַסאָליעס. עפּעס אַנדערש איז נישט פאַראַן.

דאָס פּאָרל איז געוואָרן ערנסטער, מע האָט זיי געשטערט. זע־נען זיי תיכּף אוועקגעגאַנגען.

מיכל און דער סערזשאַנט מאַכן א לחיים, איינמאָל און צוויי מאָל און נאָך אמאָל. זיי עסן וואורשטלעך אָן פּאַסאָליעס. פּאַסאָליעס זענען מער נישטאָ.

מיכל ווערט באַרעדעוודיק. דערציילט ער שמייכלענדיק דעם סער־זשאַנט וועגן די שווערע קאַמפן ביי קורסק, וואו ער איז שיעור נישט געפאַנגען געוואָרן.

ער האָט זיך אָבער אַרויסגעכאַפּט אויף א טאַנץ און באַהאַלטן אינעווייניק...

— די מלחמה זאָל שוין נעמען א סוף...

ער רעדט פול בענקשאַפט פון זיין דאָרף סאָלקע...

מע האָט זיי צוגעזאָגט ערד, וועט ער זיך אויפבויען א כאַטע, חתונה האָבן...

— לחיים! — מיכל לאַדט איין דעם סערזשאַנט אויף זיין חתונה. וויאַזוי ער הייסט?

מיהאַלאַקע? אויסגעצייכנט, מיהאַלאַקע, לחיים!... איך היים מיהאַי...

שפּילעוודיק נעמט מיכל אַרוים א סנאַקנדיקן הונדערטער פון זיין טייסטער מיט א פּעקל ציגאַרעטן.

— נעם שוין... מיר זענען דאָך קאַמעראַדן פון דעמזעלבן פראָנט, ביידע אָרעמע דאָרפס־מענטשן...

דער סערזשאַנט ווערט צעטומלט, קוקט זיך אַרום...

מיכל איז אָן א זיי־געזונט אוים די צייט, הינטן אַרומערט...

## 17

די גרופּע אלעף, יורי און וויקו האָט ווייטער געטאָפּטשעט אין זומערדיקן שניי. אויפן שנייאיקן באַרג איז איצט א גן־ערן, א ווייסער כּישוף.

דער שניי צעטאָפּעט זיך אין מויל.

די שטערן שפּיגלען זיך אין שניי און פינקלען גנביש מיט די אייגעלעך.

א חלום פארבלענדט מיט ווייסקייט דעם וואלד...

...בארג-אראָפּ גייט זיך לייכטער און גיכער. זענען זיי אָנגעקו-מען צו א פּרשת-דרכים מיטן סימן פון א צלם אויף א בערגל ערד.

דאָ איז אמאָל, מיט דרייסיק יאָר צוריק, פארלאָפן די גרענעץ. זענען זיי דאָ שטיין געבליבן זיך באראָטן, וואוהין גייט מען איצט...

אלעף וויל דורכוים אהין, פון וואו מע קאָן זיך לייכטער פאר-בינדן מיט דער אומלעגאלער באוועגונג.

— מיר דארפן זיך נישט דערווייטערן פון דער אנדערער גרופּע, טענהעט וויקו.

— ער איז גערעכט — יורי האלט מיט וויקון.

...מען איז אריין אין גרינעם, געדיכטן וואלד. דאָ איז נישט פאראַן קיין שום וואלד-פרוכטן.

וועוורעקלעך נערן זיך מיט שישקעס.

וויאזוי עסט זיך דאָס?

אז מע שאָבט אָפּ די שישקעס, בלייבט א יאָדער. דער יאָדער איז אָבער הארט און נישט פארדייעלעך.

— פרעג די וועוורעקלעך, וועלן זיי דיר זאָגן, וויאזוי מען עסט די שישקעס.

— זיי האָט אויך בעסער געפעלן אונדזער צוקער.

...באין ברירה קייען די יאטן גראָזן.

פאראַן ביטערע און זיסע גרעזלעך.

עס לאָזט זיך צונויפשטעלן א מעניו פון גראָזן און צום דעסערט זיסע קרייטעכצער.

יורין געפעלן די דרייבלעטלדיקע גראָזן, רייסט ער אָן דערפון א גאנצע זשמעניע און קייעט גייענדיק.

קיי נישט אזויפיל גראָז, וועסט באלד אָנהייבן הירזשען.

— די היץ פון טאָג איז ארויפגעקראָכן אויף דער אויבערשטער באנק.

— איך וואָלט זיך איצט אומגעקערט צום שניי...

...די יאטן רינגלען ארום א שטעטל. וויקו האָט אויסגעשפּירט, אז ס׳איז דאָרט נישט פאראן קיין מיליטער. ס׳איז פּוסט.

אין חודש אויגוסט איז עס געוויינטלעך אָנגעשטאָפּט מיט געסט, מיט טוריסטן.

איצט, מלחמה-צייט, איז עס אויסגעליידיקט.

דער קיניג איז אין דער הויפּט-שטאָט.

— ס׳איז דער גורלדיקער חודש אויגוסט.

די זומער-רעזידענץ איז פארלאָזן.

די מלחמה ווערט אנטשידן אויפן פראָנט. דער גורל פון לאַנד ווערט געחתמעט אין דער הויפּשטאָט.

...צווישן צוויי קורערטער פירט ארויף א וועג צו די שוועפלבעדער און נאָך העכער צום „שפּיץ פון בענקשאפט“.

די יאטן ווילן איצט אויסמיידן די בערג און וואָס גיכער דער-גיין אין „ווייטן טאָל“ און פון דאָרט צום טרעף-פונקט, צו דער בודקע פון וואלד-ארבעטער...

די לופט שמעקט מיט רויך.

וואָס ברענט דאָרטן? עס האָבן עקספּלאָדירט די שוועפלבעדער?

ניין... עס ברענט דער וואלד...

באַמבעס האָבן אונטערגעצונדן דעם וואלד. נישט ווייט זענען די נאפט-קוואלן. דער הימל איז שווארץ.

דער וואלד איז פייער-רויט.

נאָר די אמעריקאנער שיקן אזוי ווייט זייערע באָמבאדירער, צו פארניכטן אלץ האָב און גוטס.

— די רוסן שאנעווען דאָס הינטערלאנד. זיי וועלן עס בארארפן.

די פלאמען פארשלינגען די גאנצע וועלט.

וויאזוי קאָן מען זיך דאָך ארויסדרייען און ראטעווען?

# 18

מיכל האָט אויסגעמיטן דעם וואָקזאַל און איז געלאָפן איבערן פעלד, איז געשפּרונגען איבער פּליט, איז אַריין אין וואַלד און איז אַרויף אויפן באַרג פון „שאַרפע ציין".

מיכל איז נישט געווען גאַנץ זיכער, אָבער ער האָט פּאַרט גע־האָפט, אַז ער וועט אָנטרעפן נאַשן אין דער וואַלד־בודקע. אַלעף, יורי און וויקו דאַרפן אויך אַהין קומען.

— און טאָמער נישט? וואוהין זאָל ער זיך ווענדן? צו וועמען? צום רבונו של עולם?

זיין מאַמע פלעגט צו זאָגן:

— דער כביכול וועט דיר אָט וואָס ענטפערן:

העלף זיך אַליין, וועט דיר גאָט אויך העלפן...

— נאַש איז געשפּרונגען איז דער לופטן פאַר פרייד, ווען ער האָט מיכלען דערזען: מעכעלע, מעכעלע, פּישט אין אַ קליין לעבעלע...

ס'איז ווידער גוט, ס'איז ווידער פיין, די וועלט איז נישקשה שיין...

— דו הערסט? ס'איז דער אָפּהילך פון די אַמעריקאַנער באָמבעס.

ס'איז מיטאָג־צייט. אַקוראַט ווען דער לאָנדאָנער „ביג בען" קלאַפּט אויס צוועלף מאָל, וואַרפן די אַמעריקאַנער דאָ אַראָפּ זייער מעניו פון צוועלף פּאָרציעס באָמבעס.

די ישועה איז שוין נאָענט. מיר דאַרפן איר אַנטקעגנגיין. מיר וועלן זי אַרומנעמען. מיר וועלן זי אַרומרינגלען פון ביידע זייטן. מיר זענען דאָך צוויי גרופּעס: גרופּע אַלעף און גרופּע בית.

מיר, די גרופּע בית, נאַש און מיכל, צוויי פּאַרטיזאַנער, איינס ביי איינס, האָבן פאָראויסגעטראָגן די פאָן פון באַפרייאונג...

מיר פּרעזענטירן זיך ביים גענעראַלשטאַב.

גענעראַל, מיר זענען דאָ די גרופּע בית, צוויי פּאַרטיזאַנער, איינס ביי איינס, צו אייער דיספּאָזיציע...

— אָבער וואו געפינט זיך איצט די צווייטע אַרמיי?

...די אָפענסיווע האָט שוין אָנגעהויבן. אויפן מזרח־פלאַנק איז אויסגעבראָכן אַ ווילדע פּאַניק ביי די דייטשן. זיי אַנטלויפן און פאַר־

ברענען אלץ נאָך זיך. די שטאָט ברענט... זי איז אינגאנצן דינאַמיטיזירט, אָפּגעברענט, א חורבה...

## 19

וויקו קען גוט דאָס שטעטל, אין די זומער־וואקאציעס האָט ער דאָ געארבעט אלס דענטיסט.

דער הימל איז גרינלעך רויט. וואָס פאר א מאָדנע הימל? א מין באלדאכין, וואָס איז אויסגעשפּרייט פון איין בארג צום אנדערן. א גרין־רויטער באלדאכין דעקט איבער דאָס טאָל.

דער רעגן קאָן נישט אדורכדרינגען. דער באלדאכין שיצט דאָס קופּערנע טאָל און וויקון פאר א רעגן...

אויבן אויפן פעלדז זענען געבליבן אלעף און יורי. וויקו איז אראָפּגעגאנגען אויסקוקן די שטאָט.

טיר און טויער זענען אָפן. אזוי פירט זיך דאָ. מע קאָן אריינקוקן, זיך ארומקוקן...

וויקו גייט אראָפּ א קרום־קיילעכדיקע גאס, בלייבט שטיין פאר א גערטנדל מיט בלומען, קוקט זיך ארום...

אויף דער שוועל באוויזט זיך זיין אלטער פריינד לונגו, ביי וועמען ער האָט אמאָל, אין זומער־חדשים, געוואוינט.

לונגו לויפט אראָפּ דאָס טרעפּל. פאר איבערראשונג פאלט ער. וויקו הויבט אים אויף, פירט אים אריין אין שטוב.

לונגוס פרוי איז דערשראָקן:

— וואָס איז געשען? ביסט געפאלן? וואו טוט דיר וויי? לאָמיר זען... ס'ע האָט גאָרנישט פּאסירט.

מע זופּט א טעפּל ציקאָריע. קאווע איז נישטאָ. מע באלאקעוועט — נישט וויכטיק איבער וואָס...

— נאָך גארנישט בענקט זיך מיר אזוי שטארק, ווי נאָך א טערקישער קאווע, זיפצט פרוי לונגו.

ס'זאָל שוין נעמען א סוף...

מע הויבט אָן אויסצופרעגן איינער דעם אנדערן.

זיי האָבן געוואוסט, אז וויקו האָט געקעמפט אין שפּאַניע.

פונעם יאָר 1939 ביז 1943, דערציילט וויקו, איז ער געווען אינטער־נירט אין פארשיידענע לאַגערן. ער איז געווען פארשפּאַרט אין די לאַגערן פון סען סיפּריען, ווערנעט און דזשעלפא.

אין יאָר 1943 איז ער באפרייט געוואָרן פון לאַגער, ארויסגעפּאָרן פון אלזשיר, געשיפט זיך איבערן מיטללענדישן ים דורכן סועץ־קא־נאַל און אויסגעשטיגן אין חיפה.

— פארוואָס ביסטו נישט דאָרט געבליבן מיט דיינע קרובים?

— אפילו די וואָס זענען פון ישראל געקומען קיין שפּאַניע, זענען אויך נישט פארבליבן אין לאַנד. קיינער האָט נישט געוואָלט פאר־לאָזן די קאַמפּס־פּאָזיציע פון די אינטערבריגאַדיסטן.

א פּאָר טעג זיך ארומגעקוקט דאָרט, געווען באַזוכן דעם קיבוץ „ניט געדאַנהט"...

— נו מיינסטו נישט, אז ס'איז אוטאָפּיש צו גרינדן א קאָמונע אין אן אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניע?

— עס שאַפט זיך ביי זיי אין קיבוץ א צופרידנקייט, ארויסגערופן פון בטחון, אז די צוקונפט, דער מאָרגן, איז אָן זאָרגן. אַלע זענען דאָ גלייך פאַרזאָרגט צום גוטן ווי צום שלעכטן. די גלייכהייט שאַפט סאָלידאַ־רישקייט און ברידערלעכקייט.

...ווייטער געפאָרן זענען מיר פון חיפה איבער יאַרדאַניע און איראַק קיין טעהעראַן. פון דאָרטן אין סאָוועטן־פארבאַנד. געווען א חודש אויפן דרום־פראָנט ביי קיעוו, פון דאַנעט האָט מען אונדז אָפּקאַמאַנ־דירט קיין סיביר.

דערנאָך האָט מען אונדז געהאָלפן זיך אריבערכאַפּן אהער צו די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן דאָ געטאָן אונדזער ארבעט. מינירט ציסטערנעס נאַפט, ביז די זשאַנדאַרן האָבן אויסגעשפּירט אונדזער באַזע.

אין איין חבר געפאַלן. דער רעשט איז צעטיילט אויף צוויי גרו־פּעס. עס ווייסט נישט גאָרנישט איינע פון דער אנדערער.

מיר זענען אָפּגעריסן פונעם צענטער, אָן א שום פאַרבינדונג. וואָס עס זאָל איצט ווייטער געשען, דאָס דאַרף פארטראַכטן די באַוועגונג דאָ...

— ס'איז קאָמפּליצירט, זייער קאָמפּליצירט... איך ווייס אויך נישט, וואָס ווייטער...

ס'איז א צו גרויסע אחריות פאר לונגון...

— איך וועל אלץ איבערגעבן צו מיין פארבינדונג. ס'איז היינט דער דרייצנטער אויגוסט.

איך מיין, זאָגט לונגו, מע דארף זיך בעראטן נאָך העכער, דאָס קאָן דויערן...

בלייבט עס דערביי, לאָמיר זאָגן, דעם 25-טן אויגוסט טרעפן מיר זיך ביים שווארצן קלויסטער, א זייגער צען, פאר מיטאָג... מיטוואָך, דאכט זיך...

# 20

ווען וויקו איז, נאָכן באזוך ביי לונגו, ארויפגעקומען צום „באשרי־בענעם שטיין", האָבן יורי און אלעף אלץ בוכשטאבירט די אויסגעקריצטע נעמען אויפן פעלדז און אויפגעקלערט זייער באטייט און זייער גורל...

פונקט אזוי, ווי מע באזוכט ווערא̇נא, די שטאָט פון „ראָמעאָ און דזשוליא", אזוי קלעטערט מען אויפן בארג „פאלעטא", אזוי איז מען עולה צום „פעלדז פון איליע".

...איליע האָט זיך געעלטערט אויף דער פאשע — אונדז צו לאנגע יאָרן — אין פריידן און מי.

די שאָף האבן זיך צוגעהערט פארחלומט צו זיין פייפל און מיטגעפילט יעדן טריל פון דער דוינע.

ווי א שעפעלע האָט אויך דאָס שיקסל לענוצא זיך געוויגט אין זיסע חלומות פון בענקעניש, אויף די טענער פון פארכישופטן פלייטל.

איליע און לענוצא האָבן זיך אלץ בעסער פארשטאנען, כאָטש די יאָרן האָבן זיי ווייט צעשיידט.

איר בענקעניש האָט דערוואַרעמט זיינע אלטע געבליטן.

די דוינע האָט זיי ארומגענומען און ארייגעצויגן אין איר כישוף.

דאָס יונגע בלימל אויף דער פאשע האָט זיך צעבליט.

אין שאָטן פון דיביימער איז א סוד פון צארטער פרייד באהאלטן.

...וויבאלד דער ווינטער איז געקומען, זענען די שעפעלעך אראָפּ אין דאָרף.

לענוצא האָט ווייטער נעהאָלפן איליען באַזאָרגן די טשערעדע. האָט אין שאָטן פון דער כאַטע זייער סוד זיך ווייטער נעסודעט.

א בלויער וואָלקן האָט נעוואַכט איבער זיי און זיי געשיצט קעגן נייניר. דאָך האָט זיך א גיפטיקע כמאַרע אַריינגעריסן און זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט צווישן די שכנים.

מע האָט אָנגעהויבן שושקען צווישן די ציין, באַרעדן אויף א קול:

— אַזאַ יונג שיקסל מיט אַזאַ אַלטן תרח... „פוי... פוי!...

לענוצא איז אַוועק פון דער היים. זי האָט זיך אַריבערגעצויגן צו די שעפּעלעך, אין דער כאַטע פון איליען.

איליע האָט געליטן פון רחמנות אויף לענוצאַן.

די בייזיקע חכמות און זידלערייען האָבן אים שטאַרק פאַרדראָסן און געבוזיערט אין זיין נשמה.

אין שלאָף האָט ער מיט פחד דערזען, ווי טייוולאָנים טאַנצן אַרום דער כאַטע, חוזקן און זידלען זיי ביידן.

האָט איליע אין מיטן נאַכט זיך אַרויסגעגנבעט פון דער כאַטע, געלאָפן איבער די בערג, געטריבן פון נישט-גוטן.

...אויפן שפּיץ פון פעלדז איז ער געבליבן הענגען. זיין נשמה שוועבט איבער א טיפן תהום.

...לענוצא איז אַוועק אין דער וועלט אַריין...

אויפן „פעלדז פון איליען“ זענען אויסגעקריצט נעמען. חתימות פון טיפן גלויבן, אַז ליבע איז שטאַרקער פונעם טויט...

דער פעלדז, וואָס רופט זיך „שטיין פון איליע” אָדער „באַשרי-בינער שטיין” איז אויסגעוואַקסן צו א סימבאָל פון אייביקער ליבע.

## 21

א לאַסט-אויטאָ איז געשטאַנען אויף א זייטיקער גאַס און זיך נע-וואַרעמט אויף דער זון. מיכל און נאַש קוקן אַרום אויף א נס.

— לאָמיר זיך אַריינכאַפּן אין לאַסט-אויטאָ און אַוועקפאָרן, אַרי-בערשווימען דעם טייך און רוף מיך קנאַקניסל...

— מע דאַרף דערווייל צוואַרטן, ביז עס וועט טונקל ווערן... דער־נאָך וועלן מיר זען.

— יאָ, ס'איז פאַראַן אַ בעל־הבית איבער דער מאַשין.

ער איז אַרויסגעקראָכן מיט אַ קעסטעלע וואַסער אָפּצוקילן דעם מאָטאָר.

מיכל וויל אים עפּעס אַ פרעג טאָן, אָבער דער שאָפער גייט גיך אַריין אין שטוב.

דער שאָפער, ווייזט אויס, וואַרט אויף אַ ווינטל, אויף דער אָוונט־קילקייט. ער וויל נישט פאָרן אויף דער היץ.

...אַ הייסער שאָטן דרייט זיך אין קרייז, ווערט אַלץ קלענער און פאַרשווינדט...

נאַש און מיכל גייען איצט אַראָפּ דעם באַרג. ס'איז קיין סימן פון שאָטן נישט מער געבליבן.

דער שאָפער טוט זיך אָן די ווינטע — יאַק און לאָזט אָן דעם מאָטאָר פון דער מאַשין.

נאַש און מיכל קלעטערן אַרויף אויפן לאַסט־אויטאָ, גלייך מע האָט זיי איינגעלאַדן.

— וואוהין פאָרט איר? וואָס ווילט איר?

— מיר פאָרן מיט דיר. וואוהין דו פאָרסט, פאָרן מיר אויך...

— וואָס הייסט? ווער זאָגט אייך, אַז איך פאָר?...

— ס'איז קלאָר אַז דו פאָרסט... אַז דער מאָטאָר גייט...

— איך פאָר אויפן פראָנט.

— אויסגעצייכנט... מיר פאָרן אויך אַהין... נעם, פאַררויכער אַ ציגאַרעט. מיכל דערלאַנגט אים אַ פּעקל ציגאַרעטן.

קלערן, קלערט ער ביי זיך: לאָמיר נאָר אַרויספאָרן, וועט ער פאָרן אַהין, וואו מען באַדאַרף...

...דער לאַסט־אויטאָ פאַרקערעוועט קיין מזרח צו. די שטאָט איז צעשטערט, האָט דער שאָפער געראַטעוועט, וואָס סע האָט זיך געלאָזט און אַהער געבראַכט.

איצט פאָרט ער צוריק צום גאַרניזאָן.

עס פאָרט זיך שלעכט אויף אַ זייטיקן וועג, פול מיט גריבער און לעכער. עס נעמט דיר אַרוים די קישקעס.

דער וועג איז אָבער זיבעריג. מע קאָן נישט וויסן. אויף דער הויפּט־שאָסיי קאָן מען באַגעגענען מיליטער אָדער, ווער ווייסט, וואָס פאַרא אַנ־שיקעניש, וואָס פאַרהאַלט די מאַשין און הייסט דיר פאָרן, דער רוח ווייסט וואו...

הוידעט מען זיך אויף דעם שטומפּיקן וועג, ארויף און אראָפּ, עס טרעסעט דיר ארוים די געדערים.

אויך אויף דעם זייטיקן וועג האָבן נאַכטיקע פאַרשווינען געוואָלט סטאָפּירן די מאַשין.

דער שאָפער איילט זיך. ער וויל נישט שטיין בלייבן. ער האָט זיך זיינע עסקים.

די פּאַסאַזשירן זענען באַלאָדן מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס. נאָר די זעקלעך אינטערעסירן איצט נישט. דער שאָפער וויל פון גאָרנישט וויסן.

זיי ווינקען צום אים, אפשר דאָך...

— פאָר ווייטער, פאָר ווייטער — הערט זיך מיכלס שעפּטשענדיק קול אין דער פינצטער.

דער לאַסט־אויטאָ בוצקעט זיך, וואַרפט זיך איבער לעבער און שטיינער.

נאַש און מיכל האַלטן זיך ביי די הענט, זיי זאָלן נישט ארויסטאַנצן פון דער מאַשין.

פּלוצעם פּאַק־פּאַק... עס האָט געקראַכט. דער קויטשוק האָט געפּלאַצט.

ס'איז נישט ווייט פונעם שטעטל יאַנקאַ.

מיכל און נאַש לאָזן איבער דעם שאָפער זיך ווייטער פאָרען ביי דער מאַשין...

מיר וועלן זיך נאָך טרעפן... אפשר קומען מיר באַלד צוריק... ביז דו פאַרריכסט דאָס ראָד...

...זיי לאָזן זיך גיין צופוס ווייטער...

די זון בריט שוין אויפן צעניט. מידע שלעפּן זיי זיך אין זיג־זאַג...

...אויף דער באַנק, לעבן אַ פּלויט זיצט אַ פרוי מיט אַ טאָרבעלע סע־מעטשקעס. זי ברומט פאַר זיך אַ דוינע:

איך האָב איין לײַ־
און ס'טוט מיר ווײ...
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא...
פאר א טרינק
דארף איך צוויי...
טרא־לא־לא, לא־לא...

מיכל שטעלט זיך גישט אָפּ וועגן א פּאָר נישטיקע סעמעטשקעס. ער קויפט ביי איר דאָס גאנצע טאָרבעלע און פרעגט, צי זי האָט נאָך סע־מעטשקעס.

— יאָ, ס'איז פאראן — און זי לאדט אים איין אין שטוב.

זי דרייט זיך אוים צו גאשן:

— סאָלדאט, וואָס שטייסטו אין דרויסן, קום אריין...

איז נאש אויך אריינגעגאנגען אין שטוב.

די שטוב האָט צוויי הייף, פאָרנט און הינטן.

א וואָגן פאָרט אדורך די ארקאדע צו די שייערס פון הינטן.

ס'איז א בנין פון אן איינפאָר־הויז פון פאָריקן יאָרהונדערט.

פון ביידע זייטן דורכגאנג זענען טירן.

לינקס וואוינט די פרוי. רעכטס האָט זי אריינגעלאָזט די צוויי זעל־נער.

זיי האָבן זיך באדאנקט פאר דער מוטערלעכער אויפנאמע.

זי האָט זיי דערלאנגט מאמעליגע מיט מילך.

מיכל האָט געבראכט א פלעשעלע בראָנפן.

די אלטיטשקע האָט זיך גאָר דערפרייט און ווידער געזונגען:

אם און לעו —
שי וורעאו סע בעאו...
טרא־לא־לא, לא־לא־לא...
שי ניטש אטשעלא נו־אי אל מעו —
טרא־לא לא, לא־לא...

ס'איז געוואָרן פריילעך. אלע האָבן געזונגען.

מיכל האָט זיך גענומען האָפּקען א האָרע, — האָט זיך די אלטיט-קע צעוויינט. זי ווייסט גישט, וואו אירע קינדער זענען פארפאלן גע-וואָרן.

— גאָט זאָל זיי באשטראָפן די רשעים, וואָס האָבן אויסגעטראכט מלחמות און אָנגעצונדן א וועלט, ברענען זאָלן זיי אין אייביקן פייער...

## 22

ווען די גרופּע אלעף איז אָנגעקומען צו דער הילצערנער כאטע, צום טרעף-פונקט, האָבן זיי געהאָפט, זיך דאָ צו טרעפן מיט נאש און מיכל...

זיי האָבן זיך דערווייל איינגעאָרדנט צווישן די ביימער. אויב סע וועט שטארק רעגענען, וועלן זיי זיך ארייננכאפּן אין דער כאטע.

...ביז צו דער טרעפונג מיט לונגון דארף מען נאָך צוואווארטן א גאנ-צע וואָך.

וואָס טוט מען?

אז מע טוט גאָרנישט, קומען טרויעריקע געדאנקען.

א גאנצן טאָג קוקן זיי ארום אויף דער גרופּע „בית"...

וואו זענען זיי? נאש און מיכל? לעבן זיי נאָך?

ווען די גרופּע אלעף איז געלעגן באהאלטן אין קוסט, האָבן די זשאנ-דארן צווישן זיך געטענהעט, אז זיי האָבן געכיי געכאפּט די אנדערע פּארטיזאנער.

— פּוסטע רייד, אונדז איבערצושרעקן...

— זיי האָבן זיך זיכער אויך געראטעוועט. נאָר וואו זענען זיי?...

אלעף האָט פארלוירן די געדולד לאנג צו ווארטן:

— וויקו, לאָמיר עפּעס צו זיך נעמען פון די גוטסקייטן, וואָס דו האָסט געבראכט...

וויקו האָט ארויפגעבראכט פון סינאיא א פולן רוקזאק מיט סאל-אמי, קעז, ברויט און מאקאראָני — אויך א פלאַש זעקס-און-ניינציק-גראדיקן ספּירט מיט א קילאָגראם באָנבאָנעס.

דער פּראָוויאַנט דאַרף גרייכן אויף אַ וואָך, איז באַשטימט געוואָרן, נאָר איינמאָל אין טאָג איבערצוכאַפּן, און אויף דער נאַכט, פאַרן שלאָף אַ גלעזל יש.

דעם ספּירט האָט וויקו אויסגעמישט מיט די באַנבאָנעס, איז דער־פון געוואָרן אַן אמתער ליקער.

ס'האָט אַלעף פּאַליובעט נאָך אַ גלעזל, צו דערוואַרעמען די נשמה אין אַ רעגנדיקער נאַכט.

וויקו איז אָבער געווען פאַר דיסציפּלין און אויסגעהאַלטן, וויאַזוי מע האָט באַשלאָסן.

האָט יורי איבערגענומען די ווירטשאַפט און האָט פּאַרמאַצעווטיש באַשטימט די טעגלעכע ראַציעס.

דער הונגער קלעטערט אויף נאַקעטע ווענט, אויף עקרהדיקע ביימער.

וויקו האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן שפּיץ בוים זען, וואָס עס טוט זיך דאָ, אַרום און אַרום... וואו קאָן מען זיך אין אַ נויטפאַל אויסבאַ־האַלטן?

ווי אַ מאַלפּעלע איז וויקו געשפּרונגען פון איין צווייג צום אַנדערן, געקראָכן פון איין בוים אויפן אַנדערן, — האָט ער אַנטדעקט די לאַנקע מיט מאַלענעס.

די אכילה שאַפט אַ מחיצה צווישן זאַטע און הונגעריקע, טיילט אָפּ און פאַרפרעמדט איינעם מיטן אַנדערן.

דער הונגער פּאַרקיטעוועט, באַזייטיקט חברישע אומשטימיקייטן, פאַרהאַרטעוועט צו גראַניט און שמידט אויס צו שטאָל פריינדשאַפט און ברידערשאַפט.

אַלעף איז געווען אין זיבעטן הימל פון די אַנטדעקטע מאַלענעס.

אמת, ניִשט יעטוועדער איז גלייך ביי דער אכילה. איינער עסט, ווייל ער איז הונגעריק, אַ צווייטער עסט מיט פאַרגעניגן, אַ דריטער מיט שטאַר־קער הנאה, אַ פערטער מיט זשעדנעקייט, אַ פיפטער אויףביידע פּיס־קעס, אַ זעקסטער האָט גרויסע אויגן — און בלייבט געפּלעפּט...

...קאָן מען זיך דען זאַט עסן פון מאַלענעס אַליין?

מחשבות האָבן זיך פאַרכליניעט.

...א חלום פון מאלענעס האָט זיך זיי געחלומט. גרויסע, זאפטיקע מאַלענעס, וואָס צעטאָפּען זיך אין מויל.

פארשיכורט, ווי פון שפּאַנישן שאמפּאַניער, האָבן זיי אָנגעפּולט דעם קאשקעט און אַלע קעשענעס מיט מאלענעס.

אַלץ אויסגעליידיקט און ווידער געיאָגט נאָך פרישע מאלענעס.

סע האָט נאָך נישט רעכט געטאָגט, האָט זיך אריינגעריסן אין חלום א נעבעך פון „הימל עפן דיך".

א בער, גרויס ווי א בארג, שטעלט זיך אוועק פאר זיי, אויף די הינ־טערפיס און שרייט געוואלט.

די פארטיזאנער אנטלויפן, גלייך דער הימל פאלט איין איבער זיי.

דער חלום איז צערונען געוואָרן אין דער סאמע מיט פונעם חלום, ווייל ווי נאָר די פארטיזאנער האָבן זיך דערנענטערט צו דעם מאלע־נעוואטע וועלדל, האָט דער בער זיך צעדונערט מיט זיין נעבעדום און האָט זיי פאריאָגט.

די בערעכע איז שטארק אויפגעבראכט.

— זיי וועלן שוין פארזאָגן קינדס־קינדער, צו קריכן אין פרעמדע סעדער, ברומט די מאמעשע צו אירע אייניקלעך, די שפּילעוודיקע בע־רעלעך.

— זעט נאָר, זעט, ס'איז זיי גאָרנישט געגוג, פאר אָט די צוויי־פּי־סיקע, ס'איז זיי נאָך אַלץ צו ווייניק, זיי האָבן איינגעשלונגען א וועלט, קו־מען זיי נאָך ראבעווען אונדזערע פארמען, אונדזער אדמה מקדמונים, וואָס מיר האָבן נאָך בירושה פון אונדזערע אור־אור־אבות. אזעלכע שמאטעדיקע צוויי־פיסלדיקע.

— אפילו די פעל רייסן זיי אונדז אראָפּ פון די ביינער.

— אַלץ איז ביי זיי פון גזלה־גנבה, זיי פוצן זיך אוים מיט משונה־דיקע קאָלירן, זיי ווילן דערמיט אויסנעמען ביי אונדז...

מיר מוזן זיין שטענדיק אויף דער וואך, כדי אָפּצוהיטן אונדזערע מאלענעס.

— וויאזוי איר דערזעט נאָר איינעם פון די מלאכי־חבלהניקעס־דערלאנגט זיי א ברומעלע, ווי שטארק איר קענט נאָר, וועלן זיי איינגע־זונקען ווערן פאר שרעק.

— נעדענקט זשע קינדערלעך, בערעלעך מיינע, מיר דארפן פאר־טיידיקן אונדזער וואלד, אונדזער היים, קעגן די צווייפיסלדיקע שונאים, מיט אלע מיטלען...

## 23

די אלטישקע פון יאנקא איז געווען צופרידן מיט אירע זעלנער.

— „טראָגט א פוקס א ביקס אין פיסק".

— א ביקס רעגירט די וועלט. באזונדערס אין צייטן פון מלחמה, זאָגט די אלטיטשקע.

זי דארף איצט נישט לעבן אין מורא, זי איז געשיצט פון מיליטער.

עס וואקסט אויך איר האָפענונג, אז זי וועט נאָך זען אירע קינדער־וואָס מיכל און נאש ווינטשן איר פון גאנצן הארצן...

...דער שאָפער האָט איבערגעלאָזט דעם לאסט־אויטאָ און איז צו־ריקגעפאָרן אויף אן אנדערער מאשין, ברענגען א ראָד פון דער היים.

אייגנטלעך האָט ער געקאָנט געפינען אונטערוועגנס געגוג רעדער פון פארלאָזטע צעבראָכענע מאשינען.

מילא, ווער קאָן וויסן, וואָס ער האָט בדעה, וואָס ער טראכט צו טון...

עס שטעלן זיך אָפּ אין שטעטל יאנקא אלץ מער דייטשן. זיי דרייען זיך דאָ ארום, ווי נאָך א בהלה.

זיי האבן טענות צו דער וועלט, וואָס האָט זיי פארראַטן,

— איר זענט אונדזערע פריינד. איר וועט אונדז נישט פארלאָזן. מיר האָבן אין איינעם פארגאָסן אונדזער בלוט... צוזאמען וועלן מיר דורכהאלטן ביז צום סוף. הייל! זיג...!

מיכל שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

פאר אונדזער זיג, פאר אונדזער קריג!...

...מע דארף צואיילן דעם נצחון.

— אפשר האָט די גרופע „אלעף" געפונען א פארבינדונג מיטן צענ־טער...

אויך די גרופע „בית" וויל דערגיין אהין וואָס גיכער...

אויב נישט דאָ, וועלן זיך די גרופּעס מסתמא טרעפן דאָרטן.
דאָס וועלדל ביים צענטער איז תמיד פול מיט פּאַרטיזאַנער.
מע וועט זיך פאַרבינדן מיט אַנדערע און דורכקעמפן ביז צום סוף פון נצחון. וויאַזוי מע וועט באַשליסן... דאָ אַרומבלאָנדזשען איז פאַר-לוירענע צייט.
...אין שטאָט האָבן זיך נאָש און מיכל דערשלאָגן צום שטאָב פון דער אַרמיי. האָט מען זיי געפירט צו אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג, וואָס דאַרף אויפקלערן זייער סיטואַציע און באַשטימען וואָס ווייטער...
דער קאַפּיטאַן פון דער אויספאָרשונג האָט זיי אויסגעהערט און גע-הייסן וואַרטן. ער וועט אָנפרעגן.
ס'איז איצט נישט קיין צייט פון גריבלען זיך.
אויבנאויפיק איז די אויספאָרשונג אַ זייער פּשוטע:
אַ פאַררעטער ווערט באַזייטיקט אָן קאָפּ-דרייעניש. געוועזענע גע-פאַנגענע שיקט מען דערווייל אויפן פראָנט, זיי זאָלן זיך אָפּקויפן זייערע זינד.
אין איינציקע פאַלן איז די סעלעקציע געווען קאָמפּליצירטער.
אַ דייטשער געפאַנגענער האָט דערקלערט, אַז ער האָט נאָך אין דער היים, אין האַמבורג, געאַרבעט פאַר די אַמעריקאַנער. האָט ער ענערגיש פאַרלאַנגט אַ פאַרבינדונג מיטן אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר.
אַ יונגערמאַן האָט אומשולדיק געשמייכלט, גלייך אים קאָן גאָרנישט געשען, פאַרקערט, מע דאַרף אים אויסצייכענען.
אמת, ער האָט געאַרבעט אין דער געסטאַפּאָ פון אָדעס, אָבער נאָר לטובת די רוסן און ער האָט דאָרט געראַטעוועט אַ סך יידן, זאָגט ער.
נאָך אַנדערע וואַרטן אויף מעדאַלן.
צוויי פריינד, איינער שטיל-מעלאַנכאָליש, דער אַנדערער, איינהאַנ-טיק, אָבער פלינק און זייער געשיקט. ער וואַרפט מיט אַ מעסער און טרעפט געננוי אין פינטל.
מע האָט זיי, מיט עטלעכע חדשים צוריק, פּאַראַשוטירט. די זשאַנ-דאַרן האָבן זיי געכאַפּט און פאַרשפּאַרט.

מע האָט זיי פאַרמישפּט צום טויט, אָבער נישט אויסגעפירט דעם מישפּט.

זיי זענען אַנטלאָפן פון דער תפיסה אין א סאַמאָטאָכע פון באַמבעס און איצט זענען זיי דאָ אין סעלעקציע-פּונקט.

דער אויספאָרשער האָט זיי געגלויבט. זיי האָבן א סך געוואוסט.

דער איינהאַנטיקער האָט באַשריבן די קלענסטע זאַך מיט אַלע פּי-טשעווקעס.

פון דעם שטעטל, וואָס ער האָט זיך אויסגעוויילט אַלס געבוירן-אָרט (געווען איז ער א מינסקער) האָט ער געקענט אַלע סודות. האָט ער גע-קאָנט דערציילן שעהן-לאַנג איבער אַלע שכנים פון זיין גאַס און פון אַנדערע געסלעך, איבער זייער האַנדל און וואַנדל און אפילו, וואָס עס האָט זיך זיי געחלומט און נישט געחלומט...

דעם קאַפּיטאַן האָט זייער אימפּאָנירט, וואָס די צוויי אינפאָרמאַטאָרן באַרופן זיך אויפן גענעראַל.

נאָש און מיכל דערקלערן, אַז זיי האָבן אויך די זעלבע רעקאָמענ-דאַציע.

איז געבליבן, אַז אַלע פיר זאָלן פאָרן צום ראַפּאָרט.

דער קאַפּיטאַן טעלעפאָנירט, אָבער ער קריגט נישט די פאַרבינדונג מיטן גענעראַל.

מוז מען נאָך צוואַרטן...

דער אָפּקלייב-פּונקט געפינט זיך לעבן דער טינע. זענען פיר יאַטן געזעסן ביים וואַסער און געוואַרט אויף א שיפל.

דער איינהאַנטיקער, וואָס רופט זיך ראַסקאַל, האָט געשפּילט אויף א האַרמאָשקע. באַזונדערס איז ער געווען פאַרליבט אין טאַנגאָס. דערצו האָט ער געגנבֿעט געוואוסט, ווען און וואו מע האָט א געוויסן טאַנגאָ געזונ-גען און ווער עס האָט אים געשאַפן. מיט איין וואָרט: א היסטאָריקער פון טאַנגאָס.

מיט זיין האַרמאָשקע האָט ראַסקאַל זיך אויסגעקויפט אַלע זינד.

ענדלעך יאָוועט זיך א שיף. וואָס פאַרט קיין אָדעס. זאָל זיין אָדעס. ווייטער איז גאָט א פאָטער...

די מאטראַסן פון דער שיף זענען גלייך געווען מסכים, מיטצונעמען די יאַטן מיט דער האַרמאָשקע.

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט זיך צוערשט געקווענקלט. דער ים־זוען איז איצט אומזיכער. פון ווענן די מינעס און באָמבעס איז מען נישט באַוואָרנט מיטן לעבן...

נאָר צולעצט זענען זיי דאָך אַרויף אַרויפן שיפל.

מיטן טאַנגאָ־הימן „שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ"... איז דאָס שיפל אַרוים אויפן ים, באַגלייט פון דער פריילעכער האַרמאָשקע...

# 24

— קערן מיר זיך אום צו דער גרופּע „אַלעף",

וואָס וועלן זיי דאָ לאַנג זיצן?

די גרופּע „בית", די גרופּע „גאָש" באַווייזט זיך נישט.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ שוואַכע האָפענונג, אַז „אַלעף" מיט „בית" זאָלן זיך טרעפן, ביים שוואַרצן קלויסטער.

דאָס וואָלט געווען אַ שטאַרקע איבערראַשונג און אַ גרויסע פרייד.

...אַלעף, וויקו און יורי שפּאַנען ווייטער איבער די בערג, ביי טאָג אונטער דעם פּלאַץ און נעכטיקן אונטער אַן אַנדערן בוים.

האָבן זיי דערזען שוועמלעך.

וויקו האָט זיך גלייך געכאַפּט צום קלייבן. יורי האָט אים פאַרהאַלטן:

— מע דאַרף דאָך וויסן, וואָס איז עסעוודיק און וואָס איז גיפטיק.

— אָט די שטאָלצע שוועמלעך מיט דער שלאַנקער טאַליע, מיט פּעפּיטאַ־קליידעלעך, זענען זייער שיין און אַפּעטיטלעך, אָבער גיפטיק. גיפט איז רייצנדיק.

יענע שוועמלעך, די געפּינטלטע מיט רויטע טופּעלעך, דאַכט זיך, זענען אויך נישט כשר.

די מיוחסת מיטן שירעמל, יום-טובדיק אויסגעפוצט, און אוודאי טרפה.

נאָר די וואָכעדיקע, פּשוטע שווּמעלעך, זענען עסעוודיק. ווייסלעך-גרויע שוועמעלעך, וואָס באַהאַלטן זיך באַשיידן צווישן די גראָזן, זענען נישט געפערלעך.

אָט די, וואָס קריכן אויף דיביימער, די חוצפּהדיקע, טויגן נישט...

אהין-אהער. וויקו האָט אוועקגעוואָרפן אלע שוועמעלעך. ווער קאָן וויסן, וואו דאָס גיפט ליגט באַהאַלטן?

— לאָז עס גיין צו אלדי גוטע יאָר...

זיי לאָזן זיך ווייטער גיין צום וואָקזאַל.

...א פול געשטאָפּטער צוג, נישטאָ קיין פּלאַץ פאר א שפּילקע-קעפּל.

כאַפּט זיך די גרופּע „אלעף" ארויף אויפן דאך פון א וואַגאָן.

ס'איז נאָר א נס, וואָס זיי זענען נישט אראָפּגעפאלן, ווייל אויפן דאך איז אויך געווען גענוג פּאַסאַזשירן.

דער דאך פון וואַגאָן איז דערצו נאָך רונדלעך — משופּעדיק.

האָט מען זיך אָנגעהאלטן אין בלעכענעם קאַנט פון דאך, ביי די ראַנדן, אין דער מיט — און זיי זענען בשלום אָנגעקומען.

די גאַסן — פון וואָקזאַל צו דער שטאָט — זענען געווען פול מיט מענטשן, ווי אין אַן עולם-התוהו.

מע האָט זיך געדרייט, ווי אין א קאַרוסעל פון לונא-פּאַרק.

מען איז אויפגערודערט. מע ווייסט נישט, אויף וואָס פאר א וועלט מען איז.

ס'איז נישט געשטויגן — נישט געפלויגן...

— די דייטשן, אונדזערע אייגענע אליאירטע, באָמבאַרדירן בוקאַרעשט.

רומעניע האָט אויסגעדרייט דעם דישעל...

די רומענישע ארמיי קעמפט איצט קעגן די דייטשן, קעגן זייערע געוועזענע פאַרבינדעטע...

די רוסישע טאַנקען זענען שוין ביי די טויערן פון דער הויפּט שטאָט...

די נאַצים אַנטלויפן ווי מייז, ווען די שיף גייט זיי אונטער...

יורי, וויקו און אלעף זענען נשתומם געוואָרן, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

ס'איז נישט צום גלויבן, אזא איבערקערעניש...

זיי זענען געלעגן אין וואלד, געקלעטערט אויף די בערג און אראָפּ־געקומען שוין נאָך אלעמען...

ס'איז שוין פארביי צוויי טעג, זינט דאָס אלץ האָט פּאסירט און זיי האָבן דערפון גאָרנישט געוואוסט...

זיי דרייען זיך ארום שווארצן קלויסטער.

פאר זייערע אויגן איז איצט אלץ ווייס, עס בלענדט זיי די ליכטיקע זון. זייער הארץ איז פול מיט פרייד און האָפערדיקייט.

זיי דרייען זיך ארום, ווארטן אומגעדולדיק אויפן חבר לונגו, ווי אויפן דערלייזער, ער זאָל זיי אָנזאָגן, וואָס זיי האָבן צו טון.

נאָר לונגו קומט נישט.

דער שטאָט־זיינער קלאַפּט אלץ שטארקער, ער וועקט דאָס געוויסן, ער רופט צו דער עבודה.

שוין די העכסטע צייט. אין אזא הייסן מאָמענט, אָן א פארבינדונג, וואָס טוט מען?

דערנעבן איז א קליטל פון צוקערקעס. געבעקס איז נישט פאראן. דערפאר איז דאָ האלווא, טערקישער האלווא, וואָס צעטאָפּעט זיך אין מויל.

זיי קייען האלווא און קוקן ארויס אויף לונגון, זייער דערלייזער.

אזוי לאנג עס קייעט זיך, נישקשה, מעג ער פארשפּעטיקן. לונגו איז ערשט אָנגעקומען, ווען עס האָט זיך געענדיקט דאָס קעסטל האלווא.

יורין דרייט זיך דער מאָגן. ער האָט זיך איבערגעגעסן מיט האלווא.

לונגו איז זייער פארנומען. ער האָט קיין צייט נישט לאנג צו ברייען.

— עס האָט זיך איצט אלץ געביטן. דאָס פארשטייט א יעדער איינער. איצט איז נישט מער די רייד פון פארטיזאנער־אויפטועז. מיר באהאלטן זיך נישט מער אין וואלד. מיר קעמפן אָפן אויפן ברייטן קאָנטינענטאלן פראָנט פון גאנץ אייראָפּע קעגן פאשיזם און נאציזם.

— אלץ דארף זיין גרייט פארן פראָנט, פארן זיג.

איצט הייסט עס, פארקאטשען די ארבל, זיך צוגרייטן צו גרויסע פּאָ־ליטישע געשעענישן.

יעדער דאַרף זיך איינרייען אין דעם אַנטיפאַשיסטישן פראָנט...

— איר וועט אָפּליגן די פּאַרטיזאַנישע בגדים, דאָס הייסט, די או-ניפאָרמען אייערע, זיך איבערטון, ווערן ציוויל, און פאָרן אין דער הויפּטשטאָט.

לונגו פירט די גרופּע „אלעף" אין א קאָנספּיראַטיווער שטוב, ארום פון דער שטאָט, און הייסט זיי דאָרט וואַרטן.

עס דויערט נישט לאַנג און אנשטאָט לונגו מיט די בגדים, באַווייזט זיך א פּאַטראָל, וואָס זוכט דעזערטירן און פאַשיסטן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס.

די גרופּע „אלעף" לעגיטימירט זיך. נאָר עס העלפט נישט. דער פּאַטראָל פירט די גרופּע צו דער קאָמאַנדע...

# 25

דאָס קריגס-שיפל האָט פּאַטראָלירט לענגאויס די ברעגעס פון ים טאָמער די נאַציס האָבן פּראָבירט זיך צו ראַטעווען איבערן ים, האָבן די כוואַליעס זיי פאַרשלונגען.

דער שיפס-קאַפּיטאַן רימט זיינע אינסטאַלאַציעס, וואָס זענען בכוח אויך מינעס אומשעדלעך צו מאַכן.

ער האָט וואָס צו דערציילן, ער שטאַמט נאָך פון די פּאָטיאָמ-קינצעס. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין אויפשטאַנד.

א שטורמיש לעבן, פול מיט אוועגטורעס.

דער ים דרימלט מיט אָפענע אויגן. ער וואַרעמט זיך און שטרעקט זיך אויף דער הארבסטיקער זון. ער הערט זיך צו צו די ים-געשיכטעס פון קאַפּיטאַן און שמייכלט צופרידן.

נאַש און מיכל וואָלטן זיך באַדאַרפט אָפּרוען, נאָר זיי ווערן מיטגע-ריסן פון קאַפּיטאַנס פאַנטאַסטישער דערציילונג, וויאַזוי ער האָט אונ-טערגעטונקען א דייטשן סובמארין.

אַזוי לאַנג דער ים כוואַליעט נישט, איז גוט, שלאָפט מען אין האַ-מאַק, ווי אין אן אייגן בעט.

א בלייערנער שלאָף נעמט אַלץ ארום. חלומות וויגן זיך נישט אין האמאק...

...עס האָט זיך אויפגעוועקט דער ים אין מיטן נאכט. א שרעק האָט אים ארומגעכאפט. ער טומלט, מאכט טומבעס, קייקלט זיך אַלץ העכער און העכער, אויף דער לייטער צום הימל.

נאש שפּרינגט אראָפּ פון האמאק. ער האלט זיך ביים בויך, ער כאפּט זיך אָן ביים קאָפּ. ער לויפט ארויף אויפן דעק.

עס דויערט נישט לאנג, פולט זיך אָן דער דעק מיט בלייכע פּאסא־זשירן, פארשלאָפענע, וואָס ראנגלען זיך, ארויסצוגעבן די נשמה פו־נעם גוף.

די מאטראָסן שפּאצירן ארום, ווי קאָסמאָנויטן אויף אַן אנדערן פּלא־נעט. זיי בארירט נישט די ים־שלאָפקייט. זיי טרייסטן אַלעמען:

— באלד, באלד, נאָך אזא שטורעם, ווען דער ים האָט שוין אויסגע־געבן די מעזינקע אין ווידער רואיק, דער ים איז מיד, די כוואליעס לייגן זיך צוריק אין זייערע בעטלעך און שלאָפן אויסגעשעפּט און צופרידן, ווי נייגעבוירן.

דער פעלדשער באוויזט נישט יעדן צו העלפן. העלפט מען זיך אליין, און איטלעכער גיט עצות.

זאָגט איינער:

— איך האָב זיך מיין רפואה. זינט עס האָט אָנגעהויבן דער שטורעם, נעם איך גאָרנישט אין מויל אריין, א כזית אפילו נישט.

א צווייטער זאָגט:

— פארקערט, מע דארף עסן, ווי געוויינטלעך, אז נישט, פאלט מען פון די כוחות...

# 26

דעם קאפּיטאנס דערציילונגען דערמאנען נאש זיין אמאָליקן וויזיט אין אָדעס.

...די אָדעסער באַרימען זיך מיט זייער אָפּערע. די געביידע איז זייער שיין און אפשר נאָך שענער פון דער ווינער אָפּערע. דער זעלבער אַרכי־טעקט האָט אויפגעבויט ביידע אָפּערעס.

נאָשן אימפּאָנירט נישט שטאַרק דער בנין. אפשר דערפאַר, מיינט ער, ווייל די אָדעסער אָפּערע איז באַשעדיקט פון דער מלחמה.

אָבער היות ער קען נישט די ווינער אָפּערע, קאָן ער נישט מאַכן קיין פאַרגלייך. נאָש דערמאָנט זיך בלויז אין אילוסטרירטע קאַרטלעך, אַז די ווינער אָפּערע איז לעבן א פּאַרק מיט א ברייטער אַלעע.

מיכל וויל בילכער זען אַן אויפפירונג פון אַן אָפּערע אָדער באַלעט.

דער באַגלייטער זאָגט זיי צו, אַז ער וועט זיך באַמיען צו באַקומען בילעטן. נאָר ער איז נישט זיכער.

א סך קינסטלער פון דער אָדעסער אָפּערע פעלן איצט. זיי זענען געוואָרן עוואַקואירט.

די קינסטלער האָט מען געשאָנעוועט און אָפּגעהיט.

— איר זאָלט הערן זיי זינגען, פשוט ספערן־מוזיק, נישט אַנדערש. זיי קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט די גרעסטע קינסטלער פון דער וועלט.

למשל אַזאַ אויפפירונג ווי „ספּאַרטאַקוס" פון כאַטשאַטוריאַן איז מרעיש עולם.

די מאָלדאַוואַנקע איז נישט ווייט. נאָש און מיכל האָבן געזען דאָס הויז, וואו איסאַק באַבעל איז אויפגעוואַקסן.

זיין אין אָדעס און נישט באַזוכן די מאָלדאָוואַנקע?...

די מאָלדאָוואַנקע איז די נשמה פון אָדעס. פון דעם קוואַרטאַל שטאַמען באַבעלס העלדן.

די מאָלדאָוואַנקע האָט אויסגעשמידט זייער כאַראַקטער.

אין דעם הויז פון באַבעל גייט מען אַריין דורך א טויער.

אין די וואוינונגען קומט מען אַריין פון הויף.

אַז מען עפנט א טיר טרעט מען אַריין אין א ברייטן גאַניק מיט גרויסע שויבן. אויפן גאַניק איז אויך די קיך.

זיצט זיך גדליה אויפן גאַניק מיט א נאַכט־מיצל אויפן קאָפּ, איינ־געהילט אין א כאַלאַט פון באַבע טאָלצעס צייטן און טרינקט טיי.

דער סאמאָוואר קאָכט און זידט. גדליה לאַדט איין זיינע געסט, מיכל און גאָש, צו א גלעזל טיי.

כאַפּט מען א שמועס.

— אין באַבעלס גאַס איז געווען א קוזניע, דערציילט גדליה געלאַסן, האָט מען דאָ אויך געקאָוועט פערד.

פלעגן זיך פארזאַמלען אין הויף די פערד-גנבים. זייערע מבינים האָבן באַשלאָסן, וועלכעס פערד עס האָט די ווערט אוועקצוגנבענען...

איסאַק באַבעל האָט פאַראייביקט די מאָלדאָוואַנקע.

דאָ האָבן געלעבט נישט נאָר פערד-גנבים.

דאָ האָבן רעוואָלוציאָנערן אויסגעשמידט דעם רויטן אָקטאָבער.

גדליה אנטשולדיקט זיך, וואָס די שטוב, דער גאַניק איז נישט איינגעאָרדנט, ווי סע דאַרף צו זיין.

ער האָט זיך דאָ ערשט נישט לאַנג אריינגעצויגן.

בשעת דער מלחמה האָט ער געלעבט אין א באַהעלטעניש, אין א קעלער, און געאַרבעט אין אן אומלעגאַלער קוזניע.

אויף באַבעלס שטוב האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, איז זי פאַרוואַרלאָזט געוואָרן.

אין זכות פון באַבעלס „אָדעסער דערציילונגען" האָט מען אים צוגעטיילט די שטוב.

— זאָל די וועלט וויסן און געדענקען דעם שרייבער פון דער מאָלדאָוואַנקע איסאַק באַבעל און זיין העלד, גדליה דער אנטיקוואַר.

גדליה היט אָפּ די אָדעסער ירושה, דעם גוטן שם פון באַבעלס מאָלדאָוואַנקע...

מיט זיינע אַלטע כוחות האָט גדליה געשמידט וואָפן אין קעלער פאַרן קאַמף קעגן שונא פון דער מענטשהייט.

— דאָס שווערט פון דער רעוואָלוציע טאָר נישט פאַרזשאַווערט ווערן, האָט ער ביי איסאַק באַבעל געלערנט. און איצט, רחמנא-לצלן, איז באַבעל אויך אומגעקומען דורכן שווערט...

— וואָסער שווערט?...

— איך ווייס... אפשר — מיינס...

...נאש און מיכל זענען צוריקגעגאנגען צום פּאָרט. זיי נעכטיקן אין דער שיף, מיט וועלכער זיי זענען געקומען, ביז זיי וועלן זיך אוועק־פּעקלען פון דאנעט.

מע האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן נישט קומען שפּעט. ביינאכט דרייען זיך ארום פינצטערע עלעמענטן, וואגאבאָנדן פון דער מלחמה. מע דאַרף זיך היטן, נישט געניזוקט צו ווערן.

...פון יענער זייט איז דער הימל פּורפּור־רויט. די זון איז האלב פאַר־זונקען אין ים.

עס פאַרשווינדן פּאמעלעך רייפטלעך זון, אוועקגעשניטן פון א רויט געשליפן שווערט.

...נאַש און מיכל גייען אראָפּ די טרעפּ, וואָס פירן צום פּאָרט.

זיי בלייבן ביסלעכווייז שטיין אויף די שטאַפּלען פון דער הויכער לייטער, פאַרטראכטן זיך, איידער זיי נידערן אראָפּ, זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט אויסגליטשן.

דאָ טרעט מען אויף טרעפּ פון היסטאָריע, אויף די קרבנות פון דער פּאָטיאָמקין־מרידה.

דאָס זענען די מאָנומענטאלע טרעפּ פון העלדישן מאטראָסן־אויפ־שטאנד.

אין מארק אייזענשטיינס פילם „פּאָטיאָמקין" זענען די טרעפּ א שלאכטפעלד פון עולים ויורדים.

די טרעפּ שפּיגלען אָפּ א סימבאָלישן פארמעסט צווישן צוויי וועל־טן....

א גאנץ קיילעכדיק יאָר זענען די פּשוטע טרעפּלעך אן אויסגעטרע־טענער וועג, וואָס שטייגט ארויף צום צאָל־אמט און נידערט אראָפּ צום פּאָרט־דעפּאָזיט.

אין פילם „פּאָטיאָמקין" זענען עס גורלדיקע טרעפּ אויף דער היסטאָ־רישער לייטער פון רעוואָלוציע.

דער קינסטלערישער אמת איז מער איינדרינגלעך און אויפטרייס־לענדיק ווי די רעאליטעט.

— קוואָד עראַט דעמאָנסטראַנדום.
אזוי זאָגט נאַש...

# 27

די שטוב, וואוהין לונגו האָט אריינגעפירט די גרופּע „אלעף“, איז מער א סאלאָן. א זאַל פון איבער הונדערט פלעצער פאַר זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

אָבער קיין בענקלעך זענען נישט געווען. דער זאַל איז געווען ליידיק.

האָבן זיך וויקו, יורי און אלעף אויסגעשטרעקט אויפן דיל, מיט די רוקזעק צוקאָפּנס.

— בייטן וואָס גיכער די פעל און ארוים אויף דער עלעגאַנטער גאַס, האָט זיי אָנגעזאָגט לונגו.

— אָבער וואָס וועלן זיי איצט טון אין דער הויפּטשטאָט? וואָס פאַר אַן ארבעט דערוואַרט זיי?

זיי געהערן דאָך צום פראָנט און צו דער אוואַנגאַרד — וואָס זשע הייסט מען זיי בייטן די אוניפאָרם?

— האָט זיך, הייסט עס, שוין געענדיקט איין פאַזע פון זייער קאַמף און איצט הויבט זיך אָן א ניי קאַפּיטל מיט נייע געראַנגלען...

זיי זענען ארוים אויף דער ליכטיקער שיין און דוקא, דעמאָלט, ווען זיי פילן זיך פריי, ווי דער פויגל אין גרינעם וואַלד, ווערן זיי ארעסטירט.

...גראָד איצט זענען זיי אריינגעפאלן.

געמיינט האָט דער פּאַטראָל, אז זיי האָבן געכאַפּט א גרופּע פאַשיסטן, וואָס ווילן נישט קעמפן קעגן די היטלעריסטן, וואָס זענען פאַרקויפט מיט לייב און לעבן צו די נאַצים.

די דירה איז פריער געווען א פאַשיסטישע נעסט. שפּעטער, אז מען האָט די פאַשיסטן באַזייטיקט פון דער מאַכט, האָבן אנטיפאַשיסטן באַניצט די וואוינונג.

דאָס וויסן אָבער נישט אלע. קומען א טייל זיך אויסבאַהאלטן דאָ, אָדער ארומנישטערן אין דער אלטער נעסט.

האָט מען נאָכגעשפּירט דער באהעלטעניש.

אין די-אנטשיידנדיקע הייסע טעג, האָט מען פאַרדעכטיקט יעטוועדן, וואָס באוויַיזט זיך דאָרטן, בפרט נאָך אין א מיליטערישער אוניפאָרם.

ביי דער אויספאָרשונג האָבן די פּארטיזאנער פארטיידיקט זייער אידענטיטעט, אז זיי זענען, לויט זייער מארשרוט, סאָלדאטן מיט א באַזונדערער מיסיע.

— דער מאיאָר בייזערט זיך:

— ס'איז אלץ ליגן. איר געהערט נישט צום יעגער-באטאליאָן 189

איר זענט נישט פון קיין טראנסמיסיע. וואָס פארא טעלעפאָן-פארבינדונג פארריכט איר דאָ?

לויטער ליגנס... מיר האָבן זיך דערקונדיקט. דער יעגער-באטאליאָן איז שוין מיילן-ווייט פון דאנען, אין איינעם מיט זיין טראנסמיסיע-קאָמפּאניע.

— איר זענט דעזערטירן, פאשיסטן...

...ווי גיך האָט זיך דאָ אלץ געביטן...

ערשט נעכטן האָט מען געבושעוועט קעגן קאָמוניסטן, און היינט מאכט מען ראציעס אויף פאשיסטן...

— ליידיקט אויס די קעשענעס, די רוקזעק אויך, באפעלט דער מאיאָר.

...די גאנצע קאָמענדאטור איז פאר שרעק פארגליווערט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען די גראנאטן און מינעס, וואָס זענען געלעגן אין די קעשענעס. פון יעדן רוקזאק האָט ארויסגעשטארצט א צונויפגעלייגט מאשין-געווער...

מיט אזויפיל געווער האָט די גרופּע „אלעף" געקאָנט איינוואַרפן דעם גאנצן בנין, א גאנצן קווארטאל.

די מיליטער-לייט זענען ערשט צו זיך געקומען, ווען מען האָט די פּארטיזאנער אראָפּגעפירט אין קעלער...

# 28

נאַש און מיכל הוידען זיך אין לאַסט-אויטאָ.

...חורבות, צעשטערטע טאנקען און קאנאָנען, אראָפּגעשאָסענע אוויאָנען זענען צעזייט און צעשפרייט איבער די אמאָליקע שלאכט-פעלדער...

...מיט דער פאַרשטאָט-באַן זענען נאַש און מיכל גלייך אַרויסגע-
פאָרן צום וועלדל פון פּאַרטיזאַנער.

זיי האָבן זיך נייגעריק אַרומגעקוקט.

ווער איז דאָ נאָך פאַרבליבן פון באַקענטע?

איז נאָך עמעצער פאַראַן פון פריער?

די זעלבע דאַטשעס, די זעלבע גערטנער, די זעלבע ביימער...

יאָ, די פאַרבן האָבן זיך געביטן.

אין פרילינג איז געווען אַלץ צאַרט און פלאַטערנדיק. איצט זענען די פאַרבן מידע, אָפּגעהאַרעוועטע, פון אויסשטיין אַזוי פיל רעגנס און היצן.

...דער זומער האָט געבראַכט גרויסע נצחונות. די מלחמה איז גע-וואונען. איצט דאַרף מען פאַרזיכערן דעם שלום.

דאָס וועלדל באַקומט זיין אַמאָליקן, סאַמאַראָדנעם כאַראַקטער. עס ווערט ווידער אַן אָפּרו-אָרט, אַ דאַטשע לעבן דער הויפּטשטאָט.

ס'איז אָבער ווייטער פאַרבליבן דער נאָמען „פּאַרטיזאַנער-וועלדל", אַלס זכר פון דער מלחמה.

נאַש און מיכל האָבן נישט מער אָנגעטראָפן די חברטע מאַגדאַ. זי איז אויפן פראָנט. זי אַרבעט אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון אַ די-וויזיע.

סוועטלאַנאַ נעמט זיי אויף. זי איז איצט אויף מאַגדאַס אָרט.

סוועטלאַנאַ איז מער דיסטאַנצירט. מע פילט נישט די נאָענטקייט און האַרציקייט פון מאַגדאַן.

סוועטלאַנאַ רעדט צו דער זאַך, אָבער מיט באַגייסטערונג.

ס'איז פאַר איר אַלץ קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך.

זי איז האָפערדיק און גלויביק, ווי עס געהערט צו זיין.

— אָט-אָט, שפּרייט די רעוואָלוציע איבער אַלע עקן פון דער וועלט. עס איז אַלץ צו ווייניק און גאָרנישט גענוג.

— די רעוואָלוציע איז אַ קאָסמיש געזעץ.

דורך רעוואָלוציע האָבן זיך געשאַפן אַלע פּלאַנעטן און קאָנטינענטן.

די רעוואָלוציע באַשטימט אויך די ביאָלאָגישע אַנטוויקלונג.

די רעוואָלוציע איז דאָס לעבן אַליין.

וואויל איז צו דעם, וואָס לעבט און קעמפט פאר דער רעוואָלוציע...

— און אייערע צוקונפטס-פּלענער?

...מיכל האָט זיך ביי זיינעם: פון לאנג שוין האָט זיך ביי אים אנטוויקלט א פּלאן, א באשיידענער. ער וויל אויספּארטיקן א פּאָליוואלענט געצייג, א מין כל-בוניק, וואָס קאָן אלץ, שניידן, העמערן, בויערן, פיילן וכדומה...

— וואָס דארפסטו אזא אוניווערסאַלן אינסטרומענט, אז דו ביסט אליין א פאקטאָטום?

נאָך קען שוין פון לאנג מיכלס פּלענער. ער האָט זיך צו זיי נישט מער צוגעהערט. ער האָט מער באטראכט סוועטלאנאן.

איר ענערגישער גאנג, איר זיכערקייט, איר זוניקע צורה... זענען אים געפעלן.

פּלעגן שפּאצירן, נאָך און סוועטלאנא, אין לאנגע פארנאכטן און קורצע אָוונטן, איבערשמועסן, דיסקוטירן...

סוועטלאנא האָט פאנטאזיע און אנטוויקלט סטראטעגישע פּלענער, וואָס פאראייניקן די גאנצע וועלט...

— מע דארף פאַרזעצן דעם קאמף, כדי צו געווינען די מאסן, אריינציען דאָס גאנצע פאָלק אין שטראָם פון דער רעוואָלוציע...

...אין דער שטילער אָזערע, נישט ווייט פון וועלדל, איז זייער אָנגענעם זיך צו באָדן.

נאָר דער גרונט איז לײמיק, בלאָטיק, איז גלייכער נישט אדיינצוגיין, נאָר אריינצושפּרינגען, אריינצושווימען אין וואסער.

באמיט זיך סוועטלאנא, נאָך אויסלערנען שווימען. צוערשט אויף דער טריקעניש, דערנאָך אין וואסער.

אויף דער טריקעניש איז, פארשטייט זיך, לייכטער צו שווימען.

— דו מוזט זיך אויסלערנען שווימען — טענהעט זי.

זי קוקט אים גלייך אין די אויגן, גלעט זיינע שלייפן, זיינע אויגן, גלייך זי היפּנאָטיזירט אים.

— מיט א יארמעלקע, מיט באָרד און פאות וואָלטסטו געקאָנט זיין א רב. פארשטייט זיך, א מאָדערנער רב, א היינטצייטיקער, וואָס זאָל-

ארויספירן די פרומע, רעליגיעזע, אפגעשטאנענע שיכטן פון דער פינצ־טערניש, צום ליכט.

דאס איז א רעוואלוציאנערע און אויך א מעסיאנישע אויפגאבע.

— דו קענסט די דריבנע אותיות, האסט דאך געלערנט אין א ישיבה.

— האסט שוין פארגעסן!? וועסט זיך מיט דער צייט דערמאנען, וועסט זיך צונרייטן... וועט מען מאכן פון דיר א רב. ס'קאן גאר קיין בע־סערער נישט זיין. צוערשט אין א קלענערער קהילה, דערנאך וועסטו אנ־פירן אלע קהילות פון לאנד...

נאש האט זיך ברייט פאנאנדערגעלאכט:

— איך א רבי? דו שפאסט!? פאנטאזירסט? אדער ביסט, כ'וויים וואס...

— אפשר גלוסט זיך דיר גאר ווערן א רביצן?

...נאש וועט זיך קיינמאל נישט אויסלערנען שווימען...

אזוי האט סוועטלאנא געטראכט...

## 29

די קאמענדאטור האט זיך אומגעקוקט און איינגעזען, אז לויטן אויס־זען, לויט דער באנעמונג... אפשר דערפאר און אפשר וועגן די כלי זין...

זיי האבן געוואלט וואס גיכער פטור ווערן פון די פארטיזאנער און האבן זיי אוועקגעשיקט צום צווייטן ביורא פון ארמיי־שטאב.

דער גענעראל פון אינפארמאציע־ביורא איז געווען איבערראשט פון דער באגעגעניש, האט זיך אנטשולדיקט, וואס מע האט זיי פארדעכ־טיקט און פארשפארט אין קעלער, נאכדעם, וואס זיי האבן דערקלערט, אז זיי זענען פארטיזאנער.

ער וועט גלייך שאפן א פארבינדונג מיטן גענעראלשטאב.

נאר דערווייל מוז מען צוווארטן, ביז עס וועט זיך אויפקלערן דער ענין.

— ווייל מע דארף זיין באווארנט.

— אז מע וועט זיי נאָכאמאָל כאפּן מיט פאַלשע פּאַפּירן, ווער ווייסט, וואָס סע קאָן פּאַסירן? אין דער בהלה, אין דער איבערקערעניש, איז מען קיינמאָל נישט געגוג באוואָרנט. מען איז נישט זיכער מיטן לעבן... זיך לאָזן אין וועג אריין, אזוי הויי־הוי, איז זייער געפערלעך...

די גרופּע „אלעף" איז נישט געווען פארשפּארט. זיי זענען פריי ארומ־געגאנגען.

פון דער אַרטיקער באפעלקערונג זענען א סך סאקסן אנטלאָפן מיט די דייטשן.

עס האָבן זיך דאָ ארומגעדרייט א סך מיליטער־לייט און אגענטן פון צווייטן ביוראָ.

...די אגענטן האָבן עפּעס באזונדערס אין זיך: א קעצישן גאנג, א כיטרען בליק, א פארדעכטיקן קוק, אויגן קרייזן ארום, גלייך זיי זעען גאָרנישט, פּלוצים ווארפן זיי זיך אויף עפּעס, שטויסן אָפּ און כאפּן צוריק...

די אגענטן האָבן זיך געוואונדערט, וואָס זוכן דאָ די דריי פּאר־טיזאנער, פארשטעלט אין אן אוניפאָרם?

זיי האָבן אָנגעקוקט די פּארטיזאנער פון קאָפּ ביז פוס, כדי זיי גוט צו פארגעדענקען.

די פּארטיזאנער איז דאָס ווייניק אָנגעגאנגען. זאָלן זיי קוקן, אַז עסק האָבן זיי...

דערווייל זענען פאָרגעקומען אויספאָרשונגען...

— ווער איז אייער קאָמענדאנט? — פרעגט דער גענעראל.

— אלעף איז אונדזער אָנפירער.

האָט דער גענעראל אלע מאָל געלאָזט רופן אלעפן, אים דערקלערט, אז ס'איז נישט לייכט זיך צו פארבינדן מיטן גענעראלשטאב.

— נאָר די צייט שטייט נישט, די געשעענישן יאָגן זיך, אז עס שווינ־דלט פאר די אויגן, איז דער אינפאָרמאציע־דינסט גרייט, זיי דערווייל צו באשעפטיקן, כדי זיי זאָלן נישט ארומגיין בטל.

מיר געהערן דאָך צום גענעראלשטאב, פארענטפערט זיך אלעף, אָז זיין וויסן, אָן זיי הסכמה, קאָנען מיר זיך נישט אנגאזשירן...

— אויב אזוי קאנען מיר איך דאָ נישט לאנג האלטן, האָט דער גע־נעראל אומצופרידן געענטפערט.

א צווייטן טאָג האָט זיך דער שמועס איבערגעחזרט.

דער גענעראל האָט אָנגעהויבן שטעלן אנדערע קשיות, סטראטע־גישע, טאקטישע, אויסצופרואוון זייערע קענטעניש...

— מיט וואָס פארא מיטלען פארשפארט מען דעם ריקצוג פון די פאשיסטן?...

— מיט סאבאָטאזש אין הינטערלאנד, אויפרייסן בריקן, צעשטערן וועגן, אויפשטעלן באריערעס, וועגטקעס. מיט שווערער ארטילעריע... דערצו געהערט אויך א פסיכאָלאָגישע, מאָראלישע צעטומלונג פון שונא.

דער גענעראל האָט זיך ארייגעלאָזט אין א לאנגער חקירות און ארויסגענומען א סטראטעגישע קארטע און געוויזן, וואו און ווי אזוי מע דארף דאָ האמעווען דעם דייטשן ריקצוג און נעמען אין געפאנגענשאפט גאנצע ארמייען...

אלעף האָט זיך באדאנקט פאר דער מיליטערישער לעקציע און דער גענעראל האָט באדויערט, וואָס מען קאָן נישט ענגער צוזאמענארבעטן.

— ס׳איז פאראן דער גוטער ווילן. נאָר לאָמיר מער נישט רעדן דערפון.

...דעם אנדערן טאָג האָט די גרופע פארטיזאנער, אלעף, יורי און ווי־קו, באקומען דעם געהעריקן אויסווייז, אויף צו פאָרן אין דער הויפט־שטאָט און אויך צידה לדרך...

# 30

סוף כל סוף, פירן אלע וועגן אהיים.
דער וועג האָט געדויערט אכט יאָר, 1936 — 1944.
א לאנגער וועג. א סך גרענעצן געשווארצט.
פון בוקארעשט ביז מאדריד.

און צוריק צו וועגס, נאָכן שפּאַנישן בירגער-קריג, אינטערנירט אין די לאַגערן פון פראַנקרייך און אַלזשעריע, באַפרייט פון לאַגער דזשעלפאַ אין 1943.

און ווידער איבער ימים און לענדער.

איצט פאָרט די גרופּע „אַלעף" אַהיים — א קאַצנשפּרונג...

די גרופּע „בית" דאַרף מאַכן א נישט קורצערן שפּרונג.

...אַלעף, וויקו און יורי זענען אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט אין סאַמע ברען פון געשעענישן.

וויקו האָט געפונען זיינע קרובים.

אַלעף האָט אויסגעזוכט זיין שוועסטער.

די תפיסות האָבן נעעפנט זייערע טויערן, די מענטשן זייערע הערצער.

יורי איז אויפגענומען געוואָרן מיט א סך ליבשאַפט פון אומבאַקאַנטע חברים, וואָס זענען ערשט ארויס פון דער תפיסה. דאָס לעבן איז געוואָרן אַלץ רעשיקער, קאָכעדיקער. א וועלט מיט ארבעט. מע ווייסט נישט וואָס פריער צו טון.

די יאַטן האָבן געאַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן פון פּאַרטיידיקונג, פּראָפּאַגאַנדע, קולטור...

מע דאַרף אַלץ אָנהייבן פון פאָרנט און פאַרזיכערן די צוקונפט נאָכן זיג איבער די פאַשיסטן.

נאַש און מיכל זענען שפּעטער אָראָפּגעקומען...

מע האָט זיך נישט רעכט ארומגעזען... מיטגעריסן פונעם שטראָם זענען זיי גלייך אריין אין דער ארבעט.

עס האָבן געפעלט פּאָליטישע, אָרגאַניזאַטאָרישע קאַדערס.

אַלץ ווערט איבערגעבויט און אויפגעבויט, אין פולן ברען פון דער מלחמה, אויף די חורבות פון דער אַלטער וועלט.

מאַגדאַ האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי און איז פאָרויסגעגאַנגען קיין מערב.

מאַגדאַ איז צוגעטיילט געוואָרן דער פּראָפּאַגאַנדע-סעקציע, אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „אַוואַנגאַרד".

די רעדאַקציע, וואו מאַגדאַ האָט געאַרבעט און דער פאַרלאַג וועלכן אַלעף האָט אָנגעפירט, זענען געווען אין דעמזעלבן בנין.

אזוי ארום האָט זיך די נאָענטע פריינדשאַפט פון אלעף און מאַגדא באַניִיט און אויפגעפרישט.

...איר כאַראַקטער האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אויפן פראָנט.

איר שמייכל, איר אינטאָנאַציע האָבן זיך מאָדיפיצירט.

די שטריכן פון איר פּנים זענען געוואָרן שטרענגער, באַמערקט אלעף, אָבער דאָך חנעוודיק און אָנציענדיק.

אָן אָריענטאַלישע שיינקייט האָט געשאָטנט אין אירע טיפע, שוואַרצע אויגן.

כאָטש מאַגדא אַנטוויקלט באַפעלערישע געדאַנקען, קלינגט מילד איר צעקרישעט קול.

איר האַרץ ציט זי צו ראָמאַנטישע אידילעס.

אימפּאָנירט האָט איר תמיד, מער פון אַלע יאָטן, אלעף.

זיין פעסטער גאַנג, זיין ברייט-ביינערדיקע האַלטונג, זיינע פּרינציפּן פון אייזערנער דיסציפּלין, זיין הערשערישע שטים, זיין אַנטשלאָסנקייט האָט געוועקט פאַרטרויען און סימפּאַטיע צו אים.

זי האָט אין אים געזען דעם געבוירענעם קאָמענדאַנט, דעם באַצווינגער פון שונא.

אין פּאַרטיזאַנער-וועלדל פלעגט זי פירן מיט אלעפן לאַנגע געשפּרעכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ גייסטיקע און פּסיכישע נאָענטקייט, טיפע געפילן פון צוגעבונדנקייט.

זיי האָבן אין איינעם אַנאַליזירט די פּאָליטישע סובטיליטעטן פון דער אַלגעמיינער לאַגע, פון דער ניי-געשאַפענער וועלט-סיטואַציע און די פּערספּעקטיוון פון די וויטערדיקע קאַמפן.

מאַגדא האָט פּאַרויסגעזען פאַר אלעפן אַ הויכן טשין, אַ וויכטיקן ראַנג.

זי האָט דערפאַר אלעפן פאָרגעשלאָגן צום מיליטערישן אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער-גרופּע.

— מאַגדא זאָל זיך נאָר נישט טועה זיין, האָט וויקו ביי זיך געטראַכט.

אלעף אַלס קאָמענדאַנט איז אים נישט צום האַרצן. אָבער ער וועט אַכטונג געבן אויף אים.

וויקו האָט געטראָגן די פּאָליטישע פאראנטווארטלעכקייט. אין א גרעסערער פּאָרמאציע וואָלט ער געווען פּאָליט־קאָמיסאר.

ס'איז א פּאָליטישע אויפגאבע צו פאָרמירן צוקונפטיקע קאדערס.

— די צוקונפט איז גאָר נאָענט. זי שטייט פאר דער טיר. אין איצטיקן מאָמענט איז אפשר וויכטיקער צו זאָרגן פאר דער צוקונפט, ווי פאר דער קעגנווארט.

...א חוץ דעם איז אלעף געוואקסן אין וויקוס אויגן. זייט מאגדא ווייזט דייטלעך ארויס איר סימפּאטיע צו אלעפן, הן פּאָליטיש, ווי אויך סענטימענטאל.

דאָס הייסט, אז אויף אלעפן קאָן מען זיך פארלאָזן. זיין שוועסטער איז א בעסערער מבין פון אים.

די נאָענטקייט צווישן מאגדאן און אלעפן איז שפּעטער נאָך קלאָרער געוואָרן. צוליב אלעפן איז זי נאָך דער מלחמה פארבליבן אין דער הויפּטשטאָט.

מאגדא איז בטבע געווען א שטרענגע, אן אנטשלאָסענע, מיט אן אימפּאָנירנדיקער האלטונג.

בנוגע אלעפן איז זי געוואָרן א מילדע, א צארטע, א זאָרגעוודיקע, א מוטערלעכע.

עס האָבן זיך אנגערופן פארבאהאלטענע אקאָרדן...

# 31

מאגדא האָט פאָרגעשלאָגן א סצענאר: „די זון גייט אויף אין מזרח", א פילם וועגן באפרייטן היימלאנד.

דעם פילם־רעזשיסער האראלאמב האָט די אידעע געפעלן.

ער וועט באניצן די וואָכן־זשורנאלן פון דער ארמיי, ארייננפלעכטן די שיינקייטן פון די בערג, ווייזן די פארברידערונג פון פארבינדעטע ארמייען און פעלקער און אלס אפּאָגיי — די באפרייאונג.

האראלאמב ארבעט צוזאמען מיטן קאמפאזיטאר הערשל נחמן.

הערשל פלעכט צונויף פאלקס-מאטיוון מיט מאדערנער, אטאנאלער מוזיק.

די ארבעט איז נישט לייכט אנגעקומען. אלע מאל גייע איינפאלן

— מיר פארלירן זיך אין קליינקייטן, שרייט האראלאמב. עס דארף זיין א צענטראלער פונקט, א הויפט-טעמע. לאמיר אריינברענגען די גרופע פארטיזאנער — „בערג".

— מע דארף פייערן די העלדן ביים לעבן, נישט נאכן טויט.

דאס איז א וויכטיקער סוזשעט.

— איצט, צו דער ארבעט. מע דארף שמידן דאס אייזן, אזוי לאנג ס'איז הייס.

הערשל דער מנגן האלט אים אונטער.

עס בינדן זיך ביי אים גלייך אקארדן צווישן בארג סיני און די קארפאטן.

די תורה פון יושר און גערעכטיקייט הילכט אראפ פון די בערג.

עס שפרייזט דער נביא פון באעוולטע און געליטענע פון דור המדבר צום בעיישט ביז — אחרית הימים.

ער שפרייזט איבער וועלדער און בערג און קינדיקט אן דער וועלט די נייע אמונה...

דער קאנסולטאנט איז אין פרינציפ מסכים. נאר ער האלט, אז מען זאל נישט אנהייבן מיט ששת ימי בראשית. מע דארף גלייך צוטרעטן צו די געשעענישן, צו דער אקציע, דאס איז וויכטיק-אין מעדיאם רעם.

— עס האט קיינער גאר אנדערש נישט געטראכט, שטרייכט אונטער האראלאמב.

— מיר וועלן אנהייבן גלייך מיט שפאניע. זיי זענען דאך אינטער-בריגאדיסטן.

— חס וחלילה, וואו ביסטו פארקראכן אין יענע מדבריות? שמייכלט דער אינסטרוקטאר.

— נו, איז גוט, ווייזן מיר דעם צענטער, דעם פארטיזאנער-וואלד, וואו עס קאנסטיטואירט זיך די גרופע „בערג".

— א שיינער מהלך פון צענטער ביז צו אונדזערע „בערג".

— אויב אזוי זאָל זיין נעענטער. הויבן מיר אָן דערמיט, וואו פּאַרטיזאַנער גייען דורך קיינעמלאַנד, אָדער גאָר דורך איבעראַל-ווייער-לאַנד.

— ס'איז צו קאָמפּליצירט, מיין ליבער האַראַלאַמב, פּאַרציט די נאָז פּיליפּ, דער קאָנסולטאַנט. מיר האָבן אויך נאָך אַנדערע גרופּעס פון פּאַרטיזאַנער, מיר טאָרן זיך נישט אַזוי צעשפּרייטן...

— איך מיין, שלאָגט פאָר דער אינסטרוקטאָר, עס זאָל זיך אָנהייבן מיט א שולפּייערונג. די פּאַרטיזאַנער דערציילן פאַר די שילער. מע זעט זיי אָנקומען אין זייערע מונדירן מיט א סך מעדאַלן.

— פאַר אַן עפּישן פילם איז עס א גוטע אידעע. רעטראָספּעקטיוו ווייזט מען דעם באַרג, דעם „גרויסן שטיין", די כאַלופּעס, די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער באַזע.

— א רייכער פּייסאַזש. מע ווייזט אים דורך די פענצטער פון צוג, ווען זיי פאָרן אין דער הויפּטשטאָט.

— לאָמיר שוין האַלטן דערביי. מע דאַרף נאָך צוטראַכטן... מע וועט זען...

— איך האָב צוטרוי צו דיין קינסטלערישן געשמאַק און צו דיין פּאָליטישער אינספּיראַציע...

## 32

האַראַלאַמב האָט זיך נישט געלאָזט. ער האָט צוגעגרייט א סצענאַריע מיטן טיטל: „דער וואַלד אין נעפּל" — ווייל די טעטיקייט פון דער פּאַרטיזאַנער-גרופּע „באַרג" איז אומבאַקאַנט און פאַרנעפּלט...

האַראַלאַמב האָט פאָרבעטן די פּאַרטיזאַנער צו מאַכן אַן עקסקורסיע און אַרויפקלעטערן צו דער פּאַרטיזאַנישער באַזע, צום „גרויסן שטיין", וואו עס האָבן זיך געפונען די כאַלופּעס פון טענענצווייגן, דער דעפּאָזיט פון אַמוניציע און מינעס, פאַרגראָבן אונטער א סקאַלע, דער גרוב וואו די פּאַרטיזאַנער האָבן אינסטאַלירט זייער קיך, דער קוואַל, פון וועלכן זיי האָבן געשעפּט וואַסער, דער שפּיץ באַרג, פון וואַנען זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיטן צענטער...

בקיצור, הארא‎לאמב, וויל פאָטאָגראַפירן דעם גאַנצן ארום, רעגיס-טרירן דעם פויגל-געזאַנג, און אויב עס לאָזט זיך, אפילו אויפכאַפּן אויפן טאָן-באַנד די וועוורי‏קלעך, וואָס האָבן גענגבעט דעם צוקער...

מאַגדא האָט געבעטן, מע זאָל צוּוואַרטן. זי וויל אויך מאַכן די עקסקורסיע אין די בערג.

...נאָר ארויסגעשטעלט האָט זיך באַלד, אַז זי גרייט זיך חתונה צו האָבן, און דאָס איינגיכן...

— מיט וועמען וויל זי דאָס חתונה האָבן?

יעדער האָט געמיינט, אַז זי איז שוין אַ חתונה געהאַטע פון לאַנג-וואָרעם — זי זעט טאַקע גוט אויס, נאָר זי טראָגט שוין אַ היפּש פּעקל יאָרן מיט זיך. זי איז עלטער פון אלעפן.

— ווער איז דער חתן?

וויקו ענטפערט נישט און אלעף שמייכלט...

ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.

מאַגדא און אלעף גייען חתונה האָבן.

וויל זי פּראָוון אַ חתונה-מאָלצייט אויף די בערג, אויף דער אַמאָליקער באַזע פון די פּאַרטיזאַנער.

גיי, ווייס...

האָט מען געפּראַוועט אַ חתונה...

דערנאָך איז מען ארויסגעפאָרן אין די בערג.

מיכל האָט אַלץ צוגעגרייט פאַר אַ חתונה-פּיקניק. הערשל האָט מיטגעבראַכט זיין אַקאָרדעאָן. די לבנה האָט געלויכטן.

איז געווען פריילעך, ביז אין בלויען טאָג אריין.

הא‎ראַלאמב האָט געמאַכט אַ סך אויפנאַמעס.

אַפילו די וועוורי‏קלעך האָבן אָנטייל גענומען אין דער סעודה.

צוליב דער כלה האָט נאָך געזונגען דאָס שפּאַנישע ליד: „קאַרמעלאַ מיא, קע גוּאַפּאַ ערעס..."

מע האָט זיך אַלץ מער דערמאָנט און דערציילט פון יציאת „בערג"

אויסגעשעפּט פון מידקייט, אויסגעליידיקט די זכרונות, האָט זיך דער עולם אומגעקערט אהיים.

# 33

למאי זאָל איך ליגן זאָגן, ס׳איז געווען א פריילעכע חתונה...

— פארוואָס האָט סוועטלאנא און נאָך נישט חתונה? — פאלט מיכל אריין אין די רייד הארלאמבן.

— וואָס פרעגסטו מיך נישט בעסער וועגן פילם?... נאָר אזוי ווי איך ווייס נישט, וועט עס מיר נישט שאטן...

— ערשטנס, דערקלערט יורי, האָט סוועטלאנא א זון, וואָס שטודירט אין דער קונסט-שול.

צווייטנס האָט די פראָפאגאנדע-סעקציע אן אנדערן פלאן.

— ס׳איז איצט נישט די צייט פון חתונות...

סוועטלאנא שוועבט צווישן צוויי וועלטן, איינגעהילט אין סודות... נאָך אין דעריבער זייער אויפגעבראכט. אויב זי האָט סודות פאר אים, הייסט עס, זי האָט נישט קיין צוטרוי, טויג עס נישט.

סוועטלאנא ווייסט זיכער, וואָס עס איז געשען מיט קאראָלי „ציגיינער", און זי וויל נישט זאָגן, כאָטש אלע זענען זייער באזארגט.

קאראָלי האָט באדארפט ברענגען די אָנווייזונגען.

ער האָט זיך נישט באוויזן. ער איז פארפאלן געוואָרן.

— ווער ווייסט, וואו ער איז שוין איצט...

— דאָס לעצטע מאָל האָב איך באגעגנט קאראָלין, א הינקענדיקן, מיט א שטעקן, ביי א פוסבאל-מעטש.

— א שאָד, זאָג איך אים, דו שפּילסט נישט מער אין פוסבאל, אוים...

זיי שפּילן דען יאָ? — קאראָלי חכמעט זיך.

— עס ארט מיך נישט אזוי דער פוס, עס ערגערט מיך נאָר, וואָס איך קאָן מער נישט שפּילן קיין פוסבאל.

— שפּיל זשע גאָלף. גאָלף שפּילט מען דאָך מיטן שטעקן.

דער עולם שרייט: גאָל-גאָל-גאָל...! זיי ווילן נאָר גאָלם.

— דער עולם איז נישט מער ווי גערעכט. מ׳שטיינס געזאָגט, אויך

מיר פוסבאל? און דאָס שפּילט דער קלוב „ראַפּיד"... מיט געלאַמטע פּיס...

— „דינאַמאָ" איז דען בעסער? ס'איז א דור המדבר, א מלחמה־גענעראַציע. און דערצו נאָך א טריקעניש. איז מען אויסגעמוטשעט און אויסגעהונגערט.

— דער עולם אָבער האָט כוח. מע שרייט ווידער: גאָל־גאָל־גאָל...

דער ספּאָרט האָט זיך זיין אייגן וועלטל, וואָס איז חוץ למחנה און ארויס פון אלע אנדערע טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש.

פוסבאַל פאַרשיכורט און פאַרטויבט די נויט.

— פוסבאַל איז א דראַג, וואָס באַרוישט און פאַרפירט אין נירוואַנאַ.

— ביסט פאַרבליבן, קאַראָלי, א פוסבאַל־ענטוזיאַסט.

— א הינקענדיקער ענטוזיאַסט באַוואונדערט נאָך מער די טעכניק און קונסט פון פוסבאַל...

איצט שפּיל איך זיך מיטן שטעקן...

## 34

קאַראָלי הינקט אויף א פוס, שטיצט זיך אויפן שטעקן.

מען האָט אים אַראָפּגעלאָזט מיט א פּאַראַשוט אין א פינצטערן רעגן.

ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף א פויערישער כאַטע. אין דער כאַטע האָט מען געפּראַוועט א חתונה יענע נאַכט.

די מחותנים האָבן זיך דערשראָקן, געמיינט, ס'איז אן ערדציטערניש, זענען זיי אלע ארויסגעלאָפן און דערזען דעם נישט געוואונטשענעם גאַסט, וואָס קאָן נישט אַראָפּקריכן פון דאַך, מיט א צעבראָכענעם פוס.

זענען געקומען צו לויפן די זשאַנדאַרן און האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט פון שטרויענעם דאַך.

קאַראָלי איז געזעסן איינגעשפּאַרט א פּאָר חדשים. מע האָט אים נישט געמישפּט, ווייל עס האָט שוין געהאַלטן ביי נעילה.

נאָך דער באַפרייונג זענען אַראָפּגעקומען קאַדערס אים אויספרעגן.

זייט דעם באַזוך ווייסט מען נאָרנישט פון אים. ער איז אוועק מיט די געסט אַהין, וואו מע טוט אויספאָרשן און אויפקלערן, ווי אַזוי ער איז געבליבן לעבן...

זיין פרוי זוכט אים איבעראַל. זי קאָן אים נישט געפינען.

גיי, וויים, וואוהין מע האָט אים פאַרשלעפּט...

אין אַ שטוב פון דחקות האָבן געלעבט דריי ברידער און דריי שוועסטער, איינס ווי איינס, קעמפערישע נאַטורן, גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער רעוואָלוציע.

די עלטסטע שוועסטער, ריקאַ, איז אַלס קינד געגאַנגען אין דער שניי-דערישער לער. אין וואַרשטאַט האָט זי זיך באַקענט מיט אומלעגאַלער אַרבעט.

האָט זיך איר נשמה צוזאַמענגעהאָפטן מיט קאָנספּיראַציע.

האָט ריקאַ דערנאָך אַריינגעצויגן אין קאָנספּיראַטיוון קרייז איר ברודער לייבל, וואָס האָט געאַרבעט עבודת-פּרך ביי דער קאָוואַדלע.

לייבל האָט רחמנות געהאַט אויף די פערד, ווען ער האָט באַשלאָגן פּאָטקאָוועס.

— נאַרעלע, לאַכט פון אים דער קאָוואַל, די פערד זענען באַשוכט און דו גייסט אַרום באָרוועס. ס'איז אויף דיר מער רחמנות.

מער אויפגעוועקט זענען יידל און פאַני.

יידל איז געוואָרן פאַרקויפער אין אַ געשעפט, האָט זיך אויסגע-לערנט בוכהאַלטעריע, איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויף שטייערן.

ווער וואָלט געגלויבט, אַז ער זאַמלט געלט פאַר דער „רויטער הילף"?

פאַני, די קראַנקן-שוועסטער, האָט חתונה פאַר אַ דאָקטער, פאָרט מיט אים קיין שפּאַניע היילן די פאַרוואונדעטע פון בירגער-קריג.

אויף דעם שוין אויסגעטראָטענעם וועג זענען געגאַנגען דאַנאַ און עמיל.

זיי האָבן געפונען אַ לייכטערע באַשעפטיקונג, עמיל אַלס ראַדיאָ-טעכניקער, דאַנאַ אַלס מאָדיסטין.

דאַנאַ פלעגט שפּאַצירן און היטן עמילן, וואָס פאַרקלעפּט די ווענט מיט אומלעגאַלע אַפישן.

איז עמעצער אָנגעקומען, האָבן זיי זיך ארומגענומען...
קאראָלי „ציגיינער" איז א גילגול פון עמילן...
...וואונדערבאר וואָלט געווען, ווען דאנא וואָלט איצט אומגעריכט
אראָפּגעפאלן, ברענגען די מעדאלן, ווי ס'איז דעמאָלט געשען אויפן
וואָקזאל מיט מאגדאן.

# 35

נאָש איז ווי יוסף — א בעל-חלומות. האָט זיך אים שוין ווידער
געחלומט.

און כאָטש ער ווייסט, וואָס יוסף איז אויסגעשטאנען פאר זיין
חלומות-דערציילעריי, דערציילט ער זיי דאָך.

אזא איז ער נאָש.

...מיכל שטראָלט פאר פרייד:

— איר זעט. מע האָט אין אונדז ניט פארגעסן. מיר קריגן מע-
דאלן...

נאָש איז ווייניקער באגייסטערט:

— איר ווייסט דאָך, אזעלכע זאכן שפּאָרט מען נישט. די גאנצע
וועלט קריגט מעדאלן נאָך א מלחמה.

ס'איז שוין באלד אכט אזייגער, די געסט דארפן קומען.

— די געסט? זיי וואָלטן באדארפט זיין די גאסט-געבער און
איינלאדן די פארטיזאנער צו זיך.

— אזוי דארף צו זיין. אזוי איז בעסער, שא-שטיל, אָן א רעש...
פריוואט זיך טרעפן האָט אויך ניט געטויגט...

נאָר אין ביוראָ פון אלעפן, נאָך דער ארבעט, קיינער דארף ניט
וויסן, דאָרטן וועלן זיי קומען און ברענגען די אויסצייכענונגען פון
העכסטן קאָמאנדאָ פאר פארדינסטן אין דער פאָטערלענדישער מלחמה.

דערויף האָבן זיך פינף יאטן אויסגעפּוצט ווי צו א גרויסן יום-
טוב, האָבן צוגעגרייט משקה און פארבייסנס...

...דער גרינגער קראוואט פאסט נישט צום גרויען אנצוג פון אלעפן.

האט מיכל גלייך אויסגעטאן זיין רויטן קראוואט און זיך געביטן מיט אלעפן. רויט פאסט גיכער... און מיכל דארף נישט קיין קרא-וואט. ער טראגט א ספארט-העמד.

...וויסן ווייסט מען נישט, ווער עס זענען די געסט. מע האט גערעדט טעלעפאניש מיט אלעפן, איינמאל און צווייםאל.

ס'האט זיך אים אויסגעוויזן א באקאנט קול.

— אפשר איז עס דער שעף אליין, בכבודו ובעצמו... וויל אלעף זיך איינרעדן. דאס וואלט געווען אן איבערראשונג...

נאש צעלאכט זיך:

— א גדולה מיט גריוון... דער שעף האט נישט וואס צו טון... איינגנם אהער, צוליב אונדז, ארעפצוקומען.

יורי מיינט, אז דער שעף איז דווקא יא ארעפגעקומען.

איך האב אים באגעגנט, דא נישט לאנג, לעבן וויקטאריא-פלאץ. ב'האב אים געוואלט באגריסן, זיך צו אים גענטערן, האט ער בכי-וונדיק אוועקגעקוקט...

בין איך געבליבן פארוואונדערט שטיין. נאר איך האב זיך גלייך געכאפט:

קאנספיראציע... ס'איז אוים מלחמה, איז אוים חברים... מע קען זיך נישט מער... מילא...

— עס קלינגט? דער טעלעפאן? ניין, ס'איז די טיר.

אלעף לויפט גיך עפענען...

ועמען דערזעט מען?

דעם אינסטרוקטאר, וואס האט זיי געפירט צום וואלד און א באנגלייטער, ביידע אנגעטאן אין נייע קאסטיומען, נישט גאנץ נאך דער מאס, צוגעשניטן אין איילעניש...

מע נעמט זיך ארום, מע קלאפט זיך אויף די פלייצעס..

אלעף קוקט אויפן זייגער...

דער אינסטרוקטאר אנטשולדיקט זיך:

— כ'האב פארשפעטיקט? זייט מוחל.

— ניין, נישט דאָס מײַן איך, איך ווייז אייך דעם זייגער, וואָס איר, חבר קאַפּיטאַן, האָט מיר געשענקט פאַרן פאַרשווינדן אין וואַלד...

מיכל: — מיר אַלע האָבן אים מקנא געווען. אונדז האָט איר געגעבן נאָר א בוסאַלע.

— דער זייגער איז דאָך געווען אַ קאָלעקטיווער זייגער...

— יאָ, יאָ, אוודאי, קאָלעקטיוו, אָבער ניצן ניצט דער זייגער נאָר איינעם...

— מיכל, מיכל, שושקעט נאַש, פישט שוין ווידער אין לעבל...

— ס׳איז נאָר א שפּאַס, פאַרענטפערט זיך מיכל...

— וואָס מאַכט דיין פּוס בעסער, זאָג מיר, שפּרינגט איבער דער גאַסט...

— איך האָב אים געראַטעוועט אין שפּאַניע פון כירורגישע מע-סערלעך, וואָס האָבן אים געוואָלט אָפּשניידן, האָט ער מיך געראַטע-וועט אין די בערג, ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסן אין די זשאַנדאַרן און געשטעלט פּיס...

...דער אינסטרוקטאָר זעצט זיך און שטייט גלייך ווידער אויף...

זיצן איז נישט כדאי, נישטאָ קיין צייט...

דער באַגלייטער נעמט גלייך ארויס א פּעקעלע פון רעגנמאַנטל.

דער אינסטרוקטאָר לייגט עס אויפן טיש ווי א קעסטעלע מיט דימענטן, צעפּאַקט פּאָרזיכטיק דאָס זיידענע פּאַפּיר: עס באַווייזן זיך פינף פּירעקיקע קאַרטאָן-שאַכטעלעך אין דער גרייס פון א זייגערל.

ער נעמט ארויס יעדן מעדאַל פון זיין עטוי, ווי א בריליאַנט, שפּיגלט זיך אין אים און שפּיליעט זיי אָן א יעדן אין קאָלנער.

— מזל-טוב! מיינע גליקוואונטשן.

טראַכט זיך נאַש שטילערהייט:

ס׳איז א האַלבער מזל-טוב. א סעקרעטנע, אַנאָנימע אויסצייכענונג.

וואו איז דאָס ברעוועט? א מעדאַל אָן א אדרעס, אָן א צייגעניש?

— וויפל איז דאָס איצט דער ווערט?

— נישט וויכטיק — דער זשעסט איז דער עיקר...

מע וויל זיך אוועקזעצן.

— ניין, זאָגט דער אינסטרוקטאָר לאָמיר אויסטרינקען ביז צום דנאָ און נאָך אמאָל: צו געזונט! צום גליק!

— פאר דער פארטיידיקונג פונעם פאָטערלאנד!

— און געגאנגען... נישטאָ קיין צייט... זייט אונדז מוחל... מיר וועלן זיך נאָך זען...

דער באגלייטער פארקנעפּלט זיך פון אויבן ביז אראָפּ.

דער אינסטרוקטאָר האָט אראָפּגערוקט דעם קאפּעליוש ביז איבער די אויגן — און זיי זענען ביידע אויסגעווען די צייט...

...פינף פארטיזאנער זענען געבליבן מיט די גלעזלעך אין די הענט, ווי פאַרן פאָטאָגראף.

— נו, זאָגט נאש, אויב שוין יאָ אזוי, מיר זענען שוין דאָס אויך איבערגעקומען, זאָל זיין א שמחה, לאָמיר פארזוכן, וואָס פארא טעם דאָס האָט...

יעדער פון זיי האָט עפּעס געבראכט צו דער שמחה.

אלעף האָט אין זינען געהאט משקה: א וואָדקא און א ברענדי, א ווישניק...

יורי האָט באזאָרגט מיט זיסקייטן...

נאש האָט צונויפגעמישט לעבער-פּאסטעטע מיט פארשיידענע קעזן...

מיכל האָט געבראכט עפּל מיט ניס און ניסלעך...

וויקו האָט אויסגעפונען מארינירטן הערינג מיט ציבעלעס...

— וויקו, לאָז געמאך די ציבעלעס, סע וויל זיך איצט נישט ווייגען...

האָט מען די אלע גוטע זאכן אויסגעשטעלט אויפן ביוראָ.

געהייסן האָט עס, סע וועט זיין א שטייענדיק פארבייסנס, אזא מין קאָקטייל.

נאָר אז די געסט זענען אוועק, מעג מען זיך פארגינען מאכן א קערמעשל און אביסל באלאקעווען.

— דער מעדאל איז דאָך א שיינער אָנדענק...

וויקו שפּיגלט זיך אין דער אויסצייכענונג.

— נאָר אז ס'איז נישטאָ קיין ברעווועט, קאָן זיך א יעדער דער־מיט אויספּוצן.

— מיר זענען דאָך אָבער פארשריבן ערגעצוואו, אין די אנאַלן פון דער מלחמה.

— נישקשה, וויכטיקערס לאָזט מען פארגעסן אין די ארכיוון...

— איך וועל לאָזן דעם מעדאַל א ירושה פאר מיינע אייניקלעך, וואָס דארפן ערשט געבוירן ווערן...

— מע וועט זיי דיר אויסלייגן אויף א סאמעטן קישעלע צו־קאָפּנס...

— פּארקערט, צופוסנס, דער כבוד ליגט צופוסנס פארן בר־מינן...

— איז פיין, וואָס מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן, אלע אין איי־נעם. אבי מע זעט זיך.

— קומט אַלע צו מיר, דעם 10־טן אָקטאָבער, צו מיין דריי און דרייסיקסטן געבוירן־טאָג...

— וועלן מיר עסן פון מאכלים, וואָס נאָש פלעגט צוגרייטן אין די לאַגערן אויף די זאמדיקע ברעגעס...

...לאָמיר אויסטרינקען דעם לעצטן כוס...

*

אזוי פארענדיקט נאָש זיין חלום און מיכל, ווייל אן אַלטער פריינט, וואָרגט ער אים:

— זאָג נישט קיינמאָל, אז דו טרינקסט דעם לעצטן כוס...

# 36

— ס'איז נישט אזוי שפּעט, און זע נאָר, ווי פּוסט די גאסן זענען...

— אוים מורא פאר די נאָכווייענישן פון דער מלחמה...

...דער דרויסן איז פּוסט און קאַלעמוטנע. מע וויל זיך רעגענען. נידעריקע וואָלקנס הענגען איבער די הייזער.

א ווארעמער רעגן וואָלט אפשר אָפּגעוואשן דעם עיפּוש פון דער צעשאָסענער ערד, וואָלט אָפּגערייניקט די טריבע פּלאַכטעס פון דער שטויביקער אטמאָספערע...

נאָר אומזיסטע רייד. ס׳ע רעגנט נישט.

ס׳איז גיכער א נעפּל, וואָס קריכט פּויליבלעך אלץ נעענטער און נעענטער.

...פינף פּארטיזאנער זענען ארויס אויף דער גאָס, גלייך אויפן פעלד, גלייך אין וואלד...

יעדער קוקט זיך ארום, מאכט א פּאָר טריט הין און צוריק, אין פארשיידענע ריכטונגען, ווארט אויף א צייכן, אויף א פּאראָל.

איינער בלייבט שטיין, גלייך ער האָט עפּעס געפונען, פארהאלטן זיך אויף די אנדערע...

ס׳איז גאָרנישט. גייט מען ווייטער...

איינער איז פאָרויסגעלאָפן, קערט זיך אום אן אנטוישטער, נישט געפונען קיין טאקסי, בלייבט שטיין, ווארטנדיק, ביז דער צווייטער דערנענטערט זיך. קוקן זיך איבער און פארשטייען נישט, וואָס דאָ איז געשען.

די שטאָט איז פּוסט. נישטאָ קיין מענטשן, נישטאָ קיין מא-שינען, קיין אויטאָבוסן.

זיי גייען ווייטער ביז צו א צווייטן סלופּ, ביז צו א צווייטער סטאציע...

א שיכור האלט ארומגענומען א סלופּ, קוקט אויפן שילד מיט די נומערן פון די אויטאָבוסן, פון די טראמווייען:

— וואו ביסטו, טייערע מיינע, 31, 32, 33, 34, 35 ?... וואו ביסטו פארפאלן געוואָרן אין אזא פינצטערער נאכט, ליבינקע, 34, 42, 49 ?...

דער נעפּל ווערט אלץ געדיכטער, דריקט אלץ שווערער אויף דער נשמה, אויף אלע אברים — קאָנסט אים נישט, דעם נעפּל, אוועקפּאָכען מיט די הענט, אוועקטרייבן מיט די פיס...

...א קאפּעליוש קאטשעט זיך אויפן אספאלט, קלעטערט אויף די גלייכע מויערן, בלייבט הענגען אויף א בוים.

...דער נעפּל שלינגט אַלץ איין אין זיין ווייטן שלונד: דעם קאַפּעליוש, דעם קאָפּ, וואָס דער קאַפּעליוש האָט צוגעדעקט, דעם סלופּ, וואָס האָט דעם קאַפּעליוש צעקנייטשט.

...דער נעפּל זאַמלט זיך פון אַלע זייטן, נעמט אַרום די גאַס מיט די פּאַרטיזאַנער פון אויבן, פון אונטן, פון רעכטס, פון לינקס, פון דרויסן און פון אינעווייניק...

...פינף פּאַרטיזאַנער פאַרשווינדן אין נעפּל.

אין דער ווייטנס שוועבט זייער ניגון:

„אַלעף“ איז אַן אָדלער,
מיט גוטס פאַר „בית“ צאָלט ער,
די „דלת“ העלפט דעם „גימל“
אַרויפקריכן אין הימל —
די „היי“ בעט ביים „וואָוו“:
שיץ מיך פאַרן „תוו“...

# אינהאלט


דעם לייענער א פאָרוואָרט פון ח. ג. ............ 5

ערשטער טייל: רעגנבויגנס אין פרילינג .......... 7

צווייטער טייל: רעגנבויגנס אין זומער ............ 95

לעקטאָר: חיים גאָלדענשטיין
טעכנישער רעדאקטאָר: שטעפאן לעפּאָיעוו
הבחור הזעצער: צוקי צוקערמאַן

---

דרוק-פעיק דעם 27.03.1979, דערשינען 1979.
טיראזש: 350+65+40. פאָרמאט 16/50×80.
פּאפּיר טיפּ A 50,4-100×80. טיפּאָגראפישע
בויגן 11,50 פארלאג-בויגן 7,11

---

באשטעלונג נר. 2462
פּאָליגראפישע אונטערנעמונגען דער „13-טער
דעצעמבער 1918" בוקארעשט, גריגאָרע אלעק-
סאנדרעסקו-גאס נר. 89—93, סאָציאליסטישע
רעפּובליק רומעניע

ISO SCHAPIRA

# ALEF ESTE UN VULTUR

EDITURA KRITERION
București — 1979